STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11535

SEFER TAAME HA-MINHAGIM

Abraham J. Sperling

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

טעמי המנהגים

אויף עברי טייטש

כדי עס זאלען פאר שטיין גרויס און קליין.

דא ווערט גיברענגט דער טעם פון איעדין מנהג וואס מיר זענין זיך נוהג עס איז צו זאמען געקליבען פון פיהל ספרים הקדושים. אויך נאך איעדער טעם איז גיצייכינט ווי ער גיפינט זיך. און איעדער סדר איז פאר זיך גישטעלט כדי מען זאל קענין איעדין טעם תיכף גיפינין. און דער מנהג ישראל איז אתורה. על כן טאהר מען נישט משנה זיין קיין שום מנהג. אויך גיפינט מען דא דינים פון פיהל ספרים און מעשות פון צדיקים הקדושים זכותם יעמוד לנו ולכל ישראל עד עולם. אמן:

איבער גיזעצט פון דעם טעמי המנהגים

מא"ש שו"ב

לעמבערג

הובא לבית הדפוס ע"י המחבר נ"י.

בשנת תרס"ט לפ"ק

TAME HAMINHUGIM

Verlag u. Eigentum des Abraham J. Sperling.

Druck von E. SALAT Lemberg.

מודעה רבה לסוחרי ולקוני ספרים

כל החפץ בהספר טעמי המנהגים עברי טייטש
ישלח בפאסט 1 קראָנע:
וכל החפץ בהספר טעמי המנהגים בלה"ק
כל הג' חלקים
ישלח בפאסט 2 קראָנען ויקבל חפשי ע"י קרייצבאנד תח"ת
אדרעסי:

Abraham J. Sperling Lemberg
Pl. Teodora Nr. 3.

אזהרה

אדנם אוסר את שלו. ע"כ הנני אוסר לכל אדם ל הדפים חיבור־
ה במדינה זו או במדינה אחרת בלי רשות והורמנא ממני־
או מבאי כחי:

המחבר

מפתחות

	בדף
עניני הנהגות אדם בבוקר :	א
עניני ציצית :	א
עניני תפילין :	ב
עניני ברכות :	ב
עניני קריאת שמע :	ג
דארט ווערט געברענגט אסיפור	
מהרב הצדיק הקדוש רבי ר' זישא	
מיט הרב הצדיק הקדוש רבי ר'	
שמעלקי זלה"ה :	
עניני תפלה :	ד
עניני נשיאת כפים :	ה
עניני נפילת אפים :	ו
עניני קריאת התורה	ז
עניני בית הכנסת	ז
עניני נטילת ידים	ח
עניני סעודה	ח
עניני ברכת המזון	ח
עניני ברכת הפירות	ט
דארט ווערט געברענגט אסיפור פון	
הבעש"ט זי"ע	
עניני ברכות.	י
דארט ווערט געברענגט אסיפור מהרב	
הצדיק הקדוש מבארדיטשוב.	
אין פון רבינו אליעזר דער פאטער	
פון הבעש"ט זי"ע ועכ"י	
עניני תפלת ערבית :	יא
עניני שבת :	יא
דארט ווערט געברענגט אסיפור פון	יב
הגביר ר' איסורל דער פאטער	
פון רבינו הרמ"א . און אסיפור	יג
פון רבי בערצי מנדאבורנא .	
און די צוואה מהגאון הקדוש מו"ה	
נפתלי כ"ץ. אין אסיפור וויא	טו
מען האט איינים גיהרגות דורך	
אבלבול פון עלילת דם. און אסיפור	טו
מהרב הצדיק הק' מו"ה אלימלך	
מיט הרב הצדיק הק' רבי ר'	
בער . און אסיפור פון דעם	יז
בעש"ט. אוך אסיפור מהרב הצדיק	
הק' מראפשיטץ מיט הרב הצדיק	
הקדוש מו"ה מנחם מענדיל	
זלה"ה זי"ע :	
עניני ראש חודש :	כ
דארט ווערט געברענגט אסיפור פון	
החסיד מהר"י מיידילש וויא גזלנים	
האבען איהם גיוואלט הארגנין :	
סימני המועדים	כב
עניני פסח	כב
דארט ווערט געברענגט אסיפור פון	כט
הרב ר' שלמה אלקבץ ז"ל וויא	
אישמעאל האט איהם גיהרגות :	
עניני חג השבועות	לא
עניני יום טוב	לא
עניני תשעה באב	לב
דארט ווערט געברענגט אסיפור וויא	לג
הבעש"ט זי"ע האט זיך גוואלט	
זעהן מיט רבינו הקדוש אור	
החיים . אין אסיפור פון המגיד	לד
הקדוש ממעזריטש זלה"ה :	
עניני תענית	לד
עניני ראש השנה	לה
דארט ווערט געברענגט אסיפור	לח
מהרב החכם ר' משה דילאון	
מיט אבעל תשובה . אין אסיפור	
פון דעם רמב"ן מיט זיינם אתלמיד	
וואס ער האט זיך כופר גיוועהן אין	
דער נאך האט ער תשובה גיטאן :	

מפתחות

	בדף
ענייני יום כפור	לה
ענייני סוכה	מא
ענייני לולב	מב
דארט ווערט גיברענגט אמאמר מהרב הצדיק הקדוש מקאוניץ זצוק"ל	מב
ענייני שמיני עצרת	מג
ענייני שמחת תורה	מד
ענייני חנוכה	מה
ענייני די פרשיות	מה
ענייני מגילה	מו
ענייני ארבעה תקופות השנה	מז
ענייני מילה	מח
ענייני פדיון הבן	נ

	בדף
ענייני אישות	נ
ענייני בקור חולים	נד
ענייני שמחות	נה
דארט ווערט גיברענגט אסיפור פון	
איין אשה זקינה וואס מען האט	
זיא געמיסט אויף גראבין אין פאר	
ברענין . און אסיפור פון האריז"ל	נו
פון די גילגולים . און אסיפור	נז
פון אמענטש וואס איז געקימען	
צו הלום צו זיינע קינדער דאס מען	
זאל איהם אויף גראבין . און אסיפור	נח
פון הרב הצדיק הק' מרימנאב	
זצוק"ל . און אסיפור פון אתלמיד	נט
חכם וואס האט בגעגינט אנפטר	
און ער האט איהם אטובה גיטאן :	

מודעה

בכל מקום אשר תמצא בספר זה שם עכו"ם ערל או גוי קאי רק על אותן אשר הי' בימים הקדמונים הנקראים (היידען) שלא האמינו באחדות הבורא ית"ש . אבל לא על האומות שאנחנו דרים תחתיהם וחוסים בצלם. אדרבא אנחנו מחויבים לדרוש בשלומם וטובם כל הימים כי הם מאמינים באחדות הבורא ית"ש . וכבר הוהרנו באמרם (אבות פ"ג) הוי מתפלל בשלומה של מלכות:

ענְיְנֵי הנהגת אדם בבוקר

בעז״ה וֶוערְט דָא גִיבְּרֶענְגְט דֶער טַעַם פוּן אַיְעדֶען מִנְהָג אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים ז״ל הָאבֶּען אוּנְז גֶעלֶערֶענְט דֶעם וֶועג וָואס מִיר זָאלֶען אִין דֶעם וֶועג גֶעהְן׃

עְנְיְנֵי הנהגת אדם בבוקר

(א) טעם. וָואס מֶען הָאט מְתַקֵן גֶעוֶועזֶען דָאס מֶען זָאל זִיךְ אִין דֶער פְּרִיה וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף דִי הֶענְד אָפּ גִיסֶען. וַוייל אַ רוּחַ רָעָה רוּהְט אוֹיף זֵיי. זוהר פ׳ וישב׃

(ב). טעם. וָואס דֶער רוּחַ רָעָה רוּהְט אוֹיף דִי הֶענְד מֶעהְר וִוי אוֹיף אַלֶע אֵבָרִים פוּן דֶעם מֶענְשׁ. וַוייל אוֹיף דִי הֶענְד זֶענֶען דִי נֶעהְגֶעל וָואס זֵיי זֶענֶען אַיין אָפְּשֵׁיידוּנְג פוּן דִי חִיצוֹנִים דְרִיבֶּער טָאר מֶען זֵיי נִישְׁט לָאזֶען לַאנְג וַואקְסֶען אוּן דֶער רוּחַ רָעָה גֶעהְט נִישְׁט אַוֶועק בִּיז מֶען גִיסְט אָפּ דִי הֶענְד דְרַיי מָאל. צוּ עֶרְשְׁט דִי רֶעכְטֶע הַאנְד דֶערְנָאךְ גִיסְט מֶען אָפּ דִי לִינְקֶע הַאנְד דֶערְנָאךְ ווידֶער דִי רֶעכְטֶע אַזוֹי זָאל מֶען טָאן דְרַיי מָאל. אוּן אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבֶּען גוֹזֵר גֶעוֶועזֶען דָאס מֶען זָאל אוֹיף דֶעם וַואסֶער נִישְׁט אַרוֹיף טְרֶעטֶען וַוייל עֶס אִיז אַ סַכָּנָה. (גלי רזיא)׃

(ג) טעם. וָואס מֶען מַאכְט אִין דֶער פְּרִיה אַ בְּרָכָה וֶוען מֶען וַואשְׁט זִיךְ. עַל נטילת ידים. מֶעהְר וִוי פוּן אַ גַאנְצֶען טָאג. וַוייל אִין דֶער פְּרִיה וֶוערְט דֶער מֶענְשׁ וִוי אַיין נַייֶע בֶּעשֶׁעפִּינִישׁ דַארְפֶען מִיר אִיהְם דוּרְךְ דֶעם לוֹיבֶּען. מ״א סי׳ ד׳ סק״א׃

(ד) טעם. וָואס מֶען טָאר נִישְׁט אָן טְהוּן צְוֵויי קְלֵיידֶער צוּזַאמֶען. וַוייל מֶען הָאט דֶערִיבֶּער שִׁכְחָה. בְּשֵׁם האריז״ל. אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט לֵייגֶען אֵיינְס פוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער צוּקָאפֶּענְס וַוייל מֶען הָאט דֶערִיבֶּער שִׁכְחָה. מהרי״ל׃

ענְיְנֵי ציצית

(ה) טעם. וָואס מֶען לֵייגְט אִין דֶער פְּרִיה דֶעם טַלִית. וַוייל דֶער טַלִית מַאכְט אוּנְטֶער־טְהֶענִיג דָאס הַארְץ פוּן דֶעם מֶענְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִיהְם צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם. עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין מִיט פָארְכְט. א) (ב״י סי׳ ח׳)׃

טעם

א) אוֹיךְ בַּארְף מֶען מִיט דֶעם טַלִית גֵיין אוֹיף דֶעם קָאפּ פוּן אָנְהֵייב דֶער תְּפִלָּה בִּיז אִין סוֹף. נִישְׁט אַזוֹי וִויא עֶס אִיז דָא מֶענְשִׁין וָואס מַאכִין נָאר אַ בְּרָכָה אוֹיף דֶעם

טלית

(ו) טעם וואס אין איעדער פון די צצית וועגען דא אכט פעדים ווארין די גמרא זאגט אין מנחות עס שטייט אין די תורה גדילים תעשה לך. ווען עס זאל שטיין גדיל וואלט משמע געוועזען צוויי פעדים ווען עס שטייט אבער גדילים איז משמע פיר פעדים און אז מען גיט זיי אריין אין דעם טלית און זיי ווערען געטאפעלט איז דא אכט פעדים. ט״ז סי׳ י״א ס״ק י״ג:

(ז) טעם. פאר וואס די צצית ווערען אן גערופען גדילים. ווארען דער שמייגער איז דעם קינד צו מאכען ציצית איידער מען גיוויינט איהם צו אנדערע מצות. און אזוי ווי דאס קינד וואקסט טהוט די מצוה מיט איהם אויך וואקסען ווארען אלע מאל פיהלט ער מעהר א טעם אין דער מצוה. דורך דעם הייסען די ציצית גדילים ווארין גדילים איז טייטש וואקסען. בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר צבי הכהן מרימינוב זצוק״ל:

(ח) טעם. וואס ביי דעם טלית קטן וועגען דא צוויי נקבים ביי די ציצית אזוי ווי איין ציירי און ביי דעם טלית גדול איז נאר דא איין נקב וואו מען גיט אריין די ציצית. ווייל דער ציירי איז ע״פ סוד און דער טלית קטן איז צו גידעקט ווייזט עס נישט אוים גלייך ער האלט זיך פאר א גרויסען מאן. אבער דעם טלית גדול געהט מען פון אויבען אנגעטהון ווייזט עס אוים גלייך ער האלט זיך פאר איין אדם גדול. מ״א סי׳ י״א ס״ק י״ג:

(ט) טעם. דאס ביי די ציצית מאכען וויקעלט מען דאס ערשטע מאל ארום זיבען מאל. דאס אנדערע מאל אכט. דאס דריטע מאל עלף. דאס פערטע מאל דרייצעהן. ווייל עס בעטרעפט גלייך ווי ה׳ אחד. ב״י שם:

(י) טעם. וואס עס איז דא אין זיי פינף קניפען. אקעגען די פינף ספרים פון דער תורה. (א״ח שם):

עוד טעם. ווארין צצית בעטרעפען ת״ר. און פינף קניפען און אכט פעדים

בעטרעפט

טלית און ווארפען דעם טלית אויף זייער אקסיל. אויף זייא זאגט דער פסוק ואותי השלכת אחר גוויך. מיך האסט דו גיווארפען אינטער דיין ריקען. און די״א ברכה אויף דעם טלית דארף מען מאכען שטייענדיג. עס איז דא זעקס ברכו״ת וואס מען דארף זייא מאכען שטייענדיג דער סימן איז פון זייא. על״ץ של״ם. ״עומר. ״לבנה בהידושה. ״ציצית. ״שופר. ״לולב. ״מילה. און ווען מען לייגט דאס ערשטע מאהל דעם טלית דארף מען מאכען איין שהחיינו. אזוי וויא איינער קויפט זיך איין נייע מלבוש אדער נייע כלים. אבודרהם:

ענני ציצית

בעטרעפט תרי"ג. װעקס הונדערט דרייצעהן אקעגען די תרי"ג מצות. און דער טעם װאס מען דארף גיין א טלית קטן א גאנצען טאג כדי מען זאל זיך דערמאנען יעדע רגע אין די מצות. א) דער עטרת זקנים שרייבט דער מענש דארף אלע מאל קוקען אויף די ציצית. דאס היט אפ מען זאל נישט קומען צו קיין חטא:

ענני תפילין

(יא) טעם. װאס מען לייגט די תפילין אויף דער לינקער האנד. װייל עס שטייט והי' לאות על ידכה. מיינט מען יד כהה. די לינקע האנד װאס זי איז שװאך (מנחות דף ל"ז ע"א). װאס דער מנהג איז אז א יתום הייבט אן פריהער תפילין צו לייגען. איז אפשר דער טעם כדי מזכה צו זיין דאס נפש פון דעם נפטר:

(יב) טעם. װאס מען האט מתקן געװעזען דאס ביי די תפילין של ראש זאל זיין ביי די בתים אביסעל פון די שערות אין דרויסען. כדי מען זאל געבען א חלק צו דעם ס"ם דאס ער זאל נישט מקטרג זיין אויף די יודען. ב) תפארת יונתן פ' ראה:

טעם

א) אין ספר אליהו רבה שטייט דאס מען דארף דעם קינד אהן טאן אטלית קטן װען דאס קינד הייבט אהן צו רעדין און לכל הפחות װען ער װערט אלט דרייא יאהר. אויך איהם צו געװיינין אין דיא אותיות פון דער תורה. אז מען װעט איהם אזוי מרגיל זיין װעט ער זוכה זיין צו אגרויסע נשמה. אין ארץ ישראל איז דער מנהג צו מאכען אשמחה װען מען שעהרט אפ דאס קינד דאס ערשטע מאהל. מען געװיינט איהם ער זאל גיין מיט פיאות:

ב) עס שטייט אין ספרים הקדושים דאס װען משיח װעט קומען װעט דער ס"ם מיתוק װערין דאס הייסט עס װעט אויס איהם װערין איין גיטער מלאך. און ער אליין װיל אויך אזוי. אין ספר שארית ישראל װערט גיברענגט אמעשה װיא דער בעש"ט האט אויף גיברענגט דעם ס"ם װעגין איין זאך װאס ער האט בעדארפט האט צו איהם דער ס"ם גיזאגט מיט כעס פאר װאס ער האט איהם אויף גיברענגט. מען האט איהם נאר דרייא מאהל אויף גיברענגט. בעת חטא אדה"ר. ובעת העגל. ובעת פון דעם חורבן. האט דער בעש"ט גיהייסען זיינע מענשין אז זייא זאלין גיין מיט זייער שטערין אויף גידעקט כדי ער זאל זעהן דעם צלם אלקים אויף זייער פנים. און לבסוף װען ער האט גיװאלט אװעק גיין האט ער גיבעטין מיט דעם לשון בני אל חי. איהר קינדער פון דעם לעבידיגען גאט ערלויבט מיר נאך דא אקלייגע צייט צו שטיין דאס איך זאל זעהן דעם צלם אלקים אויף אייער פנים. פון דעם איז איין ראיה דאס ער װיל מיתוק װערין:

װען

(יג) טעם. וואס מען וויקעלט ארום דער האנד זיבען כריכות אויף דער נאך אויף דעם פינגער דריי כריכות. דאס איז עפ"י סוד (קיצור של"ה). און ווען מען איז איין אבל ר"ל זאל מען נישט לייגען תפילין של ר"ת. בשם האריז"ל:

(יד) טעם. וואס מען טאר נישט נעמען איין רצועה של ראש און געבען אין של יד. ווייל מען טאר נישט נעמען פון איין גרעסערע קדושה צו איין קלענערע קדושה. א) (מנחות דף ל"ד ע"ב):

עניני ברכות

(טו) טעם. וואס מען איז מחויב צו זאגען יעדען טאג הונדערט ברכות. ווייל דוד המלך האט געזעהען אז עס זענען יעדען טאג געשטארבען הונדערט מענשען פון די יודען און מען האט נישט געוואוסט פאר וואס זיי שטארבען ביז ער האט נאך געפארשט און האט פערשטאנען מיט זיין רוח הקודש ווייל זיי האבען נישט געלויבט השי"ת ווי עס באדארף צו זיין פאר זיינע טובות וואס ער האט אויף זיי משפיע געוועזען זענען זיי דעריבער געשטארבען האט דוד מתקן געוועזען צו די יודען יעדען טאג הונדערט ברכות אקעגען די הונדערט וואס זענען געשטארבען האבען זיי פון דעמילט אן אויף געהערט צו שטארבען. ב) טור סי' מ"ו:

(טז) טעם. וואס מען מאכט א ברכה **שלא עשני גוי** פאר וואס מאכט מען נישט **שעשני ישראל**. ווייל עס איז נישט גלייך צו מאכען א ברכה וואס מען האט איהם בעשאפען. ווארין עס וואלט ליבער

געוועזן

א) ווען איינער גיפינט רצועות אונ ווייסט נישט צי זייא זענין פון רש"י צו פון ר"ת. איז דער דין אזוי אז דאס איז בייא איין ארט וואס דער מנהג איז צו לייגען צוויי פאהר תפילין קען ער דיא רצועות געבין צו וועלכע תפילין ער וויל צו רש"י אדער צו ר"ת. אונ ווען עס איז בייא איין ארט וואס דאס רוב לייגין תפילין של רש"י זאל ער די רצועות געבין צו תפילין פון רש"י. יד אליהו:

ב) נאר בשבת פעהלט פון איעדער תפלה צוועלף ברכות אויך פעהלט ברכת התפילין. איז מען אקעגין דעם מוסיף דיא ברכה פון מגן אבות. אונ תפלת מוסף וואס עס איז דא זיבען ברכות. אויך אין סעודה ג' איז דא אכט ברכות. אונ וואס עס פעהלט נאך צו די הונדערט ברכות איז מען משלים מיט ברכת הפירות אין מיני בשמים (ב"י שם) דער שבלי הלקט שרייבט אז מען איז משלים דיא איבריגע ברכות מיט דעם לייגין פון דער תורה אונ מיט די ברכות זענין די וואס זיי הערין אויף יוצא:

גֶעוֶועֶן פַאר דֶעם מֶענְש אַז עֶר זָאל גָאר נִישְׁט גֶעוֶועֶן בֶּעשַׁאפֶן וֶוערֶען. דוּרְךְ דֶעם מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי. וֶוען דוּ הָאסְט מִיךְ שׁוֹין בֶּעשַׁאפֶען בע״כ לוֹיב אִיךְ דִיר וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ נִישְׁט בֶּעשַׁאפֶען אֵיין גוֹי. ב״ח:

(יז) טעם. וָואס דִי אִשָּׁה מַאכְט אַ בְּרָכָה שעשני כרצונו. וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין מדרש רבה. נַעֲשֶׂה אָדָם. השי״ת הָאט זִיךְ מְיַעֵץ גֶעוֶועֶן מִיט דִי מַלְאָכִים וֶוען עֶר הָאט דֶעם מֶענְש בֶּעשַׁאפֶען. וַוייל אַז דֶער מֶענְש זִינְדִיגְט אִיז עֶר פּוֹגֵם אִין עוֹלָם הַמַלְאָכִים דְרוּם הָאט השי״ גִיוָואלְט אַז זֵיי זָאלֶען אוֹיךְ מַסְכִּים זַיין. אֲפִילוּ אַז השי״ ווִיל וֶוער קֶען אִיהְם אַ דֵעָה זָאגֶען. עֶס אִיז אָבֶּער דֶער דֶרֶךְ וֶוען דִי זַאךְ רִירְט אָן דֶעם קְלֶענֶערִין טְהוּט זִיךְ דֶער גְרֶעסֶערֶער מִיט דֶעם קְלֶענֶערִין אוֹיךְ בֶּערָאטְהֶען. אָבֶּער דִי אִשָּׁה הָאט השי״ת מִיט זַיין ווִילֶען אַלֵיין בֶּעשַׁאפֶען וַוייל זִי אִיז אַ חֵלֶק פוּן דֶעם מֶענְש. אוּן אַזוֹי וִוי השי״ת הָאט זִיךְ נִישְׁט בֶּערָאטְהֶען בֶּעזוּנְדֶער אוֹיף דֶעם קָאפּ אָדֶער אַנְדֶערֶע אֵבְרִים פוּן דֶעם מֶענְש אַזוֹי אוֹיךְ וַוייל דִי אִשָּׁה אִיז אַ חֵלֶק פוּן דֶעם מַאן. אוּן זִי אִיז מַשְׁלִים דֶעם מֶענְש דֶערִיבֶּער אִיז זִי בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען מִיט דֶעם ווִילֶען פוּן השי״ת אַלֵיין. דוּרְךְ דֶעם מַאכְט זִי אַ בְּרָכָה שֶׁעָשַׂנִי כִּרְצוֹנוֹ הַיְינוּ מִיט דֶעם ווִילֶען פוּן השי״ת אַלֵיין עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט בֶּערָאטְהֶען מִיט דִי מַלְאָכִים. ישועות יעקב סי׳ מ״ו סק״ה:

(יח) טעם. וָואס מֶען הָאט מְתַקֵן גִיוֶועזֶען צוּ זָאגִין דִי מִשְׁנָה פוּן איזהו מקומן. כְּדֵי מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶען טָאג. מִקְרָא. מִשְׁנָה. גְמָרָא. צוּ עֶרְשְׁט זָאגְט מֶען פָּרָשַׁת צוּ דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען דִי מִשְׁנָה פוּן אֵיזֶהוּ מְקוֹמָן. אוּן דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען דִי בְּרַיְיתָא פוּן רַבִּי יִשְׁמָעֵאל. אבודרהם:

(יט) טעם. וָואס מֶען זָאגְט נָאךְ אָמֵן וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַ בְּרָכָה. וָוארִין עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כי שם ה׳ אקרא הבו גודל לאלהינו. וֶוען אִיךְ וֶועל אָנְרוּפֶען גָאטִ׳ס נָאמֶען זָאלְט אִיהְר בְּרֶענְגֶען אַ גְרוֹיסְקֵייט צוּ אוּנְזֶער גָאט. מֹשֶׁה הָאט אַזוֹי גִיזָאגְט צוּ דִי יִשְׂרָאֵל וֶוען אִיךְ וֶועל זָאגֶען אַ בְּרָכָה צוּ גָאט זָאלְט אִיהְר נָאךְ זָאגֶען אָמֵן. (אבודרהם) אוּן פוּן דֶעם זֶעלְבֶּען פָּסוּק לֶערֶענְט מֶען אַרוֹיס אִין דֶער גְמָרָא יוֹמָא אַז מֶען הֶערְט גִידֶענְקֶען דֶעם נָאמֶען פוּן השי״ת זָאל מֶען זָאגֶען בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ. מחצית השקל:

(כ) טעם. וָואס מֶען טָאר נִישְׁט נָאךְ זָאגֶען ב״ה וב״ש בַּיי אַ בְּרָכָה וָואס

דער

דער חבר איז איהם מוציא. דהיינו די ברכה פון שופר אדער מגילה וכדומה. ווייל ברוך הוא וברוך שמו איז נישט גידענקט אין דער גמרא איז דאס א הפסק. ווארין ווען דער חבר איז איהם מוציא איז גלייך ווי ער וואלט אליין גימאכט די ברכה. און מיטאר נישט מפסיק זיין אין מיטען דער ברכה. דגול מרבבה:

(כא) טעם. וואס מען זאגט צוויי מאל כל הנשמה תהלל. און ה' ימלוך לעולם ועד. ווייל כל הנשמה איז סוף פסוקי דזמרה. און ה' ימלוך איז סוף פון דער שירה. אבודרהם:

(כב) טעם. וואס מען זאגט נאך פסוקי דזמרה. און נאך דער תפלה י"ח און נאך תהלה לדוד ביי מנחה און נאך קריאת התורה בב' וה' נאר חצי קדיש און נישט קדיש שלם. ווייל ביי פסוקי דזמרה זאגט מען נאר קדיש מען זאל מפסיק זיין ווייל מען האט גומר גיוועזען פסוקי דזמרה. און נאך ש"ע כדי עס זאל זיין א בעזונדער'ע מצוה. און נאך תהלה לדוד ביי מנחה ווייל מען זאגט עס נור אזוי ווי א תפלה נישט אזוי ווי מען לייענט אין דער תורה. און נאך קריאת התורה בב' וה'. ווען אויך מען לייענט אין דער תורה ווייל עס איז א מצוה אין תקנת עזרא זאגט מען נאר חצי קדיש. אבער נאך פסוקים אדער נאך א דרשה זאגט מען קדיש שלם. פ"מ סי' נ"ה:

ענייני קריאת שמע

(כג) טעם. וואס מען נעמט די האנד אויף די אויגען ווען מ'זאגט דעם ערשטען פסוק פון ק"ש כדי ער זאל נישט קוקען צו קיין שום זאך וועט ער קענען מכוון זיין. אויך איז מען נוהג צו זאגין דעם ערשטען פסוק מיט א הויך קול כדי ער זאל מעורר זיין די כונה. א) לבוש סי' ס' סעי' ה':

טעם

א) איעדער מענש איז היבש צו זאגין די ק"ש מיט פארכט אונ מיט פחד. איין מאהל איז גיקומען דער רבי ר' זושא זצוק"ל צו הרה"ק רבי ר' שמעלקי מניקלשבורג זצוק"ל האט דער רבי ר' זושא גיבעטין דעם רבי ר' שמעלקי אז ער זאל מיט איהם לערנין האט איהב דער רבי ר' שמעלקי גיענטפערט אז איהר וועט מיט מיר לערנין חכמות הנסתרות וועל איך מיט אייך לערנין נגלות התורה האט איהם דער רבי ר' זושא צו גיזאגט. האט איהם דער רבי ר' שמעלקי גיפרעגט וואס פאר איין לימוד ער וויל לערנין האט איהם דער רבי ר' זושא גיענטפערט אזוי ווי זיין שטייגער איז גיוועזין ער איז גיוועזען איין עניו. זושא איז איין ע"ה גדול דארף ער לערנין משניות אונ מען זאל איהם מפורש זיין יעדעס ווארט אויף טייטש. האבין זיי אהן גיהויבען צו לערנין מסכת ברכות האט

איהם

ענייני ק"ש

(כד) טעם. וואס מען דארף האלטען די ציצית אין דער לינקע האנד אין דער צייט ווען מען זאגט די ק"ש. כדי די ציצית זאלין זיין אקעגין זיין הארץ. אזוי וויא עס שטייט **והיו הדברים האלה על לבבכם.** און דאס הארץ בייא דעם מענש איז אין דער לינקער זייט. לבוש סי' כ"ד סעי' ב':

(כה) טעם. וואס דער חזן זאגט נאך אמאל **ה' אלהיכם אמת.** כדי ער זאל משלים זיין דיא ווערטער פון רמ"ח. צוויא הונדערט אכט און פערציג. וואס זיי זענין אקעגין דיא איברים פון דעם מענש. ווארין אין דער ק"ש איז נאר דא צוויי הונדערט און פינף און פערציג ווערטער (טור סי' ס"א) דער מגן אברהם זאגט אז דאס ערשטע מאל זאל מען אויך זאגען אמת כדי מען זאל נישט מאכען א הפסק צווישען זייא. און ווען א יחיד זאגט ק"ש זאל ער זאגין די דריי ווערטער **אל מלך נאמן** ער זאל משלים זיין רמ"ח תיבות פון ק"ש:

ענייני תפלה

(כו) טעם. וואס מען דארף גיין אנארטיל בשעת התפלה. ווייל עס שטייט **הכון לקראת אלהיך ישראל.** איהר יודין זאלט זיין אנגעברייט אקעגין אייער גאט, (טור סי' צ"א). דער מחצית השקל שרייבט אז מען טאר נישט מתפלל זיין ווען מען גייט אהן געטוהן פאנטאפלען אויף די פוס אויך זאל מען נישט גיין קיין האנדשוה אויף די הענד בשעת התפלה ווארין עס איז נישט קיין דרך כבוד פאר השי"ת:

(כז) טעם. דאס איידער מען הייבט אהן שמונה עשרה גייט מען צוריק דרייא טריט כדי מען זאל צו גינעהנין דרייא טריט. אקעגין די דרייא מחיצות וואס משה רבינו ע"ה האט גינעהנט פאר זיין תפלה טאן. חושך. ענן. וערפל. (רקח). און דורך דעם זעלבין טעם גייט מען נאך דער תפלה צוריק דריי טריט כדי מען זאל צוריק גיין פון די דריי מחיצות. קיצור של"ה:

טעם

איהם דער רבי ר' שמעלקי מפורש גיוועזין דאס ערשטי ווארט מאימתי (פון ווען) קורין את שמע וכו'. אזוי האט זיך דער רבי ר' זושא גיגעבין אוואריף אויף דער ערד מיט פארכט און מיט גרויס פחד און האט גיזאגט צו דעם רבי ר' שמעלקי פון וואנית ווייסט איהר אז דאס ווארט מאימתי איז טייטש (פון ווען) אפשר איז מאימתי טייטש פון פארכט כלומר אז פר פארכט פון השי"ת דארף מען ליינין ק"ש. אזוי האט דער רבי ר' שמעלקי גיזאגט ווען אזוי לערינט איהר פאר אייך אליין אזוי וויא איהר ווילט:

(כח) טעם. וואס מען טאר נישט מתפלל זיין אויף אהויך ארט. ווייל עס שטייט אין פסוק ממעמקים קראתיך ה'. פון דער טיפעניש טוה איך דיך גאט רופען. ווארין ווען מען איז מתפלל אויף אהויך ארט הייסט גלייך ער שעמט ח"ו. ער ווייזט אז ער וויל זיין נאהענט צו השי"ת און ער ווייסט נישט אז השי"ת איז פול די גאנצע וועלט. ווען אפילו ער שטייט גאר טיעף הערט אויך השי"ת. דריבער איז דער מנהג אין שיהל אז דם ארט ווי דר חזן שטייט איז נידריגער ווי איין אנדער ארט א). מ"א:

(כט) טעם. אז בשעת ווען מען שטייט שמונה עשרה מוז מען די פוס האלטען צו זאמען. ווארין עס שטייט אין פסוק ורגליהם רגל ישרה אז ביי די מלאכים זענין די פיס צוזאמען. זאגט דער ירושלמי אז בשעת דער תפלה בעדארף מען די פוס גלייך צו האלטען. ווייל אז מען שטייט צו רעדין מיט דער שכינה מוז מען מסלק זיין אלע מחשבות פון זיין הארץ און זיך האלטען גלייך ער וואלט געוועזין אמלאך:

(ל) טעם. וואס מען מוז די שמונה עשרה שטיל זאגין. ווארין ווען מען איז מתפלל מיט אהויך קול איז גלייך ער גלייבט נישט אז השי"ת הערט שטיל. וועט זיין תפלה נישט אהן גענומען. אבער ראש השנה ויו"כ מעג מען מתפלל זיין מיט אהויך קול. ווייל ר"ה און יו"כ וועט ער אנגערופען מלך וואס ער זיצט אויף כסא דין. אמשל צו איינעם וואס איז חייב מיתה שרייט ער צו דעם מלך אז ער זאל איהם העלפין אזוי שרייען מיר אויך מיט אהויך קול צו השי"ת אז ער זאל אונז גידענקין לחיים טובים. און דורך דעם זאגען מיר אין ר"ה וי"כ המלך הקדוש המלך המשפט. ספר הגן ודרך משה:

(לא) טעם. וואס מען האט קובע גיוועזין צו זאגען טל ומטר זעכציג טאג נאך דער תקופה. ווייל מיר זענין אצונד פערטריבען גיווארין צו די לענדער פון די פעלקער וואס דיא ערטער זענין נידעריג האבין דיא חכמים משער גיוועזין אז זיי בעדארפין נישט רעגין ביז זעכציג טאג נאך די תקופה. ספר התניא סי' פ"ח:

טעם

א) דער רמב"ם שרייבט אז מען טאר נישט מתפלל זיין אויף איין ארט וואס עס איז הויך דריי טפחים ווען עס איז אבער פיער איילין אויף פיער איילען הייסט שוין דאס אבעזונדערער רשות. אזוי אויך ווען עס איז דא ארום דעם ארט מחיצות מעג מען מתפלל זיין אפילו עס איז נישט דא פיער איילען אויף דעם ארט:

(לב) **טעם.** וָואס מֶען הָאט מְתַקֵן גִיוֶועזִין צוּ זָאגִין **יעלה ויבא** נָאךְ רְצֵה. וַוייל עֶס אִיז אַתְּפִלָה אַז מֶען זָאל דִי יִשְׂרָאֵל צוּרִיק קֶערִין קֵיין יְרוּשָׁלַיִם א). תוספות מס׳ שבת:

(לג) **טעם.** דָאס וֶוען מֶען גֵייט אוֹיס שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זָאגְט מֶען **עושה שלום כו׳ ואמרו אמן.** דָאס הֵייסְט זָאגְט נָאךְ אָמֵן. וֶוער זָאל זָאגִין אָמֵן. נָאר עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג וֶוען אֲפִילוּ אֵיינֶער זִיצְט אִין עֶסְט זָאגְט מֶען אִיהְם בְּרוּכִים יוֹשְׁבִין. דָאס הֵייסְט גִיבֶּענְשְׁט זָאלִין זַיין דִי וָואס זַייא זִיצֶען. מֶען זָאגְט דָאס אַזוֹי צוּ דִיא מַלְאָכִים וָואס זֶענִין מִיט אִיהְם. אזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט **כי מלאכיו יצוה לך.** השי״ת וֶועט מִיט דִיר בֶּעפֶּעהְלִין דַיינֶע מַלְאָכִים אַז זַייא זָאלִין דִיךְ תָּמִיד אָפּ הִיטֶען אִין דַיינֶע וֶועגִין. אַזוֹי זָאגְט מֶען וְאִמְרוּ אָמֵן צוּ דִי מַלְאָכִים וָואס זַייא זֶענִין מִיט אִיהְם. קיצור של״ה:

(לד) **טעם.** וָואס מֶען גֵייט אוֹיס נָאךְ דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה דְרַייא טְרִיט צוּרִיק אוּן מֶען זָאגְט **יהי רצון שיבנה בית המקדש** וכו׳ ב). וַוייל מִיר גִיפִינִין בַּייא נְבוּכַדְנֶצַר אַז עֶר הָאט גִיטְרֶעטִין דְרַיי טְרִיט לְכָבוֹד השי״ת אוּן דֶרִיבֶּער הָאט עֶר זוֹכֶה גִיוֶועזִין צוּ מַלְכוּת. אוּן הָאט חָרוּב גִימַאכְט דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּן אַצוּנְד וֶוען מֶען אִיז מִתְפַּלֵל צוּ השי״ת גֵייט

א) אַמִתְנַגֵד הָאט אַמָאל גִיפְרֶעגְט דֶעם בעש״ט זי״ע אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט דֶעם דִין אַז מֶען הָאט פַארְגֶעסִין צוּ זָאגִין יַעֲלֶה וְיָבֹא. הָאט אִיהְם הבעש״ט גִיעֶנְפֶערְט אַז עֶר בֶּעדַארְף נִישְׁט צוּ דֶעם דִין וַוייל עֶר הָאט נָאךְ קֵיין מָאל נִישְׁט פַארְגֶעסִין צוּ זָאגִין יַעֲלֶה וְיָבֹא. אוּן צוּ אִיהְם הֶעלְפְט נִישְׁט דֶער דִין. וַוייל דֶער מִתְנַגֵד הָאט אַמָאל פַארְגֶעסִין צוּ זָאגִין יַעֲלֶה וְיָבֹא אוּנ הָאט נָאךְ אַמָאל מִתְפַּלֵל גִיוֶועזִין הָאט עֶר דָאס אַנְדֶערִי מָאל אוֹיךְ פַארְגֶעסִין צוּ זָאגִין יַעֲלֶה וְיָבֹא:

ב) בְּסֵפֶר נַחֲלֵי דְבַשׁ (נח) וֶועט גִיבְּרֶענְגְט אַז דָאס וָואס מִיר זָאגִין יהר״מ שֶׁיִבָּנֶה בֵּית הַמִקְדָשׁ כו׳ וְשָׁם נַעֲבָדְךָ. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען פַארְבֶּעטְ מֶענְטְשִׁין צוּ אַסְעוּדָה אוּן בַּיי זֵייעֶר אַוֶועק גֵיין זָאגְט מֶען דָאס בַּיי דִי קִינְדֶערְם חֲתוּנָה וֶועט מֶען פַארְבֶּעטֶערִין. דָאס גִישִׁיקְט זִיךְ אָבֶּער נָאר אַז מֶען גִיט בַּיי דֶער סְעוּדָה אוֹיךְ פוּן גוּטֶע מַאֲכָלִים. אַז עֶר גִיט אָבֶּער זֵיי אַצוּנְד גָאר נִישְׁט נָאר טְרוּקֶען בְּרוֹיט אוּן וַואסֶר. גִישִׁיקְט זִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגִין אִיךְ וֶועל אַייךְ פֶּערְבֶּעטֶערִין. אַזוֹי אוֹיךְ דִי עִיקָר תְּפִלָה אִיז גִיוֶוען אִין דֶער צַייט וֶוען דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גִישְׁטַאנִין. כְּהַיוֹם אַז מֶען אִיז מִתְפַּלֵל מִיט כַּוָונָה גִישִׁיקְט זִיךְ וָואס מִיר זָאגֶען יהר״מ שֶׁיִבָּנֶה ביהמ״ק כו׳ וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כו׳ אָבֶּער אַז מֶען אִיז מִתְפַּלֵל אָהְן כַּוָונָה גִישִׁיקְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי צוּ זָאגֶען. עַל כֵּן בֶּעדַארְף מֶען זֵייעֶר נִזְהָר זַיין מִתְפַּלֵל צוּ זַיין מִיט כַּוָונָה:

גייט מען צוריק דריי טריט לכבוד השי"ת און מיזאגט יהי רצון. אז דורך די דריי טריט וואס איך בין צוריק געגאנגען זאל דאס בית המקדש געבויעט און בעפעסטיגט ווערין וואס עס איז חרוב געווארין דורך דיא דריי טריט פון דעם רשע: א)

(לה) טעם. וואס דער חזן זאגט נאך אמאל די תפלה. כדי ער זאל מוציא זיין אזוי איינעם ווס ער קען נישט מתפלל זיין. מס' ר"ה דף ל"ד:

(לו) טעם. וואס מען ווארט בייא דעם אנהייב פון דיא הויכע שמונה עשרה אויף דעם רב. וייל עס איז דא מענשין וואס זיי זענין מתפלל געשווינד אזוי ווילין די מענשין וואס זענין מתפלל מלה במלה נישט קענין זאגין קדושה מיט דעם צבור דורך דעם ווארט מען אויף דעם רב כדי אז יעדער זאל קענין נאך זאגין קדושה. ווען אויך עס איז קיין רב אין שיהל זאל מען ווארטען אויף דעם וואס איז מתפלל מלה במלה. ווען ער איז אבער פיהל מאריך זאל מען אויף איהם נישט ווארטען.

מ"א סי' כ"ד סק"ו:

(לז) עוד טעם. כדי דאס צבור זאל נישט געך מתפלל זיין ווארין זייא ווילין זיך טראכטען מיר ווילין אזוי אויך מוזען ווארטען.

א"ר שם סק"ו:

(לח) טעם. וואס מען זאגט נישט נאך אמן אין דער צייט ווען דער חזן זאגט ברכת כהנים. וייל מען זאגט נישט נאך אמן נאר ווען מען הערט די ברכה פון דעם וואס ער בענשט דהיינו ווען די כהנים זאגין די ברכה. דורך דעם איז מען זיך נוהג אז ווען דער חזן זאגט דעם ערשטען פסוק זאגט מען יהי רצון בזכות אברהם אבינו. אויף דעם צווייטען פסוק יהי רצון בזכות יצחק אבינו. אויף דעם דריטען פסוק זאגט מען יהי רצון בזכות יעקב אבינו. אלה המצות:

ענייני נשיאת כפים

(לט) טעם. וואס די כהנים מוזען אויס טהון די שיך ווען זיי גייען צום דוכן. וייל טאמער וועט זיך איהם איבער רייסען איין בענדיל

א) עס איז א סגולה נישט צו פארגעסין דעם נאמען ליום הדין. צו זאגען פאר יהי לרצון א פסוק פון תורה אדער נביאים וכתובים וואס הייבט זיך אהן מיט איין אות פון זיין נאמען און לאזט זיך אויס מיט איין אות פון זיין נאמען. עס איז אויך מציל פון דעם גיהנם. של"ה:

פוּן דֶעם שׁוּךְ אוּן עֶר וֶועט זִיךְ זֶעצֶען דֶעם שׁוּךְ צוּ בִּינְדֶען אוּן דִי כֹּהֲנִים וֶועלִין דֶערְוַויל בֶּענְשֶׁען אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט גֵיין צוּ דֶעם דוּכָן צוּ בֶּענְשֶׁען אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיף אִיהְם זָאגֶען אַז עֶר אִיז אַ בֶּן גְרוּשָׁה אָדֶער אַ בֶּן חֲלוּצָה. דוּרְכְדֶעם מוּז מֶען אוֹיסְטְהוּן דִי שִׁיךְ. אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע שִׁיךְ וָואס הָאבֶּען נִישְׁט קֵיין בֶּענְדֶער צוּ דֶעם שְׁנִירֶען מוּז מֶען אוֹיךְ אוֹיס טְהוּן. וָוארֶען דִי חֲכָמִים הָאבֶּען אוֹיף אַלֶע שִׁיךְ גוֹזֵר גֶעוֶועזֶען אוּן זֵיי הָאבֶּען קֵיין חִילוּק גֶעמַאכְט.

לבוש סי׳ קכ״ח:

(מ) טעם. וָואס דִי כֹּהֲנִים צוּ טֵיילֶען דִי פִינְגֶער בַּיי דֶעם דוּכָן. וַוייל עֶס שְׁטֵייט מֵצִיץ מִן החרכים. ה׳ חֲרַכִּים. השׁ״ת קוּקְט אוֹיף דִי יוּדֶען פוּן דִי פִינְף פֶענְצְטֶער דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג צוּ מַאכֶען פִינְף אֲוִירִים בַּיי דִי פִינְגֶער. טור שם:

(מא) טעם. וָואס דִי כֹּהֲנִים זֶענֶען זִיךְ נוֹהֵג צוּ נֶעמֶען דֶעם טַלִית אוֹיף דֶעם פָּנִים אוּן אוֹיף דִי הֶענְד. כְּדֵי זֵיי זָאלֶען נִישְׁט קֶענֶען קוּקֶען אוֹיף דֶעם צִבּוּר. אוּן דָאס צִבּוּר אוֹיף זֵיי. וֶועלֶען זֵיי דֶערִיבֶּער נִישְׁט מְכַוֵּין זַיין א):

(מב) טעם. וָואס דִי כֹּהֲנִים דוּכֶענֶען נִישְׁט נָאר אִין יו״ט. וַוייל יו״ט אִיז אַ זְמַן שִׂמְחָה אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וטוב לב הוא יברך.

רמ״א סי׳ קכ״ח:

ענִיני נפילת אפים

(מג) טעם. וָואס מֶען פַאלְט נִישְׁט קֵיין תַּחֲנוּן בַּיי אֵיין אָבֵל. אוּן נִישְׁט בַּיי אַ חָתָן. אוּן נִישְׁט וֶוען עֶס אִיז דָא אַ בְּרִית. בַּיי אֵיין אָבֵל אִיז דֶער טַעַם. כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט שְׁטַארְקֶען דֶעם דִין ח״ו וָוארִין בַּיי אֵיין אָבֵל אִיז דֶער מִדַּת הַדִּין פֶערְשְׁפְּרֵייט אַקֶעגֶען אִיהְם. דֶער טַעַם בַּיי אַ חָתָן אוּן בַּיי מִילָה. וַוייל זֵיי זֶענֶען אִין שִׂמְחָה אוּן עֶס אִיז דִי צֵייט פוּן עֶרְוֶועקִין דֶעם מִדַּת רַחֲמִים אִיז גְלַייךְ וִוי שַׁבָּת אוּן יו״ט דוּרְכְדֶעם פַאלְט מֶען נִישְׁט קֵיין תַּחֲנוּן כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין דֶעם מִדַּת הַדִּין אִין דֶער צֵייט פוּן רַחֲמִים. ב) לבוש סי׳ קל״א סעי׳ ד׳:

טעם

א) דֶער גָאוֹן יעב״ץ שְׁרַייבְּט דָאס דִי כֹּהֲנִים זָאלֶען נִישְׁט נֶעהְמֶען דֶעם טַלִית אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים אוֹיךְ נִישְׁט דָאס צִבּוּר וָואס וֶוערֶען גִיבֶּענְשְׁט נָאר עֶס זָאל דַוְקָא זַיין פָּנִים אַקֶעגִין פָּנִים נָאר זֵיי זָאלֶען שְׁטֵיין מִיט פָארְכְט אוּן מִיט כַּוָּנָה אוֹיף דֶער בְּרָכָה:

ב) דֶער מ״א שְׁרַייבְּט דָאס בַּייא אַחָתָן פַאלְט מֶען נִישְׁט קֵיין תַּחֲנוּן גַאנְצֶע זִיבֶּען טָאג

אז

(מד) טעם. וואס מען פאלט תחנון אויף דער לינקער האנד. ווייל דער דרך איז פון אבן חורין זיך אן צו לעהנין אויף דער לינקער האנד. דורך דעם מאכען מיר זיך אונטער טהעניג מיט דער זייט. נאר אין דער פריה דורך כבוד התפילין פאלט מען תחנון אויף דער רעכטע האנד.

פ"מ שם סק"ב:

(מה) טעם. וואס מען פערדעקט דאס פנים ווען מען זאגט תחנון. ווייל ווען די יודען האבען זיך געבוקט אין דער עזרה איז איינער פון דעם אנדערין ווייט געוועזען פיר איילען כדי ער זאל נישט הערין דיא ודוי פון זיין חבר וועט ער פאר איהם מבויש ווערען. דורך דעם טוען מיר אויך אזוי מען בעהאלט דאס פנים גלייך יעדער איינער וועהט נישט און ווייסט נישט וואס זיין חבר איז מתפלל. א) מטה משה אות כ"ד:

(מו) טעם. וואס דער גבאי צדקה גייט אין שוהל ביום ב' וביום ה' צו נעמען צדקה פון יעדען מענש. ווייל לכל הפחות בעדארף יעדער מענש צו געבען איין דריטעל שקל יעדעס יאהר צדקה ווען ער גיט אבער וועניגער פון דעם סכום אזוי האט ער נישט מקיים געוועזען די מצוה פון צדקה דורך דעם גייט דער גבאי מאנטאג און דאנערשטאג צוזאמען נעמען פון איעדען מעות צדקה ווען אפילו מען זאל געבען די קלענסטע פון די מטבעות בעטרעפט עס אויך מעהר ווי פון א דריטעל שקל א יאהר.

ש"ך יו"ד סי' רמ"ט סק"ד:

(מז) טעם. וואס מען הט מתקן גיוועזען סדר קדושה נאך דער תפלה ווען מען זאגט ובא לציון. כדי די עמי הארץ וואס זיי קומען שפעט אין שיהל. זאלין נישט שאדין האבין דאס הערין פון קדושה. אין דורך דעם האט מען מתקן גיוועזען מתרגם צו זיין די קדושה כדי די עמי הארץ זאלין פערשטיין ווארין די עמי הארץ האבין דעמילט גירעט בלשון תרגום. אבער שבת זאגט מען נישט די סדר קדושה ווייל שבת קומען די עמי הארץ אויך פריה אין שיהל אריין. נאר שבת און יו"ט צו מנחה זאגט מען ובא לציון ווייל מען פלעגט צו זאגין אדרשה פאר תפלת מנחה און

בסוף

אז דער חתן איז בבית הכנסת. אויך דעם טאג פון דער חופה פאלט מען נישט אין דער פריה קיין תחנון. ברכי יוסף. שם:

א) דער שערי תשובה שרייבט דאס אין דער צייט ווען דאס צבור פאלט תחנון ווען אויך ער איז נישט מתפלל מיט זייא זאל ער אויך פאלען תחנון גלייך מיט דעם צבור. ווען אפילו ער זאגט נישט קיין תחנון ער האלט פסוקי דזמרה וכדומה:

עניני נפילת אפים

בסוף הדרשה האט מען מזכיר געוועזן פסוקים פון דער גאולה דורך דעם זאגט מען צו מנחה ובא לציון גואל כו'. אבודרהם:

עניני קריאת ספר תורה.

(מח) טעם. וואס דער עולם זאגט. דם ווען מען לייענט דריי טאג צוזאמען מוז גיין רעגין. ווייל עס שטייט אין פסוק וילכו שלשת ימים ולא מצאו מים. דיא יודען זענין געגאנגין דרייא טאג און האבין נישט געפינען וואסער. דורך דעם האט מען מתקן געוועזין דאס מען זאל נישט זיין דריי טאג אהן תורה. היינו מען זאל לייענין שבת און ביום ב' און ביום ה'. איבער דעם אז מען לייענט דריי טאג דורך איין אנדער קומט רעגין. עי' פרק מרובה:

(מט) טעם. דאס אפילו דער כהן איז איין ע"ה בעדארף מען איהם צו ערשט אויף רופען און ער טאר נישט מוחל זיין אפילו צו אתלמיד חכם. כדי מען זאל נישט קומען צו מחלוקת ווייל איעדער איינער וועט זאגין דאס מען זאל איהם צו ערשט אויף רופען. עס איז קיין חילוק צו שבת צו ביום ב' וביום ה' ווייל אין שיהל זענין פיהל מענשין א) אבער בייא אסעודה קען דער כהן מוחל זיין דאס איין אנדערער זאל בענטשין. לבוש סי' קל"ה ומ"א סי' קס"ז:

(נ) טעם. וואס דיא חכמים האבין מתקן געוועזין אז ביום ב' און ביום ה' זאל מען נישט וויניגער לייענין וויא צעהן פסוקים. ווייל עס ווערט נישט אנגירופען איין קריאה חשובה אין דער תורה ווען עס איז דא וויינגער פון דעם שיעור. אבער אין פרשת עמלק איז נאר דא ניין פסוקים ווען מען לייענט און פורים. ווייל עמלק האט גורם געוועזין דאס דער שם און די כסא זאלין זיין חסר. אזוי וויא עס שטייט כי יד על כס י"ה. אזוי זאלין זיינע פרשות אויך זיין חסר. לבוש סי' קל"ז סעיף ב':

א) דער פ"מ שרייבט. דאס ווען איינער האט מבטל געוועזען די מצוה פון דעם וואס עס שטייט וקדשתו. מען זאל איהם הייליגען אין האט אויף גירופען איין ישראל ווען עס איז דא אכהן. זאל מען איהם שלאגין מלקות. אז דער כהן איז אבער מוחל און זאגט דעם גבאי אז מען זאל אויף רופען דעם וואס ער הייסט. קען מען דעם אויף רופען. ווייל דאס איז זיין כבוד אז ער קען הייסין אויף רופען וועמין ער וויל. אבער ער זאל זאגען אז מען זאל אויף רופען וועמין דער גבאי הייסט. קען דער כהן נישט זאגען. הגהות רב"פ על הש"ע סי' קכ"ח ס"ק ר"ט על הט"ז:

עניני קריאת התורה

(נא) טעם. אז אין דעם טאג ווען מען לייגט אין צוויי ספרים נעמט מען זייא ארויס מיט איינמאל. דאס איז דורך כבוד הצבור דאס זיי זאלין נישט דער נאך בעדארפען צו ווארטען ביז מען וועט נאך אספר תורה ארויס נעהמען. ישועות יעקב סי' קמ"ז:

(נב) טעם. אז אין דעם טאג ווען עס איז דא צוויי ס"ת הייבט מען נישט אויף דיא ערשטי ספר תורה ביז מען לייגט די צווייטע ס"ת אויף דעם שלחן. כדי מען זאל נישט מסיח דעת זיין פון דיא מצות. דיא צווייטע ס"ת לייגט מען אויף דעם שלחן פאר דעם קדיש כדי מען זאל זאגין דעם קדיש אויף ביידע ספרים. מ"א שם:

(נג) טעם. וואס מען איז נישט מפטיר ביום ב' וביום ה' אויך נישט אין ר"ח חנוכה און פורים. כדי מען זאל נישט דאס פאלק מבטל זיין פון מלאכה. נאר אין תשעה באב ווייל מען איז שפעט אין שיהל. אויך טוהט מען קיין מלאכה אין ת"ב איז מען בשחרית אויך מפטיר. נועם מגדים:

(נד) טעם. וואס אין דער ספר תורה איז נישט דא נקודות. ווייל דאס פירוש פון די ווערטער איז אזוי ווי די נקודה איז. קען מען נאר מפורש זיין איין ענין. און ווען עס איז אבער נישט דא נקודות קען מען דרשנין פיהל ענינים. רבינו בחיי:

(נה) טעם. וואס מען רופט די תפלות פון שחרית. מנחה. מעריב. דאבנין. ווארין דיא תפלות האבין דיא אבות מתקן גיוועזען. מגיד תעלומה:

(נו) טעם. וואס מען האט מתקן גיוועזען מען זאל זאגין אדון עולם נאך דער תפלה. כדי דער שטן זאל נישט מקטרג זיין און זאגין רבונו של עולם די יודען ווילען נישט מעהר מתפלל זיין. דורך דעם זאגט מען תיכף נאך דער תפלה נאך אמאל אדון עולם כדי דער שטן זאל נישט מקטרג זיין. א"ר סי' קל"ב סק"ו:

עניני בית הכנסת

(נז) טעם. וואס מען קלאפט דריי מאל צו רופען אין שוהל אריין. ווייל אין א יעדען מענש זענען דא דריי שותפין. פאטער און מוטער. און השי"ת. דורך דעם רופט דער שמש אז די דריי חלקים זאלען קומען און לויבען צו השי"ת. גאולת ישראל:

(נח) **טעם.** וָואס מֶען איז זיך נוהג צו קלאפען דריי קלעפ מיט דעם האמיר ווען מען רופט אין שוהל. און ווען עס איז ח״ו איינער געשטארבין קלאפט מען נישט נאר צוויי קלעפ. ווייל דער מענש ווען ער לעבט זענען אין איהם דריי שותפין. השי״ת. און פאטער און מוטער. אָבער ווען ער איז געשטארבען נעמט השי״ אפ זיין טייל. דאס הייסט די נשמה. און דאס חלק פון פאטער און מוטער בלייבט פאר זיי ליגען. דורכדעם קלאפט דער שמש דריי קלעפ אין שוהל צו רופען. ער גיט ארמז אז דער מענש זאל זוכה זיין דורכדעם וואס ער גייט אין שוהל אריין דאס עס זאלין אין איהם זיין אלע דריי שותפים. היינו ער זאל לאנג לעבען. אָבער ווען עס איז איינער געשטארבען אזוי גיט מען נאר צוויי קלעפ צו צייכען דאס עס איז אין שטאדט דא אזוי איין מענש וואס עס איז אין איהם נאר צוויי שותפין. היינו השי״ת האט זיך זיין חלק די נשמה אבגענומען. שם:

(נט) **טעם.** וואס מען דארף צינדען ליכט אין שוהל. ווייל עס שטייט אין פסוק. **על כן באורים כבדו ה׳.** מיט פאקלין זאלט איהר כבוד אנטהון צו השי״ת. כד הקמח:

ענייני נטילת ידים

(ס) **טעם.** וואס מען בעדארף **נטילת ידים** צו פת. ווייל צו תרומה מוז מען האבען נטילת ידים. ווייל מען בעדארף די תרומה עסין בטהרה איבער דעם האט מען ביי חולין אויך גוזר געוועזען. רש״י מס׳ חולין דף ק״ו:

(סא) **טעם.** וואס מען דארף נישט האבען נ״י צו פת וואס איז געקנעטען אין האניג אדער אין שמן אדער אין מילך. פוטער. וכדומה. ווייל דאס רוב תרומה איז נאר פון מיני פת אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **ראשית דגנך.** אין די פינף מיני תבואה פון דגן איז נישט דער דרך צו עסין נאר נאך דעם וואס מען מאכט דער פון פת דעריבער האט מען אויך נישט גוזר געוועזין נטילה נאר אויף אזוי איין פת וואס מען איז חייב צו מאכין די ברכה המוציא אָבער אויף א פת וואס מען מאכט נישט אויף דעם המוציא היינו פלאדין. קיכלעך וכדומה בעדארף מען נישט נטילת ידים ווייל מען איז נישט איבער דעם קובע די סעודה האט מען ביי חולין נישט גוזר געוועזין נטילה. לבוש:

ענייני בציעת הפת

(סב) טעם. וואס מען מאכט נישט א ברכה אויף ברויט בורא פרי האדמה אזוי וויא ביא אנדרע זאכען וואס וואקסין אויף דער ערד. אדער מען זאל מאכין א ברכה בורא פרי החטה. ווייל מען שטעלט דאס לשון פון דעם פסוק. להוציא לחם מן הארץ. אזוי אויך ביא אנדרע ברכות שטעלט מען דאס לשון פון דעם פסוק. אזוי וויא עס שטייט. הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה. דרום מאכט מען אויף זיי די ברכה בורא פרי האדמה. אבודרהם:

(סג) טעם. וואס מען בעדארף איין טינקען די מוציא אין זאלץ. ווארין דער טיש איז גלייך צו א מזבח און דאס עסין איז גלייך וויא א קרבן. און עס שטייט אין פסוק על כל קרבנך תקריב מלח. אויף אלע דיינע קרבנות זאלסטו מקריב זיין זאלץ. און דאס היעט אפ פון פורענות. מען איז נוהג איין צו טינקען דיא מוציא דרייא מאהל אין זאלץ דאס איז ע״פ סוד. אויך בעדארף מען לאזין דאס זאלץ אויף דעם טיש ביז נאך דעם בענטשין. א) קיצור של״ה:

ענייני סעודה

(סד) טעם. וואס מען מאכט א ברכה איבער ווין צווישען דער סעודה. ווייל עס איז א דבר חשוב מען מאכט איבער דעם א ברכה אפילו ער בדארף נישט צו טרינקען היינו קידוש אין הבדלה. מ״א סי׳ קע״ד:

ענייני ברכת המזון

(סה) טעם. וואס מען בעדארף אראפ צו נעהמין דאס מעסער פון דעם טיש פאר דעם בענטשין. ווייל דער טיש איז גלייך צו א מזבח. און אזוי וויא ביא דעם מזבח שטייט אז מען טאהר נישט אויף איהם אויף הייבען אייזען. ווייל אייזען איז דאס כח פון עשו אין דאס אייזען בעדארף צו זיין ערווייטערט פון דעם בית המקדש. אזוי אויך בעדארף מען פון דעם טיש אראפנעהמען די מעסער ווייל דאס איז דער היפך פון דעם שלום בעדארף דאס נישט זיין אויף דעם ארט פון ברכה. וואס דיא ברכה איז שלום. שלחן ארבע:

טעם

א) דער כלבו שרייבט דאס מען איז נוהג דאס מען זאל נישט געבין צו עסין א בהמה אדער א חיה ועוף. אויך נישט איין גוי פון דעם שטיק וואס עס ריהרט אהן אין דער מוציא:

(סו) טעם. וָואס בִּרְכַּת הַזִימּוּן אִיז נָאר וֶוען דְרַייא מֶענְשִׁין עֶסִין צוּזַאמֶּען. וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גדלו לה׳ אתי. מַאכְט מִיט מִיר גְרוֹיס צוּ הַשִׁי״ת. אִין אֵיין מֶענְשׁ קֶען נִישְׁט זָאגִין צוּ דֶעם אַנְדֶערִין מַאכְט מִיט מִיר גְרוֹיס צוּ הַשִׁי״ת נָאר צוּ צְוֵויי. א) (מס׳ ברכות דף מ״ה):

(סז) טעם. וָואס מֶען בֶּענְשְׁט נִישְׁט מְזוּמָּן מִיט דֶעם שֵׁם נָאר וֶוען עֶס עֶסִין צֶעהֶן צוּזַאמֶּען. וַוייל אַדָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה קֶען נִישְׁט זַיין נָאר וֶוען צֶעהֶן גְרוֹיסֶע מֶענְשִׁין עֶסִין צוּזַאמֶּען. ב״י סי׳ קצ״ט:

(סח) טעם. דָאס אוֹיף פִינְף מִינִים. וַויין אָדֶער וַויינְטְרוֹיבֶּען. פַייגֶען. מִיהְלְגְרוֹיס. אֵייל בִּיהֶרְט. דֵייטְלִין. מַאכְט מֶען נָאךְ דֶעם עֶסֶען אַבְּרָכָה אַחֲרוֹנָה עַל הַגֶּפֶן. אָדֶער עַל הָעֵץ. כְּדֵי מִיזָאל צוּ טֵיילֶען כָּבוֹד צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל מִיט דִיא פֵּירוֹת אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גִילוֹיבְּט גִיוָוארִין. ט״ז סי׳ ר״ח:

(סט) טעם. אַז מֶען טְרִינְקְט פוּן כּוֹס שֶׁל קִידּוּשׁ אָדֶער פוּן כּוֹס שֶׁל בִּרְכַּת הַמָּזוֹן און מֶען גִיט זַיין חַבֵר אוֹיךְ צוּ טְרִינְקֶען גִיסְט מֶען אִין דֶעם כּוֹס צוּ אַבִּיסִיל. וַוייל מִיט דֶעם וֶועט דֶער כּוֹס צוּרִיק חָשׁוּב. מֶען בֶּעדַארְף זַיין וַוייבּ אוֹיךְ שִׁיקֶען כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה. כְּדֵי זִיא זָאל אוֹיךְ וֶוערִין גִיבֶּענְשְׁט. הגהות מיימוניות הלכות שבת:

עניני ברכת הפירות

(ע) טעם. וָואס מֶען מַאכְט נִישְׁט שהחיינו אוֹיף יְרָקוֹת. וַוייל מֶען הַאלְט עֶס אַגַאנְץ יָאהְר אִין דֶער עֶרְד קֶען מֶען נִישְׁט דֶער קֶענִין צְווִישֶׁען דֶעם גְרִינְצֵייג וָואס עֶס הָאט גֶעוַואקְסֶען דָאס יָאהְר אוּן צְווִישֶׁען דֶעם גְרִינְצֵייג וָואס עֶס הָאט גִיוַואקְסֶען פַאר אַיָאהְר. דְרִיבֶּער וֶוען אֲפִילּוּ עֶס אִיז פוּן דֶעם יָאהְר מַאכְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט שֶׁהֶחֱיָנוּ וַוייל מֶען קֶען זִיךְ טוֹעֶה זַיין ב):

א) וֶוען אֵיינֶער עֶסְט מִילֶכְדִיקְס אוּן צְוֵויא עֶסִין פְלֵייש אָדֶער אֵיינֶער עֶסְט פְלֵייש אוּן צְוֵויא עֶסִין מִילֶעכְדִיקְס זֶענִין זֵייא זִיךְ מִצְטָרֵף צוּ מְזוּמָּן בֶּענְשִׁין אוּן דֶער וָואס עֶסְט מִילֶעכְדִיקְס זָאל בֶּענְטְשִׁין מְזוּמָּן. וַוייל עֶר קֶען מִיט זֵיי עֶסִין פְלֵייש. וֶוען אָבֶּער עֶר עֶסְט אַלְטֶען קֶעז וָואס אִיז אַלְט זֶעקְס חֳדָשִׁים אָדֶער וָואלֶעחִישֶׁען קֶעז וָואס מֶען מוּז אוֹיךְ וַוארְטֶען זֶעקְס שָׁעָה זֶענִין זֵייא זִיךְ נִישְׁט מִצְטָרֵף צוּ זִימּוּן בֶּענְטְשִׁין. מ״א סי׳ קצ״ו:

ב) דֶער פְּרִישָׁה שְׁרַייבְּט דָאס א״ף רֶעטֶעךְ. אוּן מֵייעֶרִין אוּן רִיבֶּען זָאל מֶען מַאכֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ. וָוארִין דִי זַאכֶען וֶוערִין תֵּיכֶף נָאךְ פֶּסַח אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן דֶער עֶרְד אוּן

(עא) טעם. וואס מען מאכט נישט אברכה אויף **טובא"ק** וואס מען רייכערט און מען האט הנאה פון דעם וואס מען נעהמט דעם רויך אין מויל אריין א). ווייל עס איז נאר פאר ארפואה אבער קיין טעם איז נישט דא אין דעם. (פ"מ סי' ר"י ס"ק ט). אזוי אויך מאכט מען נישט

אברכה

דיא נייע וואקסען ערשט שפעטער. גרייכט נישט איינם צו דעם אנדערין אין דער צייט ווען די אלטע זענין נאך אין דער ערד:

דער מ"א שרייבט דער מענש איז עתיד צו געבין דין וחשבון ווען ער האט געזעהן נייע זאכען און האט פון זיי נישט גיגעסין. אויף יעדער זאך וואס מען עסט און מען מאכט אברכה זאל מען האלטען אין דער רעכטי האנד אין דער צייט פון דער ברכה. (שם). אויף אתרוג זאל מען נישט מאכען ווען מען עסט איין שהחיינו ווייל מען האט שוין גימאכט שהחיינו ווען מען האט גיבענשט אתרוג. שו"ת מהר"י אשכנזי:

א) עס שטייט אין ספרים בשם **תלמידי הבעש"ט** אז דאס עשב טאבאק איז זייער חשוב ביי די צדיקים עס איז דא אזעלכע נשמות וואס זיי קענען נישט האבען קיין עליה דורך אכילה. און דורך דעם ריח קען מען זיי מעלה זיין:

ובספרי נצר חסד מהרב הצדיק הקדוש **מקאמארנא** (אבות פ"ד) איז מפורש דער מאמר וואס עס שטייט אין פרק אל תהי דן יחידי. ע"ד ספור נפלא וואס עס האט זיך געטראפען אין די צייטען פון **הבעש"ט** זי"ע. עס האט א תלמיד מתפלל גיוועזען אין ר"ה און האט ארויפגעלאזט די פושקע מיט דעם טאבא"ק האט זיך דער תלמיד איינגיבויגען און האט די כלי אויף געהויבען און האט גישמעקט דעם טאבא"ק. ווי זיין חבר האט דאס גיזעהן אזוי האט ער אין זיין מחשבה מקפיד געוועזען ווי אזוי מען טוהט אזוי איין זאך אין מיטען דיא תפלה. האט דער חבר מיט דער הקפדה גורם גיוועזען א גרויסען קיטרוג אין הימעל און מען האט גענעבען א פסק דאס דער תלמיד זאל דאס יאהר שטארבען. און הבעש"ט הקדוש האט דאס אלעס געזעהען איז ער גענאנגען מיט עליות נשמה פאר דעם ב"ד של מעלה און האט געפרעגט ווי אזוי מען פסקית פאר אזוי אקליינ'קייט מיתה. עס האט אבער נישט געהאלפען קיין איינציגע טענה. האט הבעש"ט הקדוש געהאט גרויס צער ביז ער האט הושענה רבה ביי נאכט פועל גיוועזען מיט זיין תפלה אז דער זעלבער חבר וואס האט מקטרג גיוועזען וועט צוריק אוים זוכען א זכות אזוי וועט דער גזר דין בטל ווערען. האט הבעש"ט פועל געוועזען דאס דער חבר האט אהן גיהויבען צו קלעהרען פאר וואס מען שמעקט אין די דורות דעם טאבא"ק און האט אליין פערענטפערט ווייל עס איז דא אזעלכע נשמות וואס מען קען זיי נישט מעלה זיין נאר מיט יחודים און מיט דעם ריח און מיט דעם איז איהם איינגיפאלען אזכות אויף זיין חבר וואס האט גישמעקט אין מיטען דער תפלה. און הבעש"ט הקדוש האט דעם הושענה רבה יעדען מענש גיענטפערט אויף וואס מען האט איהם גיפרעגט איז דער תלמיד וואס האט דן גיוועזען זיין חבר אויך אריין גיקומען און האט גיפרעגט פאר וואס מען שמעקט דעם טאבאק האט צו איהם גיזאגט הבעש"ט זי"ע זאג דוא פאר וואס. האט ער גיענטפערט אזוי ווי עס שטייט

אויבען

אברכה אויף טובא"ק וואס מען שמעקט ווייל דער ריח האט קיין עיקר. באר היטב סי' רט"ז ס"ק י"ג:

ווען מען טוהט אריין אין דעם טאבא"ק אזעלכי טרויפען וואס זיי שמעקין שטארק איז א ספק אויב מען בעדרף צו מאכין א ברכה. אשל אברהם:

עניני ברכות

(עב) טעם. וואס מען מאכט נישט שהחיינו אויף ברויט וואס ווערט גיבאקין פון נייע ווייץ אדער קארין. ווייל מען קען נישט דער קענין דם ברויט וואס עס ווערט גיבאקין פון דר נייע תבואה. של"ה:

(עג) טעם. וואס מען מאכט נישט א ברכה ווען מען גיט צדקה גלייך ווי מען מאכט א ברכה אויף אנדרי מצות. א) ווייל צדקה

בעדארף

אובין. האט צו איהם געזאגט דער בעש"ט זאג נאך די איבריגע זאכען וואס דו האסט אין דיין מחשבה. האט ער זיך דערמאנט און האט דעם בעש"ט דערציילט דאס גאנצע ענין, און ווי אזוי ער איז צוריק מלמד זכות אזוי איז דער גזר דין בטל גיווארען. האט איהם הבעש"ט דעריבער מוסר גיזאגט. דאס מיינט מען אין פרק אל תהי דן יחידי. ווען דו זעהסט אין דיין חבר איין פעהלער זאלסטו איהם נישט תיכף דן זיין אויף חוב. נאר זאלסט זוכען א זכות אויך אויף איהם:

א) עס איז א מצות עשה צו געבין צדקה אויך ווען מען גייט צוזאמין געמען צדקה איז אויך א דבר גדול עס היט איהם אפ פון אלעם שלעכטין אויף ביידע וועלטען:

אזוי ווי עס האט זיך גיטראפען א מעשה נפלא ביי הרב הצדיק הקדוש מבאדריטשוב זצוק"ל עס איז איינער גישטארבען איז מען גענאנגען פרעגען להרב הצדיק מבארדיטשוב וואו מען זאל איהם לייגין דער איז געוועזען פון די אנשים פחותים האט הרב הצדיק איהם געהייסען לייגען געבען איין שניידער וואס ער איז נאך פאר דרייסיג יאהר גישטארבען ער איז אויך גיוועזין אזוי איין מענש. ווי מען האט אן גיהויבען צו גראבען האט מען געזעהען ווי ער ליגט גאנץ מיט די קליידער איז מען גלאפען זאגען להרב הצדיק די מעשה דאס דער שניידער ליגט גאנץ נישט פערפוילט. איז איהם זייער א וואונדער גיוועזען האט הרב הצדיק דעם שמש געגעבען זיין פרטשיילע און האט איהם גיזאגט דאס ער זאל גיין צו דעם מת און איהם ווייזען א צייכען זיין טיכיל און איהם זאגין דאס הרב מבארדיטשוב האט איהם גיהייסין תיכף קומען. האט דער שמש אזוי גיטהון איז דער מת געקומען האט הרב מבארדיטשוב איהם גיפרעגט וואס איז די מעשה וואס דו ליגסט נאך גאנץ איך ווייס דאך וואס דו ביסט געוועזען. האט דער מת גיזאגט די מעשה איז אזוי איך בין גיוועזען א שניידער איינמאל איז צו מיר איינער גיקומען איך זאל איהם געבין א נדבה אויף פדיום שבויים. האב איך איהם גיפרעגט ווי פיעל עס פעהלט נאך איהם

געלד

בעדארף מען געבין מיט שמחה אין דאס רוב מענטשין גיבען נישט צדקה מיט שמחה דורך דעם מאכט מען נישט קיין ברכה אויף צדקה. בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר מנחם מענדל מפריסטיק זצוק"ל:

טעם

געלד האט ער מיר גיגעבערט עס פעהלט איהם נאך צוועלף רוביל האב איך גיזאגט צו איהם זיך וועל דיר געבין די צוועלף רוביל באופן אז זאלסט אן טהון דעם מאנטיל וואס איז ביי מיר גילעגין איבער צו גייען פון איין פריצה און זאלסט מיט דעם מאנטיל גיין זיבען מאל ארום דעם ראטה-הויז און מיינע אלע יונגען וועלין נאך גיין מיט קאטשערעס און לאפעטעס אז דו וועסט אזו טהון אזוי וועל איך דיר געבין די צוועלף רוביל. האט זיך דער מענש גיטראכט עס וועט ביי איהם נאך אוועק גיין פיער וואכין ביז ער זאל מאכען צוועלף רובעל און אזוי וועט ער תיכף איבערקומען האט ער אזוי מסכים געוועזען און האט אן גיטאן דעם אלטען מאנטיל און די אלע יונגען זענען מיט איהם זיבען מאל ארום געגאנגען דאס ראטה-הויז מיט גרויסע קולות און גילעכטערס און איך האב איהם גיגעבין די צוועלף רוביל. לימים איז ער גישטארבען איז נישט גיוועזען אויף תכריכים האט מען גענומען די ווייסע פאטשיוקע וואס איז גיוועזען אונטער דעם אלטען מאנטעל און מען האט פון דעם גימאכט תכריכים. אצינד מיט דעם כח וואס דער מענש האט אריין גיגעבען אין דעם מאנטיל פון דער מצוה וואס ער האט געטהון. איז איהם דאס מציל און איז נישט פערפוילט גיווארען. א סימן ביי דעם לינקען פוס איז נישט אויס גיגאנגען די לענג פון דער פאטשיוקע איז דאס שטיק פוס פערפוילט געווארען. האט הרב הצדיק מבארדיטשוב גיזאגט דאס מען זאל איהם געבען איהם טאקי ווייטער ליינן, קודם זעהט מען ארויס ווי ווייט דער כח פון צדקה איז גרויס דאס עס היט אפ פון אלעם שלעכטין: בשם הרב הצדיק הקדוש מסאסוב שליט"א:

אויך אין ספר רחמי האב ווערט גיברענגט א מעשה נפלא פון רבינו אליעזר דער פאטער פון דעם בעש"ט ז"ע זיין דירה איז גיוועזען אין א דארף און איז גיוועזען א גרויסער מכניס אורח און האט גיזעצט שומרים אין עק דארף און האט אן גיזאגט דעם שומר דאס אזוי ווי עס וועט נאר קומען איין אורח זאל ער איהם תיכף זאגין דאס ער זאל גיין צו ר' אליעזר און דארט וועט איהם גוט זיין כדי דער אורח זאל נישט דער ווייל זארגען ווי ער זאל גיין ביי אזא מקום ווי מען קען איהם נישט. און אז דער אורח איז גיקומען האט ער איהם תיכף גיגעבען א שיינע נדבה נאך פאר דעם עסין כדי ער זאל עסין מיט שמחה וואריין ביי איין ארום מאן איז נעביך דער עיקר דאס מען זאל איהם געלד געבין ער זאל האבין וואס אהיים צו ברענגען. איין מאל האט מען אין הימעל גילויבט זיינע גוטע הנהגות. האט מען אין הימעל מסכים גיוועזען דאס מען זאל איהם מיט עפיס פרובירן. האט מען גיזאגט ווער עס זאל גיין פרובירן האט דער ס"ם גיזאגט אז ער וועט גיין. האט אליהו ז"ל גיזאגט עס איז נישט גוט דאס דו זאלסט גיין איך וועל גיין. איז אליהו ז"ל צו איהם גיגאנגען און איז צו איהם אן געקומען שבת נאך חצות אזוי ווי איין ארום מאן מיט זיין שטעקין און מיט זיין טארבע. און איז צו ר' אליעזר אריין גיקומען און האט גיזאגט

גוט

(עד) טעם. וָואס מֶען זָאגְט בַּייא תְּפִלַּת עַרְבִית והוא רחום. ווייל דִיא פּוֹשְׁעִים ווערין גישְׁלָאגֶען צְווִישֶׁען מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב אוּן מֶען זָאגְט בַּייא דִיא מַלְקוּת דְרַייא מָאהל וְהוּא רַחוּם. דוּרְךְ דֶעם רוּפְט דֶער חַזָן אוֹים וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן. ספר המנהיג:

(עה) טעם: וָואס מֶען זָאגְט ברוך ה׳ לעולם אמן ואמן בַּייא דֶער תְּפִלָּה פוּן מַעֲרִיב. ווייל מֶען הָאט גּוֹזֵר גִיוֶועזֶען שְׁמַד אוֹיף דִיא יִשְׂרָאֵל דָאס זֵייא זָאלִין נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין מַעֲרִיב הָאט מֶען מְתַקֵּן גִיוֶועזֶען צוּ זָאגִין דִי פְּסוּקִים וָואס אִין זֵיי אִיז דָא י״ח הַזְכָּרוֹת. אַקֶעגֶין דִיא י״ח בְּרָכוֹת פוּן דֶער שמונה עשרה. אִין אֲפִילוּ דִיא גְזֵירָה אִיז בָּטֵל גִיוָוארִין הָאט מֶען דִיא תַּקָנָה נִישְׁט מְבַטֵּל גִיוֶועזֶען. דוּרְךְ דֶעם זָאגְט מֶען דָאס נִישְׁט אִים שַׁבָּת ווייל אִין שַׁבָּת אִיז מֶען נִישְׁט מִתְפַּלֵּל דִיא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן אַכְצֶעהֶן בְּרָכוֹת. אבודרהם:

(עו) טעם. וָואס דֶער חַזָן נֶעמְט אַרָאפּ דֶעם טַלִית פוּן דֶעם קָאפּ אִין דֶער צַייט וֶוען מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל דִיא תְּפִלָּה פוּן מַעֲרִיב. כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טוֹעֶה זַיין צוּ זָאגִין אַז בַּייא דֶער נַאכְט אִיז אוֹיךְ דֶער חִיוּב פוּן צִיצִית. אשל אברהם:

עניני שבת

(עז) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל צוּ בַּאקִין חַלָּה לִכְבוֹד שַׁבָּת. כְּדֵי דִיא אִשָּׁה זָאל נֶעהְמִין חַלָּה. וָוארִין אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז בֶּעשַׁאפֶען גִיוָוארִין אִים עֶרֶב שַׁבָּת וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזִין דִיא חַלָּה פוּן דֶער וועלט

גוּט שַׁבָּת ווִי דֶער סֵדֶר אִיז. מִיט דֶעם שֵׂכֶל הָאט אִיהם ר׳ אֱלִיעֶזֶר בֶּעדַארְפְט אַרוֹיס צוּ טְרַייבֶען ווייל עֶר אִיז אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת. עֶר אִיז אָבֶער גֶעוֶועזִין אַ סַבְלָן אוּן הָאט אִיהם נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַייֵשׁ זַיין אוּן הָאט אִיהם תֵּיכֶף גִיגֶעבִּין צוּ עֶסִין שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אוּן אוֹיךְ סְעוּדַת מַלְכָּה. אוֹיךְ בְּיוֹם א׳ אִין דֶער פְרִיה אוּן הָאט אִיהם אוֹיךְ גִיגֶעבֶּען אַ נְדָבָה אוּן הָאט אִיהם גָאר נִישְׁט מַזְכִּיר גִיוֶועזֶען פוּן עִנְיָן חִלּוּל שַׁבָּת כְּדֵי עֶר זָאל אִיהם נִישְׁט מְבַייֵשׁ זַיין. ווִי אֵלִיָּה׳ הַנָּבִיא הָאט גִיזֶעהֶען זַיין גוּטֶען מִנְהָג. הָאט עֶר זִיךְ צוּ אִיהם מְגַלֶּה גֶעוֶועזֶען אוּן הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט ווייס אַז אִיךְ בִּין אֵלִיָּה׳ הַנָּבִיא אוּן אִיךְ בִּין דִיךְ גֶעקוּמֶען פְרֵיוֶוען אוּן דוּרְךְ דֶעם שְׂכַר וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זוּהְן וָואס עֶר וֶועט פֶערְלֵייכְטֶען דִי אוֹיגֶען פוּן דִי יִשְׂרָאֵל. הָאט עֶר זוֹכֶה גִיוֶועזֶען צוּ דֶעם הֵיילִיגֶען בעש״ט זכו״ע. אִין סֵפֶר יַד אֵלִיָּה׳ שְׁטֵייט אַז מֶען בֶּעדַארְף זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלִין פַאר דִי עוֹשֵׂי מִצְוָה אִין דֶער שָׁעָה וֶוען זֵיי וֶוענֶען זִיךְ מִתְעַסֵּק:

וועלט. אין דיא אשה האט קאליע געמאכט דיא חלה פון דער וועלט מיט דעם וואס זיא האט איהם אהן געריעד אז ער זאל עסין פון דעם עץ הדעת דורך דעם נעמט דיא אשה חלה זיא זאל דאס מתקן זיין. ילקוט בראשית:

(עח) טעם. וואס דער מנהג איז אהן צו רופען דאס לחם וום מען באקט לכבוד שבת אין נאהמין פון חלה. ווייל דורך דעם וועט זיא גידענקין חלה צו נעהמין. אשל אברהם סי' ר"ם:

(עט) טעם. וואס מלייגט דיא חלות אויף דעם טיש פאר דיא לעכט שטעלין. כדי דער טיש זאל נישט זיין אפים צו א דבר איסור. וועט מען שבת דעם טיש נישט קענין אוועק נעהמין פון דעם ארט. ווען אבער מען לייגט פריהר דיא חלה אויף דעם טיש אזוי איז דער טיש אפים צו איסור אין צו היתר. אין דער היתר איז מעהר חשוב וויא דער איסור ווייל מען בעדארף איהם צו דר סעודה פון שבת. ליקוטי הלכות שבת:

(פ) טעם. וואס נאך דעם אפ שניידין דיא נעגיל שניטץ מען מיט דעם מעסער אין האלץ. ווארין די גמרא זאגט אין נדה אז מען שנייד מיט דעם מעסער אין איין זאך איז שוין קיין סכנה. דער עולם איז אבער נוהג אז מען טוהט צוויא זאכען צו גיט. צו שניידען אין האלץ. אויך זייא צו פערברענין. תו"ש:

(פא) טעם. וואס מען בעדארף צו פארברענין דיא נעגיל. ווייל פאר דעם חטא פון אדם הראשון איז זיין מלבוש געוועזען ציפורן. אין נאך דעם חטא איז דאס מלבוש פון איהם געווארין אפ גיצוגין. און עס איז פון דעם נישט געבליבען נאר דיא נעגיל דורך דעם האט מען מורא דאס דיא אשה זאל נישט דורך זייא גישטראפט ווערין. ווייל זי האט דאס גורם גיוועזין. (באר היטב סי' ר"ם סק"ב) דער פרישה שרייבט דאס עס איז קיין חילוק צווישען דיא נעגיל פון דיא הענד אדער פון דיא פים מוז מען פארברענין:

(פב) טעם. וואס מען שנייד קיין נעגיל ביום ה'. ווייל אין דעם דריטען טאג הייבין זייא אהן צו וואקסען איז עס נישט אכבוד פיר שבת אז זייא זאלין אין שבת אהן הייבען צו וואקסען. א) מחצית השקל:

טעם

א) אין צוואת ר' יהודא החסיד ווערט גיבערענגט אז מען זאל קיין נעגיל שניידין אויך זיך נישט אפשערין אין ראש חודש. אפילו ר"ח גיפאלט אין ערב שבת זאלען זיך אויך נישט שערין ווייל עס איז א סכנה. אויך זאל מען קיין נעגיל שניידין אין ר"ה (ר"ח) אויך

זאל

(פג) טעם. וָואס אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבִּין גִיזָאגְט דָם דֶער וָוס פַארְבְּרֶענְט דִי נֶעגִיל הֵייסְט אַחָסִיד. וָוארִין דָאס פַארְבְּרֶענִין דִיא נֶעגִיל אִיז מַזִּיק דֶעם מֶענְש אִין אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס קוּמְט פוּן דֶעם מֶענְש. דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר אָהְן גֶערוּפֶען חָסִיד וַוייל עֶר אִיז אוֹיף זִיךְ מַחְמִיר צוּ פַארְבְּרֶענִין וֶוען אֲפִילוּ עֶס אִיז אִיהְם מַזִּיק. תוס' נדה:

(פד) טעם. וָואס מֶען דַארְף אָהְן צִינְדֶען צְווֵיי לֶעכְט עֶרֶב שַׁבָּת. אֵיין לֶעכְט אַקֶעגִין זָכוֹר אִין אֵיין לֶעכְט אַקֶעגִין שָׁמוֹר וָוארִין עֶס שְׁטֵייט אֵיין מָאהְל זָכוֹר. גִידֶענְק דֶעם שַׁבָּת. אִין אֵיין מָאהְל שְׁטֵייט שָׁמוֹר. הִיט אָפּ דֶעם שַׁבָּת. אוּן נָשִׁים זֶענִין אִין דֶעם מֶעהְר נִזְהָר וַוייל זִיא הָאט פַארְלָאשֶׁען דָאס לֶעכְט פוּן דֶער וֶועלְט. זִיא הָאט גוֹרֵם גִיוֶועזְן מִיתָה צוּ אָדָם הָרִאשׁוֹן. א) בַּייא דֶעם עֶרְשְׁטִין מָאהְל לֶעכְט בֶּענְטְשִׁין זָאל זִיא מַאכֶען אֵיין שֶׁהֶחֱיָינוּ אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַלֶע מִצְוֹת. ב) (יעב"ץ). אוֹיךְ אִין יו"ט אִיז מֶען נוֹהֵג צוּ צִינְדֶען צְווַייא לֶעכְט אַקֶעגִין אִישׁ וְאִשָּׁה. ג) א"ר סי' רס"ג:

(פה) טעם. דָאס נָאךְ דֶעם אָהְן צִינְדֶען דִיא לֶעכְט בע"ש פַארְשְׁטֶעלְט מֶען מִיט דִי הֶענְד פַאר דִי אוֹיגֶען אִין מֶען מַאכְט דִי בְּרָכָה. וַוייל מֶען בֶּעדַארְף מַאכֶען דִי בְּרָכָה פַאר דֶעם טוּהְן דִיא מִצְוָה. אִין אַזוֹי

באלד

זָאל מֶען נִישְׁט אָפְּשְׁנַיידִין דִי נֶעגִיל פוּן דִי הֶענְד אוּן פוּן דִי פִּיס אִין אֵיין טָאג. עֶס אִיז גְלַייךְ אַז דִי נֶעגִיל פוּן דִי פִּיס זָאל מֶען שְׁנַיידִין בְּיוֹם ה' אוּן פוּן דִי הֶענְד בְּיוֹם ו':

אוֹיךְ אִיז אַמִצְוָה אָן צוּ שַׁארְפֶען דִי מֶעסֶער לְכָבוֹד שַׁבָּת. אוּן אוֹיף אַלֶע זַאכֶען וָואס עֶר קוֹיפְט אוֹיף שַׁבָּת זָאל עֶר זָאגִין לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וָוארִין דִי קְדוּשָׁה פוּן שַׁבָּת בְּרֶענְגְט מִיט כָּל מִינֵי הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת שֶׁבָּעוֹלָם:

א) דֶער רמב"ם זָאגְט דֶעם טַעַם. וַוייל דִי אִשָּׁה אִיז מֶעהְר אִין דֶער הֵיים אוּן זִי אִיז עוֹסֵק אִין דִי בַּאדֶערְפִינִישׁ פוּן דֶער הֵיים דְרוּם זָאל זִי לֶעכְט בֶּענְטְשִׁין:

ב) אוֹיךְ בַּיי דֶעם עֶרְשְׁטִין מָאל חַלָּה נֶעמֶען זָאל זִי מַאכֶען אֵיין שֶׁהֶחֱיָינוּ. (ס' חלת לחם). דֶער א"ר שְׁרַייבְּט דָאס מֶען בֶּעדַארְף שַׁבָּת צוּ דֶעקֶען אַלֶע טִישֶׁען אֲפִילוּ אִין דֶעם חֶדֶר וואוּ מֶען עֶסְט נִישְׁט דָארְט:

ג) אִין דֶער צַייט וֶוען דִי אִשָּׁה בֶּענְשְׁט דִי לֶעכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת זָאל זִי בֶּעטִין צוּ השי"ת אַז אִיהְרֶע קִינְדֶער זָאלֶען גֵיין אִין זַיין וֶועג. אִין ספר דעת משה וֶוערְט גִיבְּרֶענְגְט אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן זַיין פָאטֶער הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר ישראל מקאזניץ זצוק"ל אַז דִי מוּטֶער פוּן הרב הקדוש מוהר"ר שמואל קאדנייבור זצלה"ה וָואס עֶר הָאט מְחַבֵּר גִיוֶועזְן פִיהל הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאט נָאר נִישְׁט גִיקֶענְט מִתְפַּלֵל זַיין נָאר אִין דֶער צַייט וֶוען זִי הָאט גִיצוּנְדֶען דִי לֶעכְט פוּן שַׁבָּת הָאט זִי מִתְפַּלֵל גִיוֶועזְן אִין לָשׁוֹן פוּן רוּסִי' יְהִי רָצוֹן אַז אִיהְר זוּהְן שְׁמוּאֵל זָאל זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם:

באלד מען מאכט די ברכה איז מען שוין מקבל שבת ווערט זיא שוין נישט קענין זיא לעכט אהן צינדען. דורך דעם פארשטעלט זי מיט די הענד די לעכט ווען זיא מאכט דיא ברכה כדי זיא זאל ערשט פון דיא לעכט הנאה האבין נאך דער ברכה מאכען איז שוין גלייך וויא מען מאכט דיא ברכה פאר דער מצוה. א) רמ"א:

(פו) **טעם.** וואס אמייל מענטשין זענין נוהג צו טיילען עשבים (מיענטקי) ערב שבת אין שיהל איבער זיי צו שמעקין און אברכה מאכען. ווייל עס קומט אים שבת דיא נשמה יתירה וואס זיא האט הנאה פון דעם ריח. מטה אפרים:

(פז) **טעם.** וואס דער חזן איז מקבל שבת אויף דעם בלעמער וואס איז אין דער מיט שיהל. ווייל עס פלעגט זיין דער מנהג אז מען איז ארוי"ס גיגאנגען פון דער שיהל מקבל שבת צו זיין. אזוי וויא עס שטייט אין מסכת שבת דף קי"ט דריבער גייט מען אויף דער בימה וואס איז נאהינט צו דער טיהר פון דער שיהל:

(פח) **טעם.** וואס ביים דעם חרוז **בואי בשלום** קעהרט זיך אום דאס קהל צו דר זייט פון מעריב. ווייל די שכינה איז אין מעריב זייט. זאגט מען צו דער שכינה בואי בשלום:

(פט) **טעם.** וואס מען זאגט ביים מעריב ושמרו בני ישראל. ווארין אז מען היעט שבת ווערט מען אפ גיהיטט פון אלעם שלעכטען. אין אויך אז די יודען זאלען אפ היטען צוויי שבתות א) וואלטען זייא תיכף אוים געלייזט גיווארין. ב"י:

טעם

א) אבער יו"ט זאל זי מאכען די ברכה און דער נאך אן צינדען. אזוי שרייבט דער דרישה אין נאמען פון זיין מוטער. ועי' באר היטב סי' תק"ג סק"ד אז אין יו"ט זאלין די נשים בענטשין לעכט פאר זייער גיין אין שוהל עס איז מעהר מצוה ווי צו צינדען לעכט ערשט ווען מען קומט אהיים און מען זיצט אין דער פינצטער:

ב) מען בעדארף זייער זיין גיווארינט אפ צו היטען דעם שבת בפרט די סוחרים זאלען צייטליך די געוועלבען פערשליסען ווארין ווען עס איז נאהנט צו שבת שטארקט זיך דער בעל דבר און ברענגט זיי קונים. און פיעל מענשין קומען קויפען לעכט לכבוד שבת. ע"כ זאלסטו זיי נישט צו הערין ווארין זיי זענען געשיקט פון דעם בעל דבר: איין מעשה נפלא מהגביר ר' **איסורל** ער האט גיהאט א גרויס גיוועלב פון אלע מינים זיידען צייג. און זיין מנהג איז גיוועזען אזוי ווי עס איז געקומען פרייטיג זייגער צוועלף האט ער תיכף דאס גיוועלב פערשלאסען. איין מאל האט זיך דער ס"מ אין איהם

מרנא

(צ) טעם. וואס מען זאגט נאך דער תפלה נאך אמאהל ויכלו. כדי מען זאל מוציא זיין אזוי איינעם וואס ער קען נישט מתפלל זיין. אויך דארף מען זאגין ויכלו שטייענדיג ווייל דאס איז איין עדות צו השי"ת אויף מעשה בראשית אין אזוי ווי עדות בעדארפען עדות זאגין שטייענדיגערהייט אזוי בעדארף מען ויכלו אויך זאגין שטייענדיג. טור סי' רס"ח:

(צא) טעם. וואס מען זאגט נישט במה מדליקין אין יום טוב ווען עס גיפאלט אין ערב שבת. ווייל מען קען נישט זאגין עשרתם. וואריין אין יו"ט גיבט מען נישט מעשר. לבוש:

(צב) טעם. ווס מען מאכט אין שיהל קידוש אפילו מען עסט נישט דארט. כדי צו לערנין דעם המון עם דעם סדר פון קידוש. כלבו:

(צג) טעם. וואס מען טאר נישט קידוש מאכען אויף אכוס פגום ווען אפילו עס איז דא אשיעור כוס. ווייל עס ווייזט אויס אז מען מאכט קידוש אדער מען בענשט אויף דעם וואס מען האט איבר גילאזט. ווען מען האט אבער נישט קיין אנדערין כוס קאן מען דעם כוס מתקן זיין מען זאל אין איהם אריין גיסען אביסעל וואסער. אטייל מענשין זענין זיך נוהג דאס ווען מען טרינקט אפ פון אכוס און מען וויל איהם מתקן זיין וארפעז

מקנא גיוועזען און איז איהם געקומען פרייען. ער האט זיך פערקליידעט אין געשטאלט פון א גרויסען שר און האט געקויפט פיעל טייערע סחורות און האט זיך אויף יעדער סחורה פערגלייכט נאר מען האט נאך נישט געהאט אפגימאסטען ווי פיעל איילען עס איז אין יעדער סחורה. דערווייל איז דער זייגער געווארען צוועלף. איז דער גביר גיגאנגען דאס גיוועלב פערמאכען אזוי ווי זיין שטייגער איז גיוועזין האט איהם דער שר זייער גיבעטען ער זאל איהם געבען די סחורה און ער האט נישט גיוואלט און האט שאדען געהאט פיעל געלד. האט מען איהם גיגעבין א שכר דאס ער האט גיהאט א בן קדוש רבינו הרמ"א וואס ער איז דאס לעכט פון ישראל:

אויך האט דערציילט הרב הצדיק רבי בערצי מנאדבורנא זצוק"ל דאס רבי שבתא מראשקיב איז נסתלק גיווארין אין עש"ק און פאר נאכט איז צו איהם געקומען א שליח אז ער זאל גיין אין דעם היכל וואו מען איז מקבל שבת אין עולם עליון. איז ער נאך גיגאנגען דעם שליח און ווי ער איז גיקומען צו דער טיהר פון דעם היכל האט ער גיזעהען שטיין איין אדם זקן נכבד האט איהם רבי שבתי גיפרעגט פאר וואס ער גייט נישט אריין האט איהם דער אלטער גיענטפערט אז מען לאזט איהם נישט אריין ביז אין דער פריה ווייל זיין מנהג איז תמיד גיוועזען ער האט נישט אן גיטאן איין וויים העמד לכבוד שבת ערשט אין דער פרי':

ווארפין וויא אין איהם איין ברעקילי פון ברוט דאס איז א מנהג שטות א).
לבוש סי' קפ"ב:

(צד) טעם. וואס מען זאגט ויכלו פאר קידוש. כדי ער זאל מוציא זיין זיינע קינדער און זיין ב"ב וואס זייא זענין נישט געוועזען אין שיהל אין האבין נישט געהערט זאגין ויכלו. (תוס' ע"פ דף ק"ו). דורך דעם הייבט מען אין שיהל אהן ביי דעם קידוש די ברכה בפה"ג ווייל מען האט שוין גיזאגט ויכלו:

(צה) טעם. וואס מען מוז מאכין קידוש בייא דעם ארט וויא מען עסט. ווייל עס שטייט אין פסוק וקראת לשבת עונג. מיינט מען בייא דעם ארט פון תענוג וויא מען עסט דארט זאל זיין דער קידוש.
רשב"ם פסחים:

(צו) טעם. וואס מען דעקט צו די חלה בשעת דעם קידוש. כדי די חלות זאלין נישט זעהן זייער בושה ווארין עס שטייט פריער אין פסוק ארץ חטה ושעורה. אין דער נאך שטייט ערשט גפן. אין מיר מאכין פריהר קידוש אויף ווין דורך דעם דעקט מען צו די חלות כדי זיי זאלין נישט זעהן זייער בושה. טור סי' ער"א:

(צז) טעם. וואס מען מוז ביי קידוש טרינקען ארוב פון ארביעית. כדי ער זאל הנאה האבין פון דעם כוס של ברכה. האבין דיא חכמים משער גיוועזין אז עס וועט נישט אהן גערופן הנאה. נאר אז מע טרינקט ארוב פון ארביעית. אבער אז מען טרינקט ווייניגער פון ארוב רביעית איז עס אברכה לבטלה. ווייל דער כוס איז אחיוב. (לבוש סי' ער"א). אבער בייא איין אנדערי זאך ווען מען איז נאר אפילו עפים טועם מוז מען שוין אברכה מאכען:

א) אין דער צוואה פון הגאון הקדוש מוהר"ר נפתלי כ"ץ זצוק"ל שטייט געשריבען אז דער טעם מנהג איז גיוועזען פון הגאון בעל טורי זהב ז"ל אז ער האט גיזאגט דעם קידוש פון שבת און יו"ט אין סידור. און האט גיזאגט דעם טעם. ווייל עס איז דא א קדושה אין די אותיות. און נאך א טעם האט ער גיזאגט. ווייל אמאל איז ער איין אורח ביי איין עם הארץ אדער ער זיצט מיט איהם אין שטוב. און דער עם הארץ קען נישט דעם קידוש בעל פה אז ער זאל איהם גלייך זאגען. און וועט בושה האבען צו זאגין קידוש אין סידור. דורך דעם האט ער אליין אויך גימאכט קידוש אין סידור. כדי דער עם הארץ זאל אויך אזוי טהון און זאל זיך נישט שעמען. און טייל מאל פלעגט ער איהם זאגין טהו אויך אזוי ווי איך טהו און מאך קידוש אין סידור. דאס איז איין עהרליכער מנהג:

(צח) טעם. וואס מען באדארף מאכין אמוציא אויף צוויא חלות. ווייל עס שטייט אין דער תורה לקטו לחם משנה. מען האט עש״ק טאפעל גיקליבן פון דעם מן. דורך דעם נעמט מען צוויא חלות עס זאל זיין אצייכען צו דעם מן. אבודרהם:

(צט) טעם. וואס מען צייכענט אין שבת די מוציא מיט אמעסער פאר דער ברכה. ווייל עס שטייט אין שו״ע דאס מען דארף ארום שניידען דיא מוציא פאר דער ברכה. אבער שבת קען מען נישט ארום שניידען ווייל די חלות באדארפין זיין גאנץ דורך דעם צייכענט מען ארום די חלה. לבושי שרד סי׳ רע״ד:

(ק) עוד טעם. ווייל מען דארף אהן הייבן די מוציא אויף דעם ארט ווי עס איז גוט אויס גיבאקען און אז מען וועט וועלין מבוין זיין דאס ארט נאך דער ברכה וועט זיין אהפסק צווישען די ברכה. דורך דעם צייכענט מען צו ערשט דאס ארט מיט דעם מעסער: א)

(קא) טעם. וואס מען עסט פיש אין שבת. ווייל מיר געפינען במעשה בראשית דאס לשון ברכה צו דרייא זאכען: אין דרייא טאג איין טאג נאך דעם אנדערין. ברכה צו דגים ביום ה׳. ברכה צו דעם מענש ביום ו׳. ברכה צו שבת ביום ז׳. דורך דעם דער מענש וואס עסט פיש אים שבת לכבוד שבת וועט ווערין גיבענשט מיט דרייא מאהל ברכה. בני יששכר: ב)

(קב) טעם. וואס מען איז אין שבת מתפלל דרייא תפלות איין תפלה פארענדערט פון דער אנדערי. **אתה קדשת. ישמח משה. אתה אחד.** אין יו״ט האט מען נישט מתקן גיוועזען נאר איין תפלה **אתה בחרתנו** צו **ערבית. שחרית. מנחה.** ווייל שבת ווערט אהן גירופען חתן. דורך דעם האט מען מתקן גיוועזען **אתה קדשת.** דורך דיא קדושין וואס דער חתן גיט דער כלה. אין **ישמח משה.** דורך דער שמחה פון דעם חתן מיט דער כלה. דער נאך מוסף. אקעגין וואס

א) דער מחצית השקל שרייבט אז מען דארף מיט דעם מעסער גוט ארום צייכנען נישט אזוי ווי די וואס זעגען זיך נוהג דאס זיי מאכין נור אזוי ארום מיט דעם מעסער:

ב) ובשם הרב הצדיק הקדוש מרימאנוב זצוק״ל אז מיט דער קדושה פון שבת גייען מיט אלע מיני השפעות אין דער וועלט. דעריבער דארף דער מענש ביי איעדער זאך וואס ער טהוט לכבוד שבת. צו זאגין לכבוד שבת קודש:

וָואס דֶער חָתָן איז מוֹסִיף צוּ דֶער כַּלָּה אוֹיף דֶער כְּתוּבָּה. אִין דוּרְךְ דֶעם יִחוּד פוּן דֶעם חָתָן מִיט דֶר כַּלָּה זָאגְט מֶען צוּמִנְחָה אתה אחד. אבודרהם:

(קג) טעם. אז וֶוען יו"ט גיפַאלְט אים שַׁבָּת איז מֶען נִישְׁט מִתְפַּלֵּל דיא תְּפִלָּה וָואס מֶען הָאט מְתַקֵּן גִיוֶועזֶען אוֹיף שַׁבָּת נָאר מֶזָאגְט בַּייא אַלֶע תְּפִלּוֹת אַתָּה בְחַרְתָּנוּ נָאר אִין דֶער מִיט איז מֶען מַזְכִּיר פוּן שַׁבָּת. מֶען איז דָאךְ מִיט דֶעם ח"ו פּוֹגֵם אִין כָּבוֹד פוּן שַׁבָּת. וַוייל דיא קְדוּשָּׁה פוּן שַׁבָּת איז דָאךְ הַארְבֶּער פוּן אַלֶע יָמִים טוֹבִים. נָאר מִיט דֶעם איז אַגְרוֹיסֶער כָּבוֹד צוּ שַׁבָּת אַז דיא קְדוּשָּׁה פוּן שַׁבָּת איז גְרוֹיס. וַוייל שַׁבָּת איז אַזוֹי וִויא אֵיין בַּעַל הַבַּיִת. אִין יו"ט איז אַזוֹי וִויא אֵיין אוֹרֵחַ וָואס קוּמְט אַיינְשְׁטֵיין בַּייא דֶעם בעה"ב. אִין דֶער סֵדֶר איז אַז דֶער בעה"ב טִיהְט אָהְן כָּבוֹד דֶעם אוֹרֵחַ מֶעהְר וִויא זִיךְ. אַזוֹי אוֹיךְ איז שַׁבָּת דֶער בעה"ב מְכַבֵּד דֶעם אוֹרֵחַ. דוּרְךְ דֶעם איז מֶען מִתְפַּלֵּל דיא תְּפִלָּה פוּן יו"ט. אָבֶער בַּייא דֶעם אוֹיס לָאזֶען פוּן דֶער תְּפִלָּה זָאגְט מֶען צוּ עֶרְשְׁט מקדש השבת וַוייל דֶער סֵדֶר איז אַז דֶער אוֹרֵחַ בֶּענְשְׁט מִיט זַיין בְּרָכָה דֶעם בעה"ב. בני יששכר:

(קד) טעם. וָואס בערבית זָאגְט מֶען אִין דֶער תְּפִלָּה וינוחו בה. בשחרית בו. אִין בַּייא מנחה וינוחו בם. וַוייל בַּייא עַרְבִית איז אַזוֹי וִויא אַכַּלָּה אִין אִיהְר פַּאטֶערְס הויז וָואס דיא שִׂמְחָה וֶוענְט זִיךְ אִין אִיהְר. בַּייא שַׁחֲרִית איז אַזוֹי וִויא אַכַּלָּה אִין דֶעם הויז פוּן דֶעם שְׁוֶועהְר וָואס דִי שִׂמְחָה וֶוענְט זִיךְ אִין אִיהְם. אִין בַּייא מִנְחָה איז דִי שִׂמְחָה דוּרְךְ בֵּיידֶע זָאגְט מֶען וינוחו בם. תו"ש:

(קה) טעם. וָואס מֶען לֵיינְט אִין שַׁבָּת פַּאר זִיבֶּען מֶענְטְשִׁין אִין דֶער תּוֹרָה. וַוייל אֶפְשַׁר הָאט זִיךְ אַמֶענְשׁ גֶעטְרָאפֶען אֵיין אוֹנְס אִין איז נִישְׁט גִינַאנְגִין אִין שׁוּהְל אַגַאנְצֶע וָואךְ אִין הָאט נִישְׁט גִיהֶערְט בָּרְכוּ. וֶועט עֶר אַצוּנְד הֶערִין בָּרְכוּ פוּן דיא מֶענְטְשִׁין זִיבֶּען מָאהְל. וֶועט עֶר שׁוֹין יוֹצֵא זַיין. טור ס' רפ"ב:

(קו) טעם. וָואס דֶער קוֹרֵא זָאגְט אָמֵן פַּאר דֶעם לֵיינֶען מִיט אַהוֹיךְ קוֹל. כְּדֵי דיא מֶענְטְשִׁין זָאלִין וויסֶען אִין הֶערִין וֶוען מֶען הֵייבְּט אָהְן צוּ לֵיינֶען אִין דֶער תּוֹרָה. בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר פנחס מקאריץ זצוק"ל:

(קז) טעם. וָואס מֶען לֵיינְט אִין דֶער תּוֹרָה צוּ יששכר. ישכר. וַוייל יִשָּׂשכָר הָאט גִיהַאט אַזֶיהְן וָואס עֶר הָאט אִיהְם אַנָאמֶען גיגעבען

גיגעבין יוב. אין דעמילט איז גיוועזן איין ע"ז וואס האט געהייסן יוב, איז דער זוהן געקומען צו זיין פאטער זיך בעקלאגין פאר וואס ער האט איהם אנאמען גיגעבין וויא דיא ע"ז. האט איהם דער פאטער גיגעבין איין אות פון זיין נאמען דיא ש' האט מען איהם גערופען ישוב. דורך דעם לייענט מען יששכר מיט איין ש': א)

(קח) טעם. וואס מען רופט אויף עטליכע מענטשין אהוספה. ווייל אפשר האט מען פריהר איינעם אויף גערופען וואס ער ווייסט נישט קיין צורת האותיות אזוי וועט ער נישט גירעכינט. דער עולם איז נישט נזהר אין זעניין צו פיהל מוסיף און רופען אויף צו הוספה קלענערי מענטשין פון דיא ערשטע אין נאך דעם טעם בעדארף מען אויף רופען אנשים חשובים צו הוספה. ב) פ"מ סי' קל"ה סק"ה:

(קט) טעם. וואס מען איז נוהג אויף צו רופען איין אדם חשוב אחרון. ווייל בזמן המשנה הט מען נישט גימאכט די ברכה אחרונה בייא דער תורה נאר דער וואס איז גיוועזן אחרון. אין דער האט אויך גולל גיוועזן דיא ס"ת. תוי"ט מגילה:

(קי) טעם. וואס אונזערי חכמים האבין מחייב גיוועזין מעביר צו זיין די סדרה יעדער וואך שנים מקרא ואחד תרגום. כדי מען זאל זיין רגיל אין דער תורה. לבוש סי' רפ"ה:

(קיא) טעם. אז ראש חודש גיפאלט אין שבת לאזט מען נישט אויס אין דער ברכה פון מפטיר מקדש השבת וישראל וראשי חדשים. ווייל ווען נישט שבת איז נישט דא מפטיר ביי ר"ח. ספר התניא:

(קיב) טעם. וואס דער חזן האלט די ס"ת אין זיין האנד בשעת ער זאגט

יקום

א) ובשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר צבי מזידיטשוב דאס ביז פ' פנחס דארף מען לייענען יששכר מיט צוויי שיני"ן. און פון פ' פנחס און ווייטער לייענט מען מיט איין שי"ן. ווארין ביז פרשת פנחס גיפינט מען נאך נישט דעם נאמען ישוב דורך דעם בעדארף מען לייענין יששכר מיט צוויי שי"ן:

ב) מען טאר נישט אויף רופען איין ברודער נאך דעם אנדערין. אויך נישט א פאטער מיט זיין זוהן פאר איין עין הרע. אפילו מען האט איהם גירופען זאל ער נישט גיין. א זיידין מיט זיין אייניקיל קען מען דעם צווייטען אויף רופען צו מפטיר. שערי אפרים: אויך אז דער מפטיר איז נאך נישט בר מצוה קען מען מיקל זיין. אזוי אויך בשבת אדער יו"ט וואס מען לייענט אין צוויי ספרים. און פאר דעם מפטיר לייענט מען אין איין אנדער ספר און עס איז אויך דא א הפסק פון קדיש קען מען מיקל זיין. שערי אפרים:

יקום פורקן. ווייל ער איז דעמילט מתפלל אויף לומדי תורה.

ט"ז סי' צ"ו סק"א:

(קיג) טעם. וואס מזאגט **אב הרחמים** אין שבת וואס מען בענשט ר"ח אייר און ר"ח סיון. ווייל דעמילט איז געוועזען זייער גרויסע צרות צו ישראל אין פיהל קהלות קודש זענין חרוב געווארין שנת תתנ"ו א) לאלף ה. ווען אפילו עס איז דארט אבריית מילה אדער אחתן זאגט מען אב הרחמים. פמ"ג:

(קיד) טעם. אז מען מאכט איין מי שבירך ווענין אחולה איז מען איהם מזכיר אויף דעם נאמען פון זיין מוטער. ווייל עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט **והושיעה לבן אמתך**. לערינט פון דעם

א) אין ספר ערבי נחל שטייט דאס עס איז בקבלה איש מפי איש אז איינער קומט אום אויף קידוש השם פיהלט ער גאר נישט יסורים. ווייל אין דער צייט וואס ער גייט צו דער מיתה ברענגט ער אויף אלע זיינע חושים מיט גרויס התלהבות צו השי"ת:

ובספר עמוד העבודה ווערט געברענגט אמעשה אז אין זיינע דורות הט מען אויף איינם אויס געטראכט איין בלבול פון ערילת דם און ער איז גיהרגית געווארין אויף קידוש השם מיט אמיתה משונה מען האט איהם דורך זיין גוף דורך געשטאכין אשטאנג פון האלץ מיט גרויס קראפט עס האט איהם דורך גילעכערט די בני מעיים און די שפיץ שטאנג איז איהם ארויס דורך דעם אויער. דאס איז געוועזען ערב שבת פאר נאכט. און די גאנצע וואך האט ער גאר נישט טועם געוועזען. ער האט די גאנצע זעקס טאג גיפאסט און פאר קידוש הט מען איהם גיהרגית און פר זיין טויט הט ער געזינגען שירות ותשבחות מיט גרויס התלהבות. האט מען איהם גיפרעגט אויב ער פיהלט עפיס יסורים האט ער געענטפערט אז ביז אצונד האט ער גאר נישט געפיהלט נאר אין דער צייט וואס מען האט איהם גיפרעגט אויב ער פיהלט אויב נישט. און דאס איז געוועזען ווייל ער האט באהעפט זיין מחשבה מיט גרויס ליבשאפט צו השי"ת. און פר גרויס שמחה וואס ער הט געוואוסט אז און אקליינע צייט וועט ער זיין אין גן עדן דורך דעם האט ער גאר נישט געפיהלט פון די אלע יסורים:

ובספר בינת משה מהרב הצדיק **מקאזניץ** זצוק"ל שטייט אז ווען אפילו עס קומט אמאהל ח"ו איין גזירה אויף ישראל. דער אמת איז אז פון השי"ת גייט נישט ארויס שלעכטין אין דעם שלעכטן איז בעהאלטן פיהל גוטין. נאר מיר זעהן נישט ארויס דאס גוטע. אזוי וויא בימי הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר **אלימלך** זצוק"ל האט מען גוזר געוועזען אשטארקע גזירה אויף ישראל ר"ל. הט ער שטארק מתפלל געוועזען מיט מסירת נפש ער זאל די גזירה מבטל זיין ביז עס האט זיך צו איהם מגלה געוועזען רבו הקדוש מוהר"ר דוב **בער** זצ"ל מגיד משרים דק"ק **ראוונע** און האט צו איהם געזאגט. האב איך אייך דען נישט געזאגט דאס איהר זאלט פאר מיר מתפלל זיין ווארין אזוי לאנג וויא איך

לעב

דעם דער זוהר הקדוש ארויס אז מען איז אמענש מזכיר פאר דעם ב"ד שלמעלה זאל מען איהם מזכיר זיין אויף דעם נאמען פון זיין מוטער. מעולפת ספירים:

(קטו) טעם. וואס מען זאגט שבת אין יו"ט אין דער קדושה פון מוסף שמע ישראל און אני ה' אלהיכם. וואס דאס איז דער אהנהייב אין דער סוף פון דער ק"ש. ווייל אין דיא צייטען פון רב האט יוזגדר דער קעניג פון פרס גוזר געוועזען אז מען זאל נישט לייגען ק"ש האבין די חכמים פון דעם דור מתקן געוועזען אז מען זאל עס זאגין אין די קדושות. בייא דעם אהנהייב שמע ישראל און בייא דעם סוף אני ה' אלהיכם כדי עם זאל נישט פערגעסין ווערין די ק"ש. האבין דיא חכמים געבעטין רחמים צו השי"ת איז געקומען אשלאנג און האט איינגעשלינגען יוזגדר דעם קעניג פון פרס בייא איהם אין הויז איז די גזירה בטל געווארין. האבין די חכמים געזאגט אז מען זאל נישט מבטל זיין דאס נישט צו זאגין אין דער קדושה. כדי מען זאל דאס גם גידענקין לדורות. נאר מען זאל עס זאגין בייא דער תפלה פון מוסף ווייל דארט איז נישט דא ק"ש.

ב"י סי' תכ"ג:

(קטז) טעם. וואס דער מנהג ישראל איז צו עסין ציבאלים און קנאביל בשבת. ווייל דער מענש בעדארף דעם שבת מענג זיין מיט אלע תענוגים וואס איז דא אויף דער וועלט א) אזוי ווי עם שטייט אין פסוק

וקיאת

לעב בין איך מעכב אלע נזירות. האט איהם דער רבי ר' אלימלך גיפרעגט אמעהר צדיקים זענין דאך גרעסער נאך זייער לעבין וויא פריהר. זייט אצונד אויך מתפלל פאר אונז. האט איהם דער רבי ר' בער גיענטפערט אזוי לאנג איך בין געוועזען אויף דעם עולם. אין פאר דעם מענשענם אויגען ווייזט עס אויס פאר אצער האב איך גיקענט מעכב זיין אבער דא בעולם העליון זעה איך אז עס איז אטובה צו יודען זאל איך דען נישט לאזען יודען גוטיץ טוהן. זעהט מען ארויס אז וואס השי"ת טוהט איז לטובה:

א) ובהכל ברכה מהרב הצדיק הקדוש מוהר"ר יצחק אייזיק זצוק"ל מקאמארנא שטייט ווען אפילו דער עיקר איז דיא לא תעשה מקיים צו זיין אין צו זאגען איך וויל טוהן דאס שלעכטי נאר וואס זאל איך טוהן השי"ת האט אויף מיר גוזר געוועזען. דאס איז נאר בייא אנדערי מצות ל"ת דהיינו מען זאל זאגען איך וואלט גיגעסין חזיר נאר השי"ת האט גוזר געוועזען אויף מיר איך זאל נישט עסין. אבער שבת זאל ער נישט זאגין איך האט גיוואלט רייכערין נאר וואס זאל איך טוהן השי"ת האט גוזר געוועזען. ווארין שבת מוז מען ווייזען אז עס פעהלט איהם גאר נישט. נאר ער קען דאס זאגין אין מיטען דער וואך איך וואלט זייער הנאה גיהאט שבת צו רייכערין אדער צו טוהן אמלאכה נאר וואס זאל איך טוהן עס איז חילול שבת. אזוי אויך אין פסח זאל מען נישט זאגין איך

האט

וקראת לשבת עונג. דהיינו מען דארף עסין אלע מיני מאכלים וואס זענען דא אויף דער וועלט און צו טרינקען אלע מיני משקאות וואס זענען דא אויף דער וועלט. נאר מען קען די אלע זאכען נישט מקיים זיין. נאר דער אמת איז אז אין דעם תבשיל פון שבת איז דא דער טעם פון מן. וואס אין דעם מן האט מען געפיהלט כל מיני טעמים פון דער וועלט. נמצא איז שוין דער מענש יוצא מיט די מאכלים פון שבת אויף אלע מאכלים און משקאות וואס זענין דא אויף דער וועלט. אין דעם מן איז אבער דער טעם פון קנאביל און ציבאלים נישט געוועזען כדי עס זאל נישט שאדין צו איין אשה וואס איז מעוברת דורך דעם בעדארף מען שבת עסין בצלים און שומים כדי מען זאל מקיים זיין עונג שבת פון אלע מיני מאכלים פון דער וועלט. גאולת ישראל:

(קיז) **טעם.** וואס מען עסט קוגעל אים שבת. ווייל דער מן איז נישט געגאנגען אין שבת. דורך דעם מאכט מען איין זאך צו א זכר.
עי' רמ"א סי' רמ"ב:

(קיח) **טעם.** וואס שבת און יו"ט און ר"ח זאגט מען אין בענטשין מגדול מיט א חולם און בחול זאגט מען מגדיל מיט א חיריק.
ווייל שבת איז אגרויסער מלך אקעגין דער גאנצער וואך. און מגדיל שטייט אין תהלים און דעמילט איז נאך דוד נישט געוועזען א מלך. און מגדול שטייט אין נביאים און דעמילט איז דוד שוין געוועזען א מלך. אבודרהם:

(קיט) **טעם.** וואס מען הייבט אן צו זאגין שבת בראשית **ברכי נפשי**.
ווייל דער גאנצער מזמור איז פון ענין מעשה בראשית.
מען זאגט אויך דער נאך אלעדען שבת צו מנחה **ברכי נפשי**. כדי צו גידענקען דאס ענין פון מעשי בראשית בשעת דער שבת גייט אוועק. וואס דער שבת איז א זכר למעשה בראשית:

(קכ) **טעם.** וואס מען הייבט אן צו זאגין נאך פסח **פרקי אבות** ווייל דעמילט איז די צייט פון תענוגים האט מען דעריבער מתקן געוועזען דברי מוסר אז די מענשין זאלען אויך גידענקען אין השי"ת:

טעם
האט זייער געוואלט עסין אדער טרינקען חמץ נאר וואס זאל איך טוהן. וואריין חמץ איז איין לאו פון עבודה זרה טאר מען דאס נישט מזכיר זיין. אין מען טאר עס גאר נישט אין זין האבען. נאר פאר פסח קען מען זאגען איך העט געוואלט עסין אדער טרינקען חמץ אין פסח עס איז זייער גיט. נאר וואס זאל איך טוהן השי"ת האט אויף מיר גוזר געוועזען אז חמץ איז אסור אין פסח:

(קכא) **טעם.** וָואס מֶען זָאגְט סדר קדושה (וּבָא לְצִיּוֹן) צוּ מִנְחָה נִישְׁט בְּשַׁחֲרִית. וָוארִין דָאס וָואס מְזָאגְט אַלֶע טָאג סֵדֶר קְדוּשָׁה אִיז כְּדֵי עֶס זָאל אָפּ הִיטֶען פוּן דֶעם דִין פוּן גֵיהִנָם דוּרְךְ דֶעם הָאט מֶען אִיבֶּער גִיזָאגְט סֵדֶר קְדוּשָׁה צוּ מִנְחָה כְּדֵי עֶס זָאל קַאלְט מַאכִין דָם פַייֶער פוּן דֶעם גֵיהִנָם. רוקח:

(קכב) **עוד טעם.** כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אַטִרְחָה אוֹיף דֶעם צִבּוּר. עֶס זָאל נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער פַאר דִיא זְקֵנִים אִין נָשִׁים וָואס זֶענִין מְעוּבֶּרֶת זֵיי זָאלִין נִישְׁט לַאנְג דַארְפֶן זַיין אִין שִׁיהְל אִין פַאסְטֶן. כלבו:

(קכג) **טעם.** וָוס מְזָאגְט שַׁבָּת צוּ מִנְחָה **ואני תפלתי.** וַוייל דִי יִשְׂרָאֵל זָאגִין צוּ השי״ת וֶוען אֲפִילוּ מִיר הָאבִין גִיטְרִינְקִין. גֵייעֶן מִיר פָארְט מִתְפַּלֵל זַיין: נִישְׁט אַזוֹי וִויא אַנְדֶערִי אוּמּוֹת (טור סי׳ רצ״ב). אָבֶּער אִין יוֹם הַכִּפּוּרִים זָאגְט מֶען נִישְׁט וַאֲנִי תְפִלָּתִי וַוייל מֶען פַאסְט. שם סי׳ תרכ״ב:

(קכד) **טעם.** וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט יום טוב צוּ מִנְחָה **ואני תפלתי.** וַוייל מֶען לֵיינְט נִישְׁט אִין דֶער תּוֹרָה. וָוארִין בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה אִיז גִיוֶועזֶען אֵיין עֵת רָצוֹן פַאר השי״ת אַז כָּל יִשְׂרָאֵל הָאבִין זוֹכֶה גִיוֶועזֶען צוּ נְבוּאָה. דוּרְךְ דֶעם יֶעדֶער צַייט וָואס מֶען לֵיינְט אִין דֶר תּוֹרָה אִיז זִיךְ מְעוֹרֵר פוּן דֶעם עֵת רָצוֹן וָואס אִיז גִיוֶועזֶען בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה. דוּרְךְ דֶעם אִין שַׁבָּת וָוס מֶען לֵיינְט אִין דֶער תּוֹרָה אִין עֶס אִיז דָא אֵיין עֵת רָצוֹן זָאגְט מֶען **ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון.** אָדֶער יו״ט וָואס מֶען לֵיינְט נִישְׁט אִין דֶר תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט זָאגִין עֵת רָצוֹן מ״א סי׳ רצ״ב:

(קכה) **טעם.** וָואס מֶען לֵיינְט אִין דֶער תּוֹרָה שַׁבָּת צוּ מִנְחָה. וַוייל עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ מֶענְשִׁין וָואס זֵייא זֶענִין אַגַאנְצֶע וָואךְ עוֹסֵק בִּסְחוֹרָה אִין הֶערִין נִישְׁט לֵיינִין אִין דֶער תּוֹרָה בְּיוֹם ב׳ וּבְיוֹם ה׳. הָט מֶען דוּרְךְ זֵיי מְתַקֵן גִיוֶועזִין צוּ לֵיינִין שַׁבָּת צוּ מִנְחָה. מס׳ ב״ק דף פ״ב:

(קכו) **טעם.** וָוס מֶען אִיז נִישְׁט אִין שַׁבָּת מִתְפַּלֵל נָאר זִיבֶּען בְּרָכוֹת אִין דֶער תְּפִלָּה. וַוייל עֶס אִיז אָסוּר אַז דֶער מֶענְשׁ זָאל בֶּעטִין זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישׁ אִים שַׁבָּת. און בַּיי דֶער תְּפִלָּה פוּן חוֹל זֶענִין דָא אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס דֶער מֶענְשׁ אִיז זִיךְ דַארִיבֶּער מְצַעֵר אַז עֶר הָט זֵיי נִישְׁט וֶועט עֶר דוּרְךְ דֶעם נִישְׁט הָאבִין עוֹנֶג שַׁבָּת. ספר התניא:

(קכז) **טעם.** ווס מזאגט נישט **ישמחו במלכותך** אין דער תפלה פון מנחה. ווייל אין דער צייט זענין די צדיקים נפטר געווארין איז די שמחה פארשטעהרט געווארין. מען זאגט דרייא מאהל **צדקתך.** דאס איז א צידוק הדין אויף די פטורה פון דרייא צדיקים ווס זענין דערמילט נפטר געווארין. **משה. יוסף. דוד ע"ה. יעב"ץ:**

(קכח) **עוד טעם.** וואס מען זאגט **צדקתך.** דאס איז אזוי ווי א צידוק הדין אויף דיא פושעים וואס זענין אהן געברייט זייא זאלין צוריק גיין צו זייער דין. אזוי ווי עס שטייט אין מדרש אז דער מלאך וואס איז געזעצט אויף דיא רוחות רופט אויס אין ערב שבת אין זאגט גייט ארויס פושעים פון דעם גיהנם אזוי ווי די ישראל רוהען. אין מוצאי שבת רופט ער אויס אין זאגט גייט צוריק פושעים אין גיהנם אריין ווארין די ישראל האבין גומר געוועזין זייער סדר. אין אזוי לאנג מען האט נישט מתפלל געווען מנחה זארגין זיי נישט אבער ווען מען הט שוין מתפלל געווען מנחה און עס איז שוין באלד נאכט זארגין זיי שוין אייף דער נאכט ווס וועט קומען אז זייא דארפען צוריק גיין צו זייער דין. דורך דעם איז מען מצדיק דעם דין צו מנחה. **אבודרהם:**

(קכט) **טעם.** וואס מען זאגט נישט **צדקתך צדק** אז ראש חודש געפאלט אין מוצאי שבת. ווייל דיא נשמות גייען נישט צוריק צו זייער דין אין ר"ח. אין אזוי אויך אז יו"ט געפאלט אין מוצאי שבת זאגט מען נישט צדקתך האטשי זיי גייען צוריק צו זייער דין אין יו"ט. כדי מען זאל נישט פוגם זיין אין דעם כבוד פון יום טוב. מען זאל נישט מפרסם מאכען דאס זיי גייען צוריק צו זייער דין אין יו"ט. **מרדכי:**

(קל) **טעם.** וואס מען רופט די דריטע סעודה **שלש סעודות** א) ווייל מיט דער סעודה איז ער מקיים אלע דרייא סעודות. ווארין דיא ערשטע סעודות ווען אויך עס איז א מצוה אזוי וויא עס שטייט.

וקראת

א) איין מאל האט דער בעש"ט ז"ע געהאלטען שבת אין א דארף מיט זיין מנין און ווען עס איז געקומען די צייט פון **שלש סעודות** האט דער ריגדאר פון דעם דארף צוזאמען גענומען פיעל מענשען פון די דערפער און האט מיט זיי געגעסען און געטרונקען און געזונגען זמירות. האט דער בעש"ט געזעהען אז דאס איז אין הימעל זייער חשוב. האט ער דעם ריגדאר געשיקט רופען נאך דער סעודה און האט איהם גיפרעגט דעם טעם פאר וואס ער גיט אויס אזוי פיעל געלד אויף דער סעודה. האט ער דעם בעש"ט געענטפערט איך האב געהערט דער עולם זאגט מיין נשמה זאל אויס גיין צווישען

יודען

וקראת לשבת עונג. ער איז אָבער אויך הונגעריג אין האָט הנאָה פון דעם עסן. אָבער די דריטע סעודה איז בוודאי לשם שמים וואָרין מען איז דעמילט נישט הונגעריג צום עסן איז ער מיט דער סעודה מתקן אַלע דריי סעודות. דרום וועט די סעודה אָן גערופען שלש סעודות. דברי אמת:

(קלא) טעם. אַז במוצאי שבת קודש ווען דער צדיק זאָגט תורה צינד מען נישט אָהן לעכט. ווייל עס קומען נשמות פון דעם עולם האמת זיי זאָלין העהרין די תורה פון דעם צדיק און אַז זיי וועלין זעהן די לעכט פון דעם עולם. מאַכט עס זייא פינצטער. שארית ישראל:

(קלב) טעם. וואָס מען זאָגט ויהי נועם במוצאי שבת. וואָרין דס איז דער שיר פון פגעים. און ווייל אים מו״ש ערוועקין זיך די רוחות זייא זאָלין שוועבין אויף דער וועלט. דורך דעם זאָגין מיר מפחד בלילות. דאס מיר זאָלין ווערין אָפּ גיהיט פון דער שרעק פון דער נאַכט. יעב״ץ:

טעם

יודען אויך האָב איך גיהערט אַז אין שבת האָט יעדער פון די יודען אַ נשמה יתירה. און במוצאי שבת גייט די נשמה יתירה פון איהם אַוועק. על כן וויל איך אויך אַז מיין נשמה זאָל מיר אויס גיין צווישען יודען דורך דעם זאַמעל איך איין פיעל מענשין פון ישראל. כתר שם טוב:

ובספר דביר המוצנע ווערט גיברענגט אַ סיפור פון ה״ב הצדיק הקדוש מראפּשיטץ זי״ע אַז אַמאָל האָט ער ביים שלש סעודות גיזאָגט תורה און מגלה גיוועזען גרויסע סודות. און נאָך דער סעודה האָט ער זייער גיוויינט ווייל ער האָט מגלה גיוועזען אַזעלכי גרויסע סודות און ער ווייסט אַז ער איז נישט ראוי דער צו. האָט ער מורא אויב דאָס איז נישט חלילה פון דער סטרא אחרא. האָט ער תיכף במוצאי שבת גישיקט נאָך הַחָסיד ר׳ פישיל סופר אַז ער זאָל מיט איהם גיין לרבו הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר מנחם מענדיל מפריסטיק זצוק״ל. זענין זיי גיגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט פיר מייל און גאַנץ פריה זענען זיי געקומען צו דעם רבי ר׳ מענדלי. און אַזוי ווי ער האָט זיי דערזעהען האָט ער גיפרעגט צו הרב מראפּשיטץ וואָס טהוט איהר דאָ אַזוי פריה איז צו אייך שלום איז צו אייער בני בית. האָט הרב מראפּשיטץ געזאָגט עס איז שלום און האָט זייער שטאַרק אָן גיהויבען צו וויינען און האָט איהם דערציילט די מעשה. איז הרב הקדוש רבי ר׳ מענדעלי זצוק״ל מיט הרב הקדוש מראפּשיטץ זי״ע גיגאַנגען אין אַ בעזונדער חדר און האָט צו איהם גיזאָגט זאָגט פאַר מיר די תורה וועל איך וויסען אויב דאָס איז דרך השם אָדער ח״ו להיפך. און ווי הרב הקדוש מראפּשיטץ האָט פאַר איהם גיזאָגט די תורה האָט ער צו איהם גיזאָגט וואויל צו אייך. וואויל איז אייער חלק דאָס איהר האָט ב״ה דערגרייכט צו אַזוי אַ מדריגה אין דרך השי״ת מגלה צו זיין אַזעלכע סודות פון דער תורה:

(קלג) טעם. אז יום טוב געפאלט אין מיטען דער וואך זאגט מען נישט במוצאי שבת ויהי נועם. ווייל אז יו"ט איז אין מיטען דער וואך אזוי זענין דיא טעג פון דער וואך צווישען צוויי קדושות. היטען דיא קדושות אפ פון דיא מזיקין און פון דיא רוחות. אין אזוי באלד מען וועט זאגין במוצאי שבת ויהי נועם. הייסט גלייך מען איז פוגם אין דעם כבוד פון יו"ט. שם:

(קלד) טעם. וואס מען זאגט נישט ואתה קדוש במוצאי שבת אז יו"ט געפאלט אין מיטען דער וואך. ווייל אז מען זאגט נישט ויהי נועם זאגט מען אויך נישט ואתה קדוש. וואריין מען האט נישט מתקן געוועזען צו זאגין ואתה קדוש. נאר ווייל עס איז נישט גלייך צו בעגלייטין דעם תלמיד אהן דעם רבי. דורך דעם אז מען זאגט ויהי נועם ווס עס איז די ברכה פון זיך זאגט מען אויך ואתה קדוש וואס עס איז דער שבח פון השי"ת. אבער אז מען זאגט נישט דיא ברכה פון זיך זאגט מען אויך נישט ואתה קדוש. אבודרהם:

(קלה) טעם. וואס מען הייבט נישט אהן ובא לציון גואל. נאר ואתה קדוש. ווייל ביינאכט איז קיין גאולה. טור:

(קלו) טעם. וואס אטייל זענין נוהג נישט צו זאגין ויתן לך אין שיהל. ווייל זיי האבין נאך נישט געמאכט הבדלה איז נישט גלייך הנאה צו האבין פון דעם לעבט. ווייל נישט איטעדער קען זאגין ויתן לך בעל פה. דורך דעם זאגין זייא ערשט נאך דעם וואס מען מאכט הבדלה. אשל אברהם א):

(קלז) טעם. וואס מען שמעקט בשמים במוש"ק. כדי צו מאכין הנאה צו דעם מענש וואס עס איז פון איהם אוועק געגאנגען דיא נשמה יתירה. און אז יו"ט געפאלט אים מוצאי שבת אזוי בעדארף מען נישט קיין בשמים ווייל דער תענוג פון יו"ט איז גלייך וויא בשמים. אבודרהם:

(קלח) טעם. ווס מען מאכט אברכה אויף דעם לעכט במוש"ק. וואריין דיא לעכט פון דעם פייער איז ערשט במוצאי שבת בעשאפען

א) האריז"ל האט זיך נוהג געוועזין אז ווען ער האט מתפלל געוועזען צווישען אשכנזים האט ער געזאגט ויתן לך אין שיהל. אין אז ער הט מתפלל געוועזין צווישען ספרדיים וואס זייער מנהג איז נישט צו זאגין אין שיהל. האט ער זיך נוהג געוועזען צו זאגין נאך הבדלה. ובשם גדול אחד קדוש אז עס איז גיט אז צוויא מענשין זאלין צוזאמען זאגין ויתן לך:

בעשאפען געווארין. אזוי וויא מיר געפינען איין אגדה אין ירושלמי אז אדם הראשון האט געזעהן אז אין מוצאי שבת איז געווארין פינצטער האט ער גיזאגט ווי איז צו מיר ווייל איך האב געזינדיגט איז דיא וועלט פאר מיר פינצטער געווארין. האט השי"ת גיגעבין פערשטאנד אין זיין הארץ אין הט גענומען צוויי שטיינער אין הט געקלאפט איין שטיין צו דעם אנדערין איז פון זיי ארויס גינאנגין א פייער אין הט דאריבער געמאכט א ברכה. כלבו:

(קלט) ט"ם. אז וועז מען מאכט דיא ברכה מאורי האש קוקט מען אויף דיא נעגיל. ווייל דיא זענין ווייס הט מען פון דער לעכט מעהר הנאה ווען מען זעהט זיי. עוד טעם. כדי ער זאל זיך מעהרין אזוי ווי די נעגיל וואקסען. ספר התניא:

(קמ) טעם. וואס מען איז נוהג צו גיסען פון דעם וויין אויף דער ערד. צו סימן ברכה. מען טוהט עס אין אהנהייב דער וואך עס זאל זיין סימן ברכה אגאנצע וואך. לבוש:

(קמא) טעם. וואס מען גיסט אביסעל אויף דעם טיש צו פארלעשין דאס לעכט פון דער הבדלה. כדי מען זאל זעהן אז מען הט דאס לעכט נאר אהן געצינדען צו דער מצוה פון הבדלה. אז מען זאל דריבער א ברכה מאכען. דריבער אז מען מאכט הבדלה בייא דעם לעכט פון דער שטיב וואס עס איז נישט אהן געצינדען געווארין פון דעסט וועגין בעדארף מען נישט צו פארלעשין. מען איז נוהג צו געבין פון דעם וויין וואס ווערט פארגאסין אויף די אויגען צו ווייזען אז די מצוה איז חשוב א).
ש"ע הרב:

(קמב) טעם. וואס נשים טרינקען נישט דעם כוס פון הבדלה. ווייל אטייל. פון די חכמים האבען גיזאגט אז דער בוים וואס אדם הט אין איהם געזינדיגט איז גיוועז פון ווינטרויבן. חוה הט אויס גיקוועשט ווינטרויבען אין האט איהם גיגעבין. דריבער טרינקען נישט נשים פון הבדלה ווייל חוה האט גורם גיוועז דעם חטא. של"ה:

(קמג) טעם. וואס נשים זענין נוהג צו נעהמין פון דער ברינגע וואסער במוש"ק תיכף נאך הבדלה. ווייל מיר געפינען אין אגדה
דאם

א) דער רמ"א זאגט אין סי' רצ"ט סעי' י' אז נשים וואס זייא ווייסען נישט צו מאכען הבדלה אין דער תפלה (היינו צו זאגין אין דער שמונה עשרה אתה חוננתנו). זאל מען זייא לערנין דאס זיי זאלין זאגין המבדיל בין קודש לחול פר זייער מלאכה טוהן:

דאס דיא ברינע פון מרים איז אין דעם ים פון טבריה אין איעדין מו"ש גייט די ברינע דורך איעדין קוואל. אין דורך יעדער ברינע. און אז איינער איז קראנק און עס טרעפט זיך איהם פון דעם וואסר און טרינקט. ווען אפילו דער גוף איז פול מיט שחין וועט ער תיכף גיהיילט. עס הט זיך א מעשה גיטראפין ביא איינעם וואס ער איז גיוועזן פול מיט צרעת און זיין ווייב איז גיגאנגין אהן שעפין וואסער במו"ש. און זיא האט זיך דארט מעהר פערזוימט האט זיך איהר גיטראפין דיא ברינע פון מרים און זיא האט אהן גישעפט פון דעם וואסער וויא זיא איז אהיים געקומן איז איהר מאן אויף איהר גיוועזין אין כעס. און דורך זיין כעס איז די קריג מיט וואסר אראפ געפאלען פון איהר אקסעל און איז צובראכען גיווארין. און פון דעם וואסר איז פארשפריצט גיווארין אויף זיין לייב. און אויף איעדין ארט וויא דאס וואסער איז פארשפריצט גיווארין אויף זיין לייב איז דאס צרעת געהיילט גיווארין. אויף דעם האבען דיא חכמים געזאגט אז דער בייזער טוהט זיך דער מיט אליין. כלבו:

(קמד) טעם. וואס מען איז נוהג תיכף אין מו"ש דעם טלית צוזאמען צו לייגען. כדי מען זאל תיכף עוסק זיין במצוה. (מהרי"ל).

ווען מען האט נישט דעם טלית במו"ש צוזאמען געלייגט אזוי איז א סכנה. ווייל די רוחות זענין זיך מתדבק אין דעם טלית. בעדארף מען איהם ביום א' אין דער פריה פון יעדער זייט אפ צו שאקלען צו דער ערד.
מדרש תלפיות:

(קמה) טעם. וואס מען זאגט אין מו"ש **דא היא סעודתא דדוד מלכא.** ווייל השי"ת האט געזאגט צו **דוד המלך** דאס ער וועט שטארבען אין שבת. און אז דוד האט גיזעהן אז דער שבת איז אוועק גיגאנגין און ער איז נישט גישטארבין הט ער במוצאי שבת גימאכט א סעודה ווייל ער האט געוואוסט זעכער אז ער וועט אגאנצע וואך לעבין דרום זאגין מיר ביי דר סעודה פון מו"ש **דא היא סעודתא דדוד מלכא** א):

טעם

א) בספר א"ר שטייט אז עס איז דא איין אבר אין דעם מענש וואס הייסט לוז. פון דעם אבר ווערט דער מענש בעשאפען. און אז דער מענש שטארבט ווערט דער ביין נישט פארלענט ווען אפילו מען זאל דעם ביין לייגען אין פייער אריין ווערט ער נישט פארברענט אויך ווען מען זאל איהם געבען אין א מיהל וועט ער נישט ווערען צו מאהלין. אויך ווען מען זאל איהם שלאגין מיט א האמער וועט ער נישט צו שפאלטען ווערען. און

ווען

(קמו) טעם. וואס מען רופט דעם זעקסטין טאג פון דער וואך ערב שבת קודש. ווארין ערב הייסט אויסגעמישט. ווייל אין דעם זעקסטען טאג איז אויסגעמישט דיא קדושה פון שבת. אין צו דעם רמז רופען מיר דיא נאכט פון שבת פרייטיג צו נאכט. אין מוש"ק וואס דיא נאכט גיהער צו יום א' רופען מיר שבת צו נאכט. מיט דעם שכל באדארף זיין פארקעהרט אז די נאכט פון שבת זאל מען רופען אויף דעם נאמען פון שבת. אין מוצאי שבת וואס דיא נאכט גיהער צו יום א' זאלין מיר רופען אויף דעם נאמען פון חול. נאר ווייל די קדושה פון שבת קודש איז אויסגעמישט אין דיא טעג פון חול. אין די קדושה פון שבת גיט אויך שפע צו דיא טעג פון דער וואך. דורך דעם רופען מיר אויך דיא נאכט פון מוצאי שבת אויף דעם נאמען פון שבת. שבת צו נאכט. זרע קודש מהרב הצדיק הקדוש מראפשיץ זצוק"ל:

(קמז) טעם. ווס מיר זאגען נישט אין דר נאכט פון שבת א גוטע נאכט אזוי וויא מען זאגט בחול. ווייל שבת איז אין גאנצען לעכט. דיא נאכט פון שבת לייכט מעהר וויא די טעג פון אגאנצע וואך געשיקט זיך נישט אהן צו רופען די נאכט פון שבת אין נאמען פון נאכט. בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר יהודא צבי מראזדיל זצוק"ל:

ענני ראש חודש

(קמח) טעם. וואס מיר פאסטין אין ערב ראש חודש. ווייל השי"ת האט קלענער גימאכט די לעכט פון דער לבנה. מ"א סי' ת"ז:

טעם

ווען עס וועט זיין תחיית המתים וועט פון דעם דער מענש לעבעדיג ווערין. און דאס אבר פיהלט פון תענוג און פון עונש נאך דעם שטארבען. דער שורש און דער עיקר פון דעם ביין איז פון דעם לויטערקייט פון דעם הימעל. און ווייל אדם הראשון האט גיגעסען פון דעם עץ הדעת און אלע אברים האבין הנאה גיהאט איז אויף זיי גגזר גיווארען מיתה. אבער דאס אבר האט נישט הנאה נאר פון דער סעודה פון מו"ש. און ע"ש ווען אדם האט גיגעסען פון דעם עץ הדעת האט דאס אבר נישט הנאה גיהאט דורך דעם וועט דאס אבר נישט נפסד:

דער ספר כנפי יונה שרייבט אז אין דעם זכות וואס מען עסט מלוה מלכה וועט מען ניצל פון חבוט הקבר. ובשם הרב הצדיק הקדוש רבי אלימלך זצוק"ל אז עס איז א סגולה צו נשים אז זיי זאלין גרינג האבין זייערע קינדער אז זיי זאלין אעדין מוש"ק עפים עסין לשם מצות סעודת מלוה מלכה. און זאלען אויך אזוי זאגין בפה מלא לשם סעודת מלוה מלכה. און דורך דעם וועלין זיי בעזהשי"ת גרינג האבען זייערע קינדער:

(קמט) טעם. וואס מען רופט צו דעם טאג פון ערב ר"ח יום כפור קטן. ווייל אין דעם טאג ווערין פארגעבין די עונות פון אגאנצין חודש. אזוי ווי עס שטייט זמן כפרה לכל תולדותם. פ"ח סי' ת"ז:

(קנ) טעם. וואס נשים וועגען זיך נוהג זיי זאלין נישט טאן אמלאכה אין ראש חודש. ווייל זיי האבען נישט גיגעבען זייערי אויריגג און זייער צירינג צום עגל דריבער איז זיי גיגעבין גיווארין ראש חודש פאר א יו"ט. דער בית יוסף שרייבט אז די נשים דארפען נישט טאן אמלאכה צו פערדינען. אבער אזוי קענין זיי טאן א מלאכה:

(קנא) טעם. וואס מען טהוט אוים די תפילין אין ר"ח פאר די תפלה פון מוסף. ווייל די תפלה פון מוסף איז אקעגין דעם וואס מען האט אין דעם טאג מקריב גיוועזען דעם קרבן מוסף. אין מיר מאכין דעם טאג אזוי ווי יו"ט עכ"פ אין דער צייט פון מקריב זיין דאס קרבן. און יו"ט בעדארף נישט האבען קיין תפילין. מכל שכן אויף דעם ארט וויא מען זאגט ביי דער קדושה פון מוסף כתר. בעדארף מען נישט צו גיין דעם כתר פון תפילין. דער זוהר שרייבט אין פ' פנחס אז דער וואס איז מתפלל מוסף אין תפילין איז חייב מיתה:

(קנב) טעם. וואס דער מנהג איז אז די קינדער ברענגין צו זייער רעבין געלד אין ר"ח און עס ווערט אן גירופען ראש חודש געלד. ווייל מיר זאגין אין דער תפלה פון מוסף זמן כפרה לכל תולדותם. איז דאס געלד אכפרה פאר די קינדער. ממ"מ:

(קנג) טעם. וואס מען מאכט נישט איין עיבור נאר ר"ח אדר. נישט קיין אנדערין חודש. ווייל עס שטייט אין דער מגילה לחודש שנים עשר הוא חודש אדר. צו דעם צוועלפטען חודש דאס איז חודש אדר. און ווען מיר זאלען מאכין איין אנדערין חודש. וואלט דער חודש אדר נישט גיהייסען דער צוועלפטער חודש. תוס' סנהדרין:

(קנד) טעם. וואס מען זאגט אין אאהר פון איין עיבור אין דער תפלה פון מוסף ולכפרת פשע. ווייל עס איז דא צוועלף לשונות. לטובה ולברכה. לששון ולשמחה, כו'. אקעגין די צוועלף חדשים פון דעם יאהר. זאגט מען אויך אין איין עיבור יאהר ולכפרת פשע אקעגין דעם עיבור. דער פרי מגדים שרייבט אז מען זאל נאר זאגין ולכפרת פשע ביז ראש חודש ניסן:

(קנה) **טעם.** וואס מען איז נוהג צו מאכען סעודת ראש חודש. אזכר צו דער סעודה וואס מען פלעגט מאכין צו די עדי הלבנה ווען דאס בית דין האט מקדש גיוועזין די לבנה דורך עדות א) (כלבו):

(קנו) **טעם.** וואס מען איז נישט מחדש די לבנה ביי זיך אין הויז. נאר מען גייט אין דער גאס. וואריין מיט דעם איז מען מקבל פני השכינה. און דער סדר איז אז מען גייט אקעגין אמלך. גייט מען אקעגין אין דער גאס. ווען מען איז אבער נישט צווישען יודען אדער די גאסען זענען נישט ריין איז בעסער מען זאל ביי זיך אין שטוב דורך די פענצטער די לבנה מחדש זיין. מ"א סי' תכ"ו:

(קנז) **טעם.** וואס מען איז נישט מחדש די לבנה אים שבת אדער אין יו"ט. וייל מען טאר נישט מקבל זיין פני השכינה אין שבת אדער אין יו"ט חוץ לתחום. וואריין אזוי ווי עס איז דא אתחום שבת למטה אזוי איז אויך דא אתחום שבת למעלה און חוץ לתחום טאר מען נישט מחדש זיין די לבנה. ב) (ט"ז):

(קנח) **טעם.** וואס מען זאגט **שלום עליכם** ביי דער לבנה מחדש זיין. וייל מען האט גיזאגט תפול עליהם כו' זאגט מען צו דעם חבר לא עליך. דיך האב איך נישט גישאלטען נאר שלום. מט"מ:

(קנט) **טעם.** וואס מען זאגט דריי מאל **שלום עליכם.** וואריין עס שטייט **שלום רב לאוהבי תורתך.** פיעל פריד צו די מענשין וואס האבין ליעב דיין תורה. און דאס לשון פון רב ווייזט אויף דער צאהל פון דריי. דורך דעם זאגט מען דריי מאל שלום עליכם:

טעם

א) אין ספר תוצאות חיים ווערט גיברענגט אז עס איז דא אמקום אין ארצות המערב וואס מען איז זיך נוהג די נאכט פון ר"ח צו צינדען לעכט ווי אין שבת. ע"כ בעדארף מען לכל הפחות איין לעכט מעהר אן צינדען ווי ער צינד ווען עס איז נישט ר"ח. אויך שרייבען די ספרים דאס מען זאל גיין אמלבוש חשוב אין ר"ח. אויך זאל מען מאכען מעהר אמאכל לכבוד ראש חודש:

ב) ווען עס איז אבער נישט דא צייט מחדש צו זיין נאר מו"ש און מהאט מורא אז עס וועט נישט זיין קיין לבנה. זאל מען מתפלל זיין מנחה בצבור אין ע"ש אדער אין ערב יו"ט. און מען זאל ווארטען ביז צו דער צייט וואס עס איז ראוי מחדש צו זיין. זאל דאס ציבור גיין די לבנה מחדש זיין און דער נאך צוריק גיין אין שוהל אריין מקבל שבת זיין אדער צו תפלת מעריב פון יו"ט. ווען עס איז אין דער צייט קיין לבנה דא קאן מען נאך מעריב אויך מחדש זיין. מטה אפרים:

דער

(קס) טעם. וואס מען זאגט עלינו נאך קידוש לבנה. ווייל דאס פנים פון יהושע איז אזוי ווי דאס פנים פון דער לבנה און עלינו האט יהושע מתקן געוועזן ווען ער האט איינגענומען די שטאט יריחו. א) כלבו:

(קסא) טעם. וואס מען איז נוהג אפצושאקלען די עק פון די קליידער נאך קידוש לבנה. כדי אפצושאקלען די קליפות וואס זיי זענען נתעורר געווארען דורך דעם קטרוג פון דער לבנה. (עמק ברכה). אין סידור האריז״ל שטייט געשריבען אז מען זאל אפשאקלען דעם עק פון די כנפי ציצית ב):

(קסב) טעם. וואס מען איז נישט מקדש די לבנה נאר ביי נאכט. ווארין א לעבט וואס עס לייכט ביי טאג טוט גאר נישט העלפין. ספר התניא:

(קסג) עוד טעם: ווייל די גרעניץ פון דער לבנה איז ביי דער נאכט. אזוי ווי עס שטייט **את הירח וכוכבים לממשלות בלילה**. די לבנה מיט די שטערין איז געגעבין געווארין אז זיי זאלין געוועלטיגען ביי דער נאכט. דריבער קען מען נישט די לבנה ביי טאג מחדש זיין. שם:

טעם

א) דער אוצר הכבוד שרייבט אז מען זאל נישט קוקען אין דער לבנה אזוי ווי די חכמים האבען מזהיר געוועזין אז מען זאל נישט קוקען אין רעגין בויגין. נישט אזוי ווי פיעל מענשין זענין זיך נוהג זיי קוקען אין דער לבנה די גאנצע צייט וואס זיי זאגין די ברכה. נאר צו קוקען אין דער לבנה פאר די ברכה מאכען:

ב) אין ספר אורח חיים ווערט געברענגט אסיפור בשם החסיד מהר״י מיידילש עס האט זיך גיטראפען אמעשה אז גזלנים האבען אמענש ביי נאכט באגעגענט און האבען איהם גיוואלט הרגנין. האט ער זיי גיבעטען אז זיי זאלען איהם לאזין א מצוה טאן פאר דעם טויט. און די לבנה איז געוועזן אין דער צייט פון מחדש זיין האט דער מענש פאר זיי די לבנה מחדש געוועזן מיט גרויס כונה. איז איהם גישעהן א נס אז ווען ער האט דריי מאל גישפרונגען אזוי ווי דער סדר איז האט איהם דער ווינט אוועק גיטראגין און איז פון זיי ניצל געווארען. דער א״ר שרייבט אז פון דעם טאג פון דער לבנה מחדש זיין ביז דעם גאנצען חודש זאל ער נישט מורא האבין אז ער וועט שטארבען. אויך ווערט דארט געברענגט שבעה ימים. דהיינו נאך זעקס מעת לעת פון דעם מולד זאל מען מחדש זיין. אזוי איז אויך אין ספר אגרא דפרקא. אין ישועות יעקב שטייט געשריבען דאס אין די טעג פון ווינטער בפרט אין חודש כסלו וואס עס איז שכיח וואלקין איז ער מחדש נאך דריי מעל״ע ווען אויך אין מיטען דער וואך:

בְּיוֹם ב׳. אוּן בְּיוֹם ד׳. אוּן בְּיוֹם ו׳ קֶען נִישְׁט זַיין פֶּסַח: בְּיוֹם ג׳. אוּן בְּיוֹם ה׳. אוּן בְּיוֹם ז׳. קֶען נִישְׁט זַיין שָׁבוּעוֹת: בְּיוֹם א׳. אוּן בְּיוֹם ד׳. אוּן בְּיוֹם ו׳. קֶען נִישְׁט זַיין ראש הַשָּׁנָה: בְּיוֹם א׳. אוּן בְּיוֹם ג׳. אוּן בְּיוֹם ו׳. קֶען נִישְׁט זַיין יוֹם הַכִּפּוּרִים: בְּיוֹם ז׳. אוּן בְּיוֹם ב׳ אוּן בְּיוֹם ד׳. קֶען נִישְׁט זַיין פּוּרִים:

בד״ו קֶען נִישְׁט זַיין פֶּסַח. וָוארִין אַז פֶּסַח וֶועט זַיין בְּיוֹם ב׳. קוּמְט אוֹיס אַז יוֹם הַכִּפּוּרִים זָאל זַיין בְּיוֹם ו׳. אִין יוֹם כִּפּוּר קֶען נִישְׁט זַיין בְּיוֹם ו׳. וָוארִין אַז אֵיינֶער וֶועט שְׁטַארְבֶּן בְּיוֹם ו׳ קוּמְט אוֹיס אַז עֶר זָאל בְּלַייבֶּן לִיגֶען צְוַויא טָאג. יוֹם כִּפּוּר אִין שַׁבָּת וֶועט זַיין אַבְזָיוֹן פַאר דֶעם מֵת. אַזוֹי אוֹיךְ אַז פֶּסַח וֶועט זַיין בְּיוֹם ד׳. קוּמְט אוֹיס אַז יוֹם כִּפּוּר זָאל זַיין בְּיוֹם א׳. אִיז אוֹיךְ דֶר זֶעלְבֶּער טַעַם. אִין אַז פֶּסַח וֶועט זַיין בְּיוֹם ו׳. קוּמְט אוֹיס אַז הוֹשַׁעְנָא רַבָּה זָאל זַיין אִין שַׁבָּת. וֶועט בָּטֵל וֶוערִין דִיא עֲרָבָה פוּן הוֹשַׁעְנוֹת וָוארִין עֲרָבָה אִיז נִישְׁט דוֹחֶה שַׁבָּת. אבודרהם:

סימן לכל מועדי השנה

א״ת. ב״ש. ג״ר. ד״ק. ה״ץ. ו״פ. וֶוען עֶס גִיפַאלְט דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג פֶּסַח אִיז תִּשְׁעָה בְּאָב. דֶער סִימָן אִיז **א״ת.** וֶוען עֶס גִיפַאלְט דֶער אַנְדֶערֶער טָאג פֶּסַח. וֶועט זַיין שָׁבוּעוֹת. דֶער סִימָן אִיז **ב״ש.** וֶוען עֶס גִיפַאלְט דֶער דְרִיטֶער טָאג פֶּסַח. וֶועט זַיין ראש הַשָּׁנָה. דֶער סִימָן אִיז ג״ר. דֶער פֶערְדֶער טָאג פֶּסַח. וֶועט זַיין קִנְיַן הַתּוֹרָה. דָאס אִיז שִׂמְחַת תּוֹרָה. דֶער סִימָן אִיז ד״ק. דֶער פִינְפְטֶער טָאג פֶּסַח. וֶועט זַיין יוֹם כִּפּוּר. דֶער סִימָן אִיז ה״ץ. וֶוען עֶס גִיפַאלְט דֶער זֶעקְסְטֶער טָאג. אִיז גִיפַאלֶען פּוּרִים וָואס אִיז גִיוֶוען אִין דֶעם יָאהְר. דֶער סִימָן אִיז ו״פ. אִין דֶעם טָאג וָואס עֶס גִיפַאלְט פּוּרִים וֶועט זַיין ל״ג **בעומר.** דֶער סִימָן אִיז פל״ג:

עניני פסח

(קסג) **טעם.** וָואס מֶען פַאלְט נִישְׁט תַּחֲנוּן גַאנְץ חוֹדֶשׁ נִיסָן. ווייל עֶס הָאבִּין צְווֶעלְף נְשִׂיאִים מַקְרִיב גִיוֶועזֶען אִין צְוֶועלְף טָאג. אִין יֶעדִין טָאג וָואס דֶער נָשִׂיא הָאט מַקְרִיב גִיוֶועזִין דָאס קָרְבָּן אִיז גִיוֶועזִין זַיין יוֹם טוֹב. דֶער נָאךְ אִיז עֶרֶב פֶּסַח. אִין פֶּסַח. אִין אִסְרוּ חַג. אִיז שׁוֹין דֶער רוֹב חוֹדֶשׁ מִיט קְדוּשָׁה. מַאכְט מֶען שׁוֹין דֶעם גַאנְצֶען חוֹדֶשׁ קוֹדֶשׁ אִין

און מען זאגט נישט דעם גאנצען חודש תחנון און נישט צדקתך. ב״י:

(קסד) טעם. וואס מען רופט דעם שבת פאר פסח **שבת הגדול**. ווייל דאס פאלק פארזוימט זיך דעם שבת פאר פסח אין שיהל צו הערין די דרשה וואס מען דרשית פאר זיי. דינים פון מבער זיין דעם חמץ. דינים פון היטען דיא מצות. דינים ופון יו״ט. דינים פון חול המועד. דינים וויא מען זאל זיך נוהג זיין דיא נאכט פון פסח. און אויך צו דער ציילען דאס שטארקייט פון אונזער גאט וויא אזוי אונזערע עלטערין זענין געקומען קיין מצרים און ווי השי״ת האט זיי אויסגיצוגין. און ער הט אונז געשפאלטען דעם ים. און דאס דרשענין דויערט זייער לאנג דריבער ווייזט אוים דער טאג ביי דעם פאלק לאנג און גרוס מעהר ווי איין אנדערער טאג. דורך דעם רופט מען דעם שבת. **שבת הגדול**. אזוי אויך רופט מען דעם טאג פון יו״כ. צום הגדול. ווייל מען איז אגאנצע טאג אין שיהל און מען איז מתפלל. ווייזט אוים דער טאג לאנג און גרוים. דער מנהג איז פון מענשין אז ער האט נישט אגאנצע טאג וואס צו טוהן נאר ער זיצט אויף איין ארט זאגט ער. וויא גרוים איז דער טאג. שבילי הלקט:

(קסו) טעם. ווס מען זאגט די הפטורה פון וערבה אין שבת הגדול. ווייל עס שטייט אין דער הפטורה **הנה אנכי שולח לכם את אליהו**. וואס איז גלייך צו דער בשורה פון דער גאולה וואס משה האט מבשר גיוועזין אין מצרים. און די מקומות וואס מען איז נישט מפטיר וערבה נאר אז שבת הגדול גיפאלט אין ערב פסח. איז דר טעם. ווייל אין דער הפטורה שטייט פון מבער זיין דאס מעשר אין דעם פערדען יאהר פון שמיטה. און דיא צייט פון מבער זיין. איז גיוועזין נאר אין ערב פסח א). לבוש סי׳ ת״ל:

(קסז) טעם. וואס דער רב זאגט א דרשה בשבת הגדול און אויך שבת תשובה. ווייל ווען השי״ת הט אונז אויסגיצוגען פון מצרים האט משה געדרשית פאר דיא יודען דעם שבת פאר פסח הלכות פסח. אויך געפינען מיר אז אין דר צייט וואס דר חכם דרשית איז השי״ת מכפר די עונות פון ישראל דורך דעם דרשית מען אין שבת תשובה. בני יששכר:

טעם

א) אין חידושי הגהות מהגאון מהר׳ יוסף שאול נ״ז סי׳ ת״ל ווערט גיברענגט אז ער האט גיזעהין אין פנקס פון דער אלטער שוהל תוך העיר לבוב אז מען זאגט די הפטורה פון וערבה אפילו שבת הגדול גיפאלט נישט אים ערב פסח:

(קסח) טעם. וואס מען טאר נישט כשרן א כלי וואס מען האט דעם טאג גענוצט ווען אפילו מען כשרת פאר די פינפטע שעה.
ווייל מען איז גוזר דורך א כלי פון איסור וואס עס העלפט נישט דערביי קיין כשרין כל זמן מען האט די כלי דעם זעלבען טאג גענוצט. ווייל עס איז בולע צוריק אין זיך פון דעם איסור. אויך די טישען זאל מען גוט אפרייבען אין נאך דעם אפרייבען זאל מען ווארטען איין מעת לעת כדי זיי זאלין זיך נאך דעם אפרייבען אויס טריקענין פון דעם קאלטן וואסר כדי או דם הייסע וואסער וואס ער גיסט אויף. זאל נישט פון דעם קאלט ווערין א):

טעם

א) דער חק יעקב שרייבט בשם מהרי"ו אז טישען איז נישט גינוג מיט אויף גיסען זידענדיק וואסער ווייל מען לייגט אמאל אויף דעם טיש פעטי זאכען, נאר ער זאל זיי כשרין דאָרך איין צוגליטען שטיין און אויף דעם שטיין אויף גיסין זידינדיק וואסער. דער מנחת יעקב שרייבט אז מען איז נוהג אז מען זאל נישט ניטצען דעם טאפ וואס מען גיסט דאס זידינדיקע וואסער אויף דעם שטיין וואס מען כשרת מיט איהם די כלים, ווייל דער ריח פון דעם חמץ גייט אריין אין איהם. נאר אז מען האט מיט דעם טאפ גיניצט איז נישט אסור:

דער מהרי"ל שרייבט אז אויך נאך דעם כשרין זאל מען אויף דעם טיש נישט גיצען קיין הייסע זאך נאר מען זאל אויף דעם טיש עפיס פערשפרייטען. אויך זאל מען זיין גיווארינט אפילו ווען מען כשרת פאר די פינפטע שעה אז דאס וואסער זאל נישט אויף הערין צו זידען אין דער צייט פון דעם כשרין. רמ"א סי' תנ"ב:

די כלי וואס מען טוט אין איהר כשרין בעדארף מען צו ערשט אויך כשרין ווען מען האט פריהער אין איהר גענוצט חמץ. היינו מען זאל די כלי פול מאכען מיט וואסער אויף אלע זייטען און ווען דאס וואסער טוט זידען זאל מען אין דער כלי אריין ווארפען א הייסען שטיין וואס ער איז צוגליט אין פייער כדי דאס הייסע וואסער זאל איבער גיין אויף אלע זייטען. (מהרי"ל). און אז מען וויל מיט דער כלי וואס מען כשרת אין איהר ניצען אין פסח בעדארף מען די כלי דער נאך אויך כשרין. מחצית השקל שם:

ווייז עס איז דא גרויסע כלים וואס זיי קענין נישט מיט איין מאל אריין אין דעם קעסיל וואס מען כשרת אין איהם. זאל מען צו ערשט אריין געבין אין דעם קעסיל אריין וויפיל עס קען אריין מיט איין מאל פון דער כלי. און דער נאך זאל מען אריין געבין די אנדערי זייט פון דער כלי אין דעם הייסען וואסער. נאר ער זאל שטארק אכטונג געבען ווי ווייט מעגליך איז אז ער זאל דאס אנדערי מאל נישט מעהר אריין געבען אין דעם וואסער נאר ביז צו דעם ארט וויא ער האט דאס ערשטע מאל איין גיטונקען. און אז עס איז נישט מעגליך אפ צו מעסטין דאס ארט. איז בעסער מעהר אריין צו געבין אין וואסער פון דער כלי. ווי עס זאל איבער בלייבין א שטיקיל פון דער כלי אום גיכשרת. מהרי"ל:

דיא כלים וואס זיי האבען הענד אדער אויערן בעדארף מען די הענד אויך כשרין. מען קען זיי כשרין אז מען זאל אויף זיי גיסען זידענדיג וואסער. סי' תנ"א:

מען

(קסט) **טעם.** וואס מען טאר נישט כשרין א מילעכדיגע כלי מען זאל דער נאך אין דער כלי עסין פלייש. אדער פארקעהרט.
ווייל אז מען וועט אזוי טוהן וועט ער קיין מאהל נישט האבין נאר איין כלי און איטעדעם מאהל וואס ער וועט וועלין אין דער כלי ניטצען וועט ער די כלי כשרין אין דאס איז אסור ווייל מען קען זיך טועה זיין. א) מ"א:

(קע) **טעם.** וואס מען מאכט נישט א שהחיינו ביא בדיקת חמץ. ווייל מען מאכט נישט שהחיינו נאר אויף אזא זאך וואס עס איז אין דעם א שמחה. אין דער גוף הט דער פון הנאה. אבער ביא בדיקת חמץ איז זיך דער מענש מצטער ווייל ער מאכט פארלירען זיין חמץ ווס עם בלייבט איהם אין ער פארברענט איהם דורך דעם מאכט מען נישט שהחיינו. אבודרהם:

(קעא) **טעם.** וואס מען איז נוהג אנידער צו לייגען ברעקעליך פון חמץ אז דר בודק זאל זיי געפינען. כדי ער זאל נישט פארגעסן מארגען דעם חמץ מבטל צו זיין. אבער אז ער האט דעם חמץ וועט ער אין דער צייט פון דעם חמץ פארברענין אויך מבטל זיין:

טעם

מען טאר נישט אריין לייגין פיעל כלים אין דעם קעסיל אריין אז מען זאל זיי צוזאמען כשרין ווייל זיי רירען זיך אהן קען אויף דעם ארט דאס הייסע וואסער נישט צו קומען. ט"ז שם:

דיא כלים וואס מען כשרת זאל מען נישט לאנג לאזין אין דעם הייסען וואסער נאר אריין געבין אין דעם וואסער און תיכף ארויס נעמין. טור:

א) אבער ווען איינער האט פערקויפט אדער אמתנה גיגעבין א כלי צו איין אנדערין וואס ער איז מיט דער כלי נישט רגיל. מעג ער די כלי כשרין פון בשר צו חלב. אדער פון חלב צו בשר. און עס איז קיין חשש טאמער וועט מען זיך טועה זיין. קיצור של"ה:
דער פר"מ שרייבט אין או"ח אז ווען מען וויל כשרין אכלי פון בשר צו חלב אדער להיפך. זאל מען די כלי צו ערשט טרפה מאכין. און בסי' תנ"א סק"ל ווערט גיברענגט דאס אין פסח קען מען כשרין פון בשר צו חלב אדער להיפך. ווייל איין מאל אין יאהר איז קיין חשש. איז מען נזהר:

איינגיזעצטי ציין וואס ווערען געמאכט פון זילבער אדער פון ביין און מיעסט מיט זיי חמץ בעדארף מען זיי נישט צו כשרין נאר גוט דורך שווענקין מיט וואסער אזוי ווי געוועהנליכע ציין. שדי חמד:

מען איז נוהג אין פסח נישט צו ניטצען אזעלכע כלים וואס עס ווערט אין די כלים גיקאכט בצים מיט דער שאהל. ווייל עס איז אחשש טאמער זענען זיי גילעגין ביי מעהל. אבער נאך אמאל בצים מעג מען אין זיי קאכין:

(קעב) עוד טעם. וואריין אז ער וועט בודק זיין אין וועט נישט תיכף עסים געפינען וועט ער אויף הערין בודק צו זיין.
(חק יעקב). האריז״ל ברענגט דעם מנהג אין מען זאל לייגען צעהן ברעקעליך על פי סוד גדול. דר א״ר שרייבט אז מען באדארף דעם חמץ וואס מען באדארף נאך צו עסין באהאלטען. ווען אויך דער בודק געפינט אידם שאדעט אויך נישט:
(קעג) טעם. וואס מען זאגט כל חמירא וחמיעא כו׳ אין לשון פון תרגום. ווייל דאס ברויט איז דאס לעבין פון דעם מענש.
אין מען טאר נישט מבזה זיין אין כבוד פון דעם ברוט. אין אז ער זאל זאגען בלשון הקודש וואס אין דעם לשון פארשטייען די מזיקין אין די מקטריגים וועלין זייא אויף דעם מקטרג זיין. דורך דעם האט מען מתקן גיוועזין צו זאגין בלשון תרגום. סדר היום:
(קעד) טעם. וואס מען זאגט נישט מזמור לתודה אין ערב פסח. ווייל די לחמי תודה זענין גיוועזין פון חמץ האט מען זיי אפילו אין ערב פסח אויך נישט גיטארט מקריב זיין כדי עס זאל נישט פון זייא איבערבלייבען. מ״א:
(קעה) טעם. וואס בכורים פאסטען אין ערב פסח. אזכר צו דעם נס וואס זיי זענין ניצול גיווארין פון מכות בכורות. לבוש סי׳ ת״ע:
(קעו) טעם. אז ווען יו״ט גיפאלט אין שבת זאגט מען נישט מעריבית. ווייל מען איז נישט אין דעם בקי וועט מען קומען אז מען זאל א רעכט נעהמען מען זאל בעסער זעהן צו זאגין. לבוש סי׳ תפ״ז:
(קעז) טעם. וואס מען זאגט נישט די ברכה פון מגן אבות (היינו פון ברוך אתה ה׳ כו׳ מגן אבות כו׳ אלהינו כו׳ ביז ברוך אתה ה׳ מקדש השבת) אז פסח גיפאלט אין שבת. ווייל מהאט נישט די ברכה מתקן גיוועזן נאר דורך די סכנה פון מזיקין. אבער די נאכט פון פסח איז ליל שמורים. די נאכט איז אפ גיהיט פון מזיקין. טור שם:
(קעח) טעם. וואס מען זאגט אויף טייל ערטער די נעכט פון פסח הלל בציבור מיט אברכה. ווייל מען מאכט נישט אברכה פאר הלל אין דער צייט ווען מען זאגט די הגדה. דעריבער זאגט מען הלל אין שיהל מיט אברכה כדי מען זאל נישט דארפין צו מאכען אברכה בשעת דער הגדה:

טעם

(קעט) טעם. וואס מען טהוט אן דעם קיטל. כדי ער זאל נישט בעקומין גאוה דורך דער שמחה. דורך דעם זאל ער אן טאן אבנד פון מתים. ט״ז סי׳ תע״ב:

(קפ) טעם. וואס מען דארף זיין אנגילעהנט אויף דער לינקער האנד נישט אויף דער רעכטי. ווייל מען קען נאך קומען צו א סכנה. ווארין דער ווישט איז אין דער רעכטי זייט קען זיך נאך דער קנה עפינען פון זיך אליין און דאס עסען זאל אריין אין דעם קנה קען ער נאך קומען צו אסכנה. אויך זאל ער נישט ליגין אויף דעם רוקען. ווארין דאס איז נישט דער סדר פון חירות. (לבוש): עס איז אויך קיין חילוק צו ער איז גילינגט אדער נישט זאל ער אלץ ליגען אויף דער לינקער זייט. טור:

(קפא) טעם. וואס מען זאגט דעם קידוש און אויך הבדלה זיצענדיג. כדי עס זאל זיין דער סדר פון חירות. (חק יעקב). וע״פ האריז״ל בעדארף מען שטיין בשעת דעם קידוש מאכין:

(קפב) טעם. דאס ווען יו״ט גיפאלט נישט אין שבת זאגט מען ותתן לנו ה׳ אלהינו באהבה מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון את יום חג המצות הזה זמן חרותנו מקרא קודש כו׳. און אז יו״ט גיפאלט אין שבת זאגט מען צוויי מאל באהבה. איין מאל באהבה מועדים לשמחה. און דאס אנדערע מאל. זמן חרותינו באהבה מקרא קודש. דער טעם איז. ווייל אז יו״ט גיפאלט אין מיטען דער וואך. זאגט מען באהבה מועדים לשמחה. ווארין דעם כלל פון אלע מועדים האבען די יודען אנגינומען מיט ליבשאפט. אבער נישט די פרטים. היינו אז מען האט זיי גיזאגט אז עס איז דא ימים טובים. פסח. שבועות. סוכות. ר״ה. יום כפור. האבען זיי תיכף אנגינומען מיט ליבשאפט מען האט זיי נישט בעדארפט נייטען דער צו. נאר ווען מען האט זיי גיזאגט די פרטים פון יעדין יו״ט. היינו אז פסח מוז מען שטארק נזהר זיין פון חמץ. אזוי אויך סוכות מוז מען פון דער היים אוועק גיין אין דער סוכה. און נאך אזעלכי זאכען ביי אלע יו״ט. האבין די יודען מורא בעקומען. האט מען זיי געמוזט נייטען דער צו. דרום אז מען זאגט את יום חג המצות הזה. אדער את יום חג הסוכות הזה זאגט מען נישט דאס אנדערי מאל באהבה. אבער אז יו״ט גיפאלט אין שבת. און שבת האבין די ישראל ווען זיי זענען גיוועזין אין מרה אנגענומען באהבה. דורך דעם אז יו״ט גיפאלט אין שבת

זאגט

זאגט מען דאס אנדערע מאל אויך באהבה. היינו אויף דעם פרט פון שבת. לבוש סי' תפ"ז:

(קפג) טעם. וואס מען דארף טרינקען פיער כוסות. ווייל עס איז דא פיער לשונות פון דער גאולה. והוצאתי. והצלתי. וגאלתי. ולקחתי:

(קפד) טעם. וואס נשים זענען חייב צו טרינקען ארבע כוסות ווייל נשים זענען גיוועזן דער עיקר אין דעם נס. ווארין אין דעם זכות פון נשים צדקניות זענין די יודען אויס גילייזט גיווארען. מ"א סי' תע"ב:

(קפה) טעם. וואס מען נעמט צוויי תבשילין. זרוע. און ביצה. היינו מען בראט אפ אשטיקעל פלייש און אגיקאכט איי. די זרוע איז אזכר צום קרבן פסח וואס מען האט איהם גיבראטין אויף אשפיז און די ביצה איז אזכר צו דער חגיגה וואס מען האט מקריב גיוועזן אין ערב פסח און מען האט עס גיגעסין מיט דעם קרבן פסח. די זרוע עסט מען נישט ביי נאכט א) און די ביצה עסט מען. ווייל עס איז אויך אטעם פון אבילות. ווארין דעם טאג וואס עס גיפאלט דער ערשטער טאג פסח איז תשעה באב. לבוש סי' תע"ו:

(קפו) טעם. וואס מען עסט כרפס. ווייל כרפס איז דיא ראשי תיבות ס'פרך. כלומר זעכציג מאהל צעהן טויזינד יודין האבין שווער געארבייט אין מצרים. מ"א:

(קפז) טעם. וואס מען נעמט חרוסת. אזכר צו דעם ליים וום די יודען האבען געארבעט דער מיט אין מצרים. מען מאכט דיא חרוסת פון זיסע פירות אין פון ביטערע. מען גיט אין דעם אויך איננבער אין צימריד. עס זאל זיין גלייך צו בראטע וואס עס געפינט זיך אין דעם פון אלע מינים. טור:

(קפח) טעם. וואס מען איז נוהג צו נעמען דרייא מצות. אזכר צו דיא דרייא מאס מעהל וואס אברהם אבינו האט גענומן ווען עס זענין צו איהם געקומען די מלאכים אין דעמילט איז גיוועזן פסח ב).

א) אין שו"ת בית יעקב שטייט גישריבין אז אויף די ערטער וואס מען עסט נישט קיין גיבראטענן אין די נעכט פון פסח ווען אבער עס איז גיקאכט נאך דעם בראטען מעג מען עסין. אזוי אויך ווען עס איז גיבראטען אין אטאפ מעג מען עסין פסח ביי נאכט:

ב) אין ספר מנחם ציון להרב הצדיק הקדוש מוהר"ר מנחם מענדיל מרימנוב זצוק"ל

טעם. וואס מען שפאלט איין מצה. אזכר צו קריעת ים סוף וואס ער איז געשפאלטען געווארין אין פסח. דער א"ר שרייבט איך האב געזעהן פון גרויסע צדיקים. אז זייא האבין געקישט די מצות אין דעם מרור אין אלע מצות אין דער צייט פון זייער טוהן דיא מצוה אויך דיא סוכה האבין זייא געקישט ווען זיי זענין אין דער סוכה אריין געגאנגין. אין ווען זייא זענין פון דער סוכה ארויס געגאנגין. אין אויך די פיער מינים פון דעם לולב דם איז געוועזען כדי צו בעליבען די מצוה:

(קפט) **טעם.** וואס מען עסט מרור. אזכר וואס דיא מצרים האבין דיא ישראל פערביטערט זייער לעבין. דער עיקר מצוה איז צו נעהמין חריין. נאר מען איז נוהג צו נעהמין ווערזויך דאס איז חסא. צו א רמז אז השי"ת וועט זיך איבער אונז דערבארימען. א) לבוש:

טעם

שטייט אז די מלאכים וואס זענין געקומען צו אברהם אבינו זיי זאלען איהם מבקר חולה זיין האבען זיך ביי איהם פערזוימט מעהר ווי זיבען חדשים. ווארין אין יום כפור האט זיך אברהם אבינו מל געוועזען. און די צייט פון זייער אוועק גיין איז געווען פסח זיי האבין ביי איהם געגעסען מצות:

דער חסד לאברהם זאגט דאס פירוש פון דעם פסוק ובן הבקר אשר עשה. ווארין אין דעם טאג ווען אברהם איז געגאנגין מיט זיין זוהן ישמעאל צו נעמין פון דער שטאל דריי יונג רינדער. איז מיט איהם מיט געגאנגין דער מלאך רפאל. און נאך דעם וואס ער האט גענומען צוויי יונג רינדער און האט זיי איבער געגעבען אין דער האנד פון דעם יונג ער זאל זיי פיהרין. און האט געוואלט נעמין דעם דריטען. האט זיך דער מלאך רפאל פארשטעלט פאר איין פר חשוב. און ווי אברהם האט איהם געוואלט נעמין. איז דער פר אנטלאפען און האט איהם געפיהרט צו א טיהר פון איין הייל. האט זיך די טיהר פון דעם הייל געעפענט. און ווי אברהם האט געזעהען אז אדם און חוה ליגען דארט בעגראבען. און האט געפיהלט א ריח פון דעם גן עדן. האט ער געגלייבט אז ער זאל אויך דארט ליגין. דאס איז געווען דורך שליחות פון השי"ת. נאך דעם האט זיך דער פר תיכף געלאזט נעמין אין דער האנד פון אברהם. און ווי עס איז געקומען צו דעם עסין איז נאר געווען צוויי. האט אברהם געמוזט בעשאפין דעם דריטען פר מיט שמות הקדושים (עי' ספר יצירה) ווייל אין דער צייט וואס ער וועט צוריק גיין אין שטאל און נעמין איין אנדערין פר וועט אוועק גיין דער זמן פון דעם עסין. וועט ער די אורחים נישט האבען צו געבין דריי צינגען. און דאס זאגט דער פסוק ובן הבקר אשר עשה. דאס יונג רינד וואס ער האט אליין בעשאפין:

א) דער דרך פקודיך שרייבט פיעל מענשין עסין חריין און ווייל עס איז זייער [illegible] קענין זיי נישט עסין אכזית (עס זאל זיין גרויס ווי א האלבע איי) און ווען [illegible]

מען

(קצ) טעם. וָואס מֶען טִינְקְט אַיין צְוַויא מָאהְל. אַקֶעגִין די צְוַויא מָאהְל וָוס מֶען הָט גִישְׁפְּרֶענְגְט מִיט דֶעם בְּלוּט פוּן דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח אַיין מָאהְל אוֹיף דֶער אֵייבֶער שְׁוֶועל אִין אֵיין מָאהְל אוֹיף דִיא בֵּיי שְׁוֶועלִין. דעת זקנים:

(קצא) טעם. וָואס מֶען טִינְקְט אַיין אִין זַאלְץ וַואסֶער אָדֶער אִין עֶסִיג. ווייל מֶען הָאט אַזוֹי מִיט זֵייא שְׁוֶוער אִין בִּיטֶער גֶעאַרְבִּיט. של"ה:

(קצב) טעם. וָואס מֶען בְּרֶעכְט אִיבֶּער דִיא מַצָּה פַאר דֶעם זָאגֶען דִיא הַגָּדָה. כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט זָאגִין הָא לַחְמָא עַנְיָא נָאר אוֹיף אַ מַצָּה וָוס אִיז צוּ בְּרָאכֶען. וָוארִין דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן אֵיין עָנִי עֶר זָאל הָאבִּין אַ צוּ בְּרָאכֶענֶע מַצָּה. אבודרהם:

(קצג) טעם. וָואס מֶען בֶּעהַאלְט דֶעם אֲפִיקוֹמָן. כְּדֵי דִיא קִינְדֶער זָאלִין זֶעהְן אַז מֶען בֶּעהַאלְט דִי מַצָּה וֶועלִין זֵיי פְרֶעגִין פַאר וָואס מֶען בֶּעהַאלְט דִי מַצָּה מֶען הָאט מֶען נָאךְ נִישְׁט גִיגֶעסִין. אִין פוּן דֶער תְּשׁוּבָה וָואס מֶען וֶועט זֵייא עֶנְטְפֶערִין וֶועט מֶען קוּמֶען צוּ דֶער צֵיילִין פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם. לבוש:

(קצד) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז דִי קִינְדֶער הַאפֶּען דֶעם אֲפִיקוֹמָן. כְּדֵי זֵייא זָאלִין נִישְׁט שְׁלָאפֶען וֶוען מֶען זָאגְט דִיא הַגָּדָה. וֶועלִין זֵייא פְרֶעגִין פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם. חק יעקב:

(קצה) טעם. וָוס מֶען זָאגְט הא לחמא עניא אִין לָשׁוֹן אֲרַמִּית. ווייל זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִירֶעד אִין לָשׁוֹן אֲרַמִּית. אִין דִי עַמֵּי הָאָרֶץ פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ. אבודרהם:

(קצו) טעם. וָואס מֶען זָאגְט **די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים.** (דָאס אִיז דָאס בְּרוֹיט וָואס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין הָאבִּין גִיגֶעסִין אִין דֶעם לַאנְד מִצְרַיִם). אַ מֶעהְר דָאס טֵייטְשׁ הָאבִּין זֵייא גִיבַּאקִין וֶוען זֵייא זֶענִין שׁוֹין אַרוֹיס גִיגַאנְגִין פוּן מִצְרַיִם. זָאגְט דֶער בֶּן עֶזְרָא אַז אִין דֶר מְדִינָה פוּן הוֹדוּ אַז אֵיינֶער אִיז גִיזֶעסִין אִין דֶער תְּפִיסָה הָאט מֶען אִיהְם גִיגֶעבִּין צוּ עֶסִין

מֶען עֶסְט אַפִּיקוֹמָן. [שם הלשון בד"כ] מען גִישְׁט מִיט אַמָאל. ע"כ דַארְף מֶען נִזְהָר צוּ זַיין אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט אֲפִיקוֹמָן מִיט אַמָאל זָאל מֶען נִישְׁט מַאכֶען אַבְּרָכָה וָוארִין עֶס אִיז אַבְּרָכָה לְבַטָּלָה ע"ש. ע"כ אִיז גְלַייךְ אַז נָשִׁים אוּן קִינְדֶער זָאלֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכֶען נָאר דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל מַאכֶען אַבְּרָכָה אוּן עֶר זָאל זֵיי אַלֶע מוֹצִיא זַיין אוּן זֵיי זָאלֶען נָאךְ זָאגִין אָמֵן זֶענִין זֵיי יוֹצֵא אֲפִילוּ זֵיי עֶסִין מָרוֹר ווֵיינִיגֶער פוּן אַפִּיקוֹמָן:

עסין מצה נישט חמץ. ווייל מצה איז הארט קען עס נישט גיך פערדייעט ווערין וועט ער אביסעל אויך געגוג האבין. און אזוי אויך האבין די מצרים געטוהן צו די יודען אין מצרים:

(קצז) טעם. וואס דיא הגדה וועט אהן גערופען סדר. ווארין דאס איז דער סדר פין דעם גאנצען יאהר ווארין אלע מצות העננין אפ אין יציאת מצרים. און ביא קבלת התורה שטייט **אשר הוצאתיך מארץ מצרים**, בית אהרן:

(קצח) טעם. וואס מען טינקט אפ פון דעם כוס מיט דעם פינגער ווען מען זאגט דם ואש ותמרות עשן. און ווען מען גידענקט די מכות דצ״ך עד״ש באח״ב. אזכר צו דעם וואס עס שטייט **אצבע אלהים הוא** דריבער באדארף מען פון דעם כוס אראפ ווארפען מיט דעם פינגער וואס הייסט אצבע (דאס איז דער אנדערער פון דעם גראבין פינגער) א). (חק יוסף). אויך צו ווייזען דאס דורך דיא מכות איז אלע מאהל פון זייא ווייניגער גיווארין:

(קצט) טעם. וום רבי יהודא המ גיגעבין סימנים **דצ״ך עד״ש באח״ב**. ווייסט דען דאס נישט יעדער מענש צו נעהמין פון יעדען ווארט איין אות און צו מאכען א סימן. נאר ווייל אין תהלים קאפיטל ק״ה זענין נישט די מכות גירעכינט כסדר אזוי ווי זיי זענין גירעכינט אין דער תורה דורך דעם גיט רבי יהודא דיא סימנים צו מאכען וויסען אז דער סדר פון דער פרשה איז דער עיקר. שבלי הלקט:

(ר) טעם. וואס מען צוטיילט דעם הלל. היינו מען זאגט האלב הלל פאר דעם עסין און האלב הלל נאך דעם בענטשין. ווייל דיא העלפט הלל וום מען זאגט פאר דער סעודה שטייט נאר פון יציאת מצרים זאגט מען דאס אויך ביי דער הגדה פאר דער סעודה וואס ווערט אויך נאר גירעד פון יציאת מצרים. אבער דיא אנדערי העלפט הלל אין דאס רוב

פון

א) בשם האריז״ל הקדוש שטייט גישריבען דאס מיזאל אפ גיסען פון דעם כוס אליין צעהן טראפין ווען מען זאגט די צעהן מכות. מען זאל אריין גיסין אין אציבראכינע כלי וואס איז מרמז אויף דער קליפה וואס ווערט אן גירופען ארור. עס איז גלייך אזוי ווי מען לאזט ארוים אביסעל שערות פון אעגל ביי די תפילין מען זאל געבין אחלק צו דער סטרא אחרא. והטעם. כדי זיי זאלען די נאכט נישט מקטרג זיין. אזוי ווי עס גיפינט זיך אין סעי׳ י״ב:

פון דער הגדה נאך דיא סעודה ווערט גירעט פון אנדערי גאולות. אין פון דער גאולה וואס וועט זיין. זאגט מען דורך דעם דיא אנדערי העלפט הלל נאך דער סעודה. אין דורך דעם טעם. איז מען נוהג צו זאגין שפוך חמתך פאר לא לנו. אקעגין דער גאולה. לבוש:

(רא) טעם. וואס מען איז נוהג צו עפינין דיא טיר ווען מען זאגט שפוך חמתך על הגוים וגו׳. צו ווייזען אז מיר גלייבען אין השי״ת אין די נאכט איז א ליל שמורים. אין דעם זכות פון דער אמונה וועט קומען משיח אין וועט אוים גיסען זיין צארין אויף דיא ע״א. שם:

(רב) טעם. וואס מען מאכט א ברכה אויף איעדין כוס בעזונדער. ווייל איעדער כוס איז א בעזונדערי מצוה. מ״א:

(רג) טעם. וום מען גיעסט אהן דעם פינפטען כוס אין מען רופט איהם דער כוס פון אליהו הנביא. ווייל עס איז א פלוגתא אין דער גמרא צו דער כוס פון ברכת המזון ווערט גערעכינט אונטר די פיער כוסות. צו דער כוס פון ברכת המזון מוז זיין חוץ די פיער כוסות. אין די הלכה איז געבליבען אין ספק. אין אז אליהו וועט קומען וועט ער מברר זיין אלע ספיקות אין אויך דעם ספק צו מען באדארף האבין אבאזונדערין כוס צו ברכת המזון. דרום גיעסט מען אהן דעם כוס אין מען טרינקט איהם נישט:

(רד) טעם. וואס מען טאר נישט טרינקען ויין נאך דיא פיער כוסות נאר וואסער. דורך דיא עניים וואס מען גיט זייא פון דער צדקה ארבע כוסות צו ביידע נעכט. האט מען מתקן גיוועזין אז מען טאר נישט טרינקען קיין שום משקה נאך דיא ארבע כוסות כדי זייא זאלין נישט אוים טרינקען דעם וויין וואס מען האט זייא גיגעבין אויף ביידע נעכט אין איין נאכט. חק יעקב:

(רה) עוד טעם. כדי ער זאל נישט ווערין שיכור. ווארין דער מענש באדארף עוסק צו זיין אין יציאת מצרים ביז עס וועט איהם אהן חאפען דר שלאף. דרום טאר ער נישט טרינקען נאך די פיער כוסות נאר וואסער. אין דיא אנדערי נאכט פסח מעג מען טרינקען אויך אנדערי משקות וואס זענין נישט משכר. (חק יעקב):

(רו) טעם. וואס מען טאר נישט עסין אין פסח געטריקענטי ווינטרויבען (רויזען) אדער אנדערי געטריקענטי פירות. נאר אז מען

ווייסט

ווייסט זיכער אז זיי זענין אזוי געטריקענט געווארין אז מען זאל נישט מורא האבין פר חמץ. אין די משקה פון זייא טרינקט מען. ווייל עס איז אחשש אפשר איז אין זייא באהעפט געווארין א שטיקעל חמץ. אבער דיא משקה פון זייא טרינקט מען. ווארין דאס ביסעל איז בטל געווארין אין ס׳. דאס הייסט. אין דער משקה איז דא זעכציג מאהל אזוי פיהל אקעגין דעם שטיקעל חמץ וואס מען האט מורא אז עס איז באהעפט געווארין אין דיא געטריקענטי פירות א). אבער קאכין טאר מען זיי נישט ווייל דורך דעם קאכין גיט עס מעהר איין טעם. אויך קען מען דעם ווין אפ זייען ערב פסח אגאנצען טאג. מ״א ופ״מ סי׳ תס״ז:

(רז) **טעם.** ווס מען טאר נישט עסין רייז אין בונים אין ארבעס אים פסח.

ווייל מען קען דער פון מאכען מעהל וואס עס איז גלייך צו ווייצען מעהל וועט מען זאגין אזוי וויא מען מעג דאס קאכין אזוי מעג מען קאכין דיא פינעף מינים פון קארין אין זיי וועלין נישט וויסען אז די פינעף מינים קומען צו חימוץ. דרום האט מען גוזר געוועזען אויף דיא אלע מינים דורך דיא מינים פון קארען. ווען עס האט אבער זיך געטראפין אז פון די מינים איז אריין געפאלען אין עסין אריין ווערט דאס תבשיל נישט אסור. לבוש:

(רח) **טעם.** וואס דער חזן הייבט אהן אין יום טוב **האל בתעצומות.**

ווייל דיא ימים טובים זענין א זכר צו יציאת מצרים ווס דם

א) דער לבוש שרייבט דער מנהג איז אז מען זאל נישט עסין געטריקנטי פייגין אים פסח ווייל עס קומט אין זיי מעהל. אזוי אויך איז דער מנהג נישט צו עסין ראזינקים. נישט די רויטע נישט די שווארצע ווייל מען זאגט אז דאס ווייסע וואס איז אויף זיי איז מעהל. ווען אפילו מען האט נאך גיפארשט און עס איז בעקאנט אז מען בעדארף פאר דעם נישט מורא האבען איז דאך פערשפרייט דער מנהג צו איסור. אבער די קליינע שווארצע ראזינקליך (זיי ווערין אן גירופין ר״ד) זענין אטייל מתיר ווייל מיר זעהין אז אין זיי איז נישט דא קיין שום ווייסקייט. און וואס מיר זענין נוהג איסור אין די רויטע ווען אפילו מיר זעהין נישט אין זיי אמאל קיין ווייסקייט. ווייל דער סדר איז מען זאל זיי אריין ווארפען אין הייס וואסער ווען מען טריקינט זיי איז דאס אסור דורך כלי עכו״ם. על כן דורך די ביידע חששות ווערין די ראזינקים נישט גיניצט אין פסח ע״כ. אויך בעדארף מען נזהר זיין ביי קאפפע און פעפער ווייל עס ווערט גיפעלשט און גימאכט פון חמץ און ווערין גיפארבט און האבין די זעלבע מראה פון דער קאפע און עס ווערט צו גימישט צו די גוטע. על כן זאל מען גוט נזהר זיין און נאך פרעגין:

ווייזט אויף תעצומות עוזו. אויף זיין שטארקע מאכט. און זיין גרויס קענטשאפט. לבוש:

(רט) טעם. וואס מען רופט אויס אין שמיני עצרת פאר מוסף משיב הרוח ומוריד הגשם. און מען רופט נישט אויס און דער תפלה פון מוסף דעם ערשטין טאג פסח דאס מען זאל נישט זאגין משיב הרוח. דער טעם איז ווארין אז מען זאל רופען אז מען זאל נישט זאגין משיב הרוח וואלט משמע געוועזין גלייך מען איז מבזה און מען וויל נישט דעם רעגין ער זאל מעהר קומען. און אזוי באדארף מען נישט צו טוהן. אזוי וויא עס שטייט. אין מתפללין על רוב טובה. מען טאר נישט מתפלל זיין אויף דעם וואס מען האט פיהל גוטיץ. אבער אויף די מקומות וואס מיזאגט פון פסח אהן מוריד הטל. רופט דער שמש אויס פאר דיא שמ״ע פון מוסף מוריד הטל. לבוש:

(רי) טעם. וואס דער חזן טיהט אהן דעם קיטעל בייא דער תפלה פון טל אין דעם ערשטין טאג פון פסח. און ביי דער תפלה פון גשם אין שמיני עצרת. און ראש השנה. און הושענא רבה. ווייל דאס איז א בגד מתים וועט ער דורך דעם מכניע זיין זיין הארץ און וועט מתפלל זיין מיט כוונה פאר דעם כלל ישראל אויף חיי בני ומזוני:

(ריא) טעם. וואס מען הייבט אהן צו זאגין משיב הרוח ומוריד הגשם אין דער תפלה פון מוסף פון דעם אכטען טאג סוכות. און מוריד הטל. הייבט מען אהן צו זאגין אין דער תפלה פון מוסף אין ערשטין טאג פסח. ווייל טל איז אגוטער סימן פאר דיא וועלט על כן זאלין אויס גיין די אלע ימים טובים פון פסח מיט טל. אבודרהם:

(ריב) טעם. וואס מען הייבט נישט אהן צו זאגין מוריד הטל די ערשטי נאכט פון פסח. ווייל דאס גאנצע פאלק איז דעמילט נישט דא אין שיהל זיי זענין טרוד אין מצה און מרור. קומט אויס אז איינער וועט זאגין מוריד הטל און איינער נישט. שם:

(ריג) טעם. וואס מען הייבט נישט אהן צו זאגין מוריד הטל ביי דער תפלה פון שחרית. ווייל מען קען זיך טועה זיין אין דעם יאהר וואס וועט קומען מען וועט מיינען אז מען האט אהן גיהויבין צו זאגין מוריד הטל בייא דער נאכט. דורך דעם הייבט מען ערשט אהן צו זאגין מוריד הטל אין דער תפלה פון מוסף אין דעם ערשטין טאג פון פסח. שם:

טעם

(ריד) **טעם.** וואס דער סדר איז צו זאגין מען בענשט גשם. אדער מען בענשט טל. ווייל דער דרך העולם איז אז איינער פארמז אין וועג אריין און האט פחד טאמער וועט ער קומען צו אזעלכע מענטשין וואס זענין רשעים און וועלין אויס איהם שפעטין. אזוי פארט ער צו א צדיק פאר זיין אוועק פאהרין דאס ער זאל איהם בענטשין אז השי"ת זאל איהם מצליח זיין דעם וועג וויא ער גייט אז דיא רשעים זאלין נישט אויס איהם שפעטין. אזוי אויך דער גשם און טל גייט אויף דער גאנצע וועלט און צו אלע אומות. אצונד ווילען זיי אז די רשעים זאלין דורך זיי נישט פעלשין. דרום גייען זיי צו ערשט צו די ישראל דאס זיי זאלען זיי בענטשין אז זייער טובה זאל זיין פאר דיא ישראל. בשם הרב הצדיק הקדוש **מהרמ"מ מרימנאב** זצוק"ל:

(רטו) **טעם.** וואס השי"ת הט גיבאטין אין דער תורה אז מען זאל ציילען ספירה. ווייל יעדער איינער איז טרוד אין שניידען דיא תבואה. און זייא אהיים צו נעהמין האט השי"ת געהייסין ציילין ספירה כדי זייא זאלין נישט פארגעסין דיא צייט פון עולה רגל זיין. שם:

(רטז) **טעם.** וואס מען זאגט אין חול המועד פון פסח האלב הלל. ווייל אין דעם זיבעטין טאג פון פסח זענין די מצריים איינגעזונקען געווארין אין ים. האט הקב"ה גיזאגט מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה. (דיא וואס מיינע הענד האבען בעשאפען ווערין איינגעזונקען אין ים און איהר וועט זאגין שירה) און ווייל מען זאגט נישט דעם זיבעטין טאג פון פסח נאר האלב הלל. זאגט מען נישט אין חוה"מ אויך נאר האלב הלל כדי חול המועד זאל נישט בעסער זיין פון יו"ט. ט"ז:

(ריז) **טעם.** וואס אין חוה"מ פון פסח. אז עס גיפאלט אים שבת לאזט מען אויס אין דער הפטורה נאר מקדש השבת אליין. און מען איז נישט מזכיר פסח נישט אין דער מיט פון דער הפטורה און נישט בייא דעם אויס לאזין. ווייל אז חול המועד פסח גיפאלט אים שבת נעמט מען נישט ארויס מעהר אספר תורה וויא מען נעמט ארויס אין איין אנדערין טאג פון חוה"מ. מען נעמט יעדען טאג פון חוה"מ אויך ארויס צווייא ספר תורה. אבער אין שבת חוה"מ פון סוכות איז מען מזכיר אין דער מיט פון דר הפטורה פון סוכות און מען לאזט אויך אויס **מקדש השבת וישראל והזמנים.** ווייל מען נעמט אין שבת חוה"מ מעהר ארויס איין ספר תורה

וויא

ויא אז חוה"מ גיפאלט נישט אין שבת. וואריין אז חוה"מ סוכות גיפאלט נישט אין שבת נעמט מען נאר ארויס איין ספר תורה. מטה משה:

(ריח) **טעם.** ווס מען זאגט אין שבת חוה"מ פון פסח **שיר השירים.** ווייל עס שטייט דאס ענין פון יציאת מצרים. אין סוכות זאגט מען **קהלת.** ווייל סוכות איז דיא טעג פון שמחה אין קהלת שטייט ולשמחה מה זו עושה. אין שבועות זאגט מען רות. ווייל עס קומט צו לערנין אז דיא תורה איז נישט גיגעבין גיוואריין נאר דורך יסורין אין דורך עניות. מ"א:

(ריט) **טעם.** אז ווען מען איז **מזכיר נשמות** איז דער מנהג אז דער וואס האט פאטער אין מוטער גייט ארויס פון דער שיהל. ווייל אז ער וועט דארט זיין טאמער וועט ער מיט זייא אויך מיט זאגין קען עס נאך ח"ו שאדען. לשון חכמים:

(רכ) **טעם.** וואס דיא פיוטים וואס מען זאגט ביי דיא תפלות ווערין אהן גערופען קרובות. ווייל מען זאגט זייא אין מיטען דיא תפלות א):

טעם

א) בספר שבלי הלקט שטייט געשריבין אז עס איז אמצוה צו זאגין פיוטים און ווען ר' אליעזר האט גימאכט דעם פיוט **וחיות אשר הנה** כו' איז גיוועזען אפייער ארום איהם:

ובספר קב הישר ווערט גיברענגט א סיפור פון אגדול הדור ר' **שלמה אלקבץ** ז"ל (ער האט גימאכט דעם זמר פון לכה דודי) ער איז בקי גיוועזען אין חכמת הקבלה און האט מחבר גיוועזען פיעל פיוטים און ווייל ער איז גיוועזען א גרויסער חכם האבען זיך אין איהם די שונאי ישראל מקנא גיוועזען. אישמעאל האט איהם גיהרגית און האט איהם בעגראבען ביי זיך אין גארטען נעבען איין פייגען בוים. און דער פייגען בוים האט אן גיהויבען צו בליהען פאר דער צייט און עס האט אויף איהם גיוואקסען זייער שייני און גרויסע פייגין. האט זיך אויף דעם די גאנצע שטאט זייער פערוואונדערט ביז די זאך איז אן גיקומען צו דעם טערקישען קעניג. ווי דער מלך האט גיזעהין די פירות האט ער זיך זייער פערוואונדערט. און האט געשיקט רופען דעם ישמעאל און האט איהם גיפרעגט וואס פאר אמיטעל ער האט גיטאן אז די פייגען זאלען פארטיג ווערין פאר דער צייט. און פאר גרוים פחד האט דער ישמעאל נישט גיוויסט וואס ער זאל דעם מלך ענטפערין. וואריין השי"ת האט אזוי גיפיהרט. האט דער מלך געהייסען אז מען זאל איהם אן טאן גרויסע יסורים ביז דער ישמעאל האט גימוזט מודה זיין אז פון דעם טאג אן וואס ער האט גיהרגית דעם יהודי ר' **שלמה אלקב"ץ** האט אויף דעם בוים אן גיהויבען צו וואקסען פירות פאר דער צייט. האט דער מלך בעפוילען אז מען זאל דעם ישמעאל דעם רוצח אויף הענגין אויף דעם זעלבין בוים. דער כלל איז אז די גדולי הדור האבין מתקן גיוועזען פיעל פיוטים:

(רכא) **טעם.** וָואס מֶען טוּהט אָהְן אִין יו"ט בֶּעסֶערֶע קְלֵיידֶער וְוִיא אִין שַׁבָּת. אוֹיךְ אִיז מֶען נוֹהֵג צוּ עֶסִין בֶּעסֶערֶע מַאֲכָלִים וְוִיא שַׁבָּת. ווייל דִּיא זַאךְ וָואס עֶס קוּמְט אַמָאהְל אִיז בַּייא דֶעם מֶענְשׁ מֶעהְר חָשׁוּב. אַזוֹי וְוִיא מֶען זֶעהְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אֵיינֶעם זַיין רֶבִּי אָדֶער זַיין פָּאטֶער נָאר אַמָאהְל טוּהְט עֶר אִיהְם אָהְן מֶעהְר כָּבוֹד וְוִיא אַז עֶר זָאל בַּייא אִיהְם תָּמִיד זַיין. יוסף אומץ:

(רכב) **טעם.** וָואס מֶען אִיז מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת אִין דֶעם לֶעצְטֶען טָאג יו"ט. ווייל אֵיינֶס פוּן דִּיא צֶעהְן נִסִּים פוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גִּיוֶוען. אַז דִּיא יוּדֶען הָאבֶּען דְּרַייא מָאהְל אִין יָאהְר עוֹלֶה רֶגֶל גִּיוֶוען אִין **פסח. שבועות. און סוכות.** אִין זֶענִין גֶעגַאנְגִין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרַיין. אִין וֶוען זֵייא זֶענִין גֶעשְׁטַאנִין אִיז גִּיוֶוען זֵייעֶר עֶנְג אִין וֶוען זֵייא הָאבִּין זִיךְ גֶעבִּיקְט אִיז גִּיוֶוען גְרָאס. דָאס אִיז גִּיוֶוען אַקֶעגִין דִּיא טֶבַע. נָאר דָאס עֶנְין אִיז וָוארִין יֶעדִין יו"ט זֶענִין גֶעקוּמֶען דִּיא נְשָׁמוֹת פוּן **אברהם יצחק** אִין **יעקב** אִין דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁל מַעְלָה מִיט אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן דִּיא צַדִּיקִים אִין דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁל מַטָּה הָט זִיךְ אָפּ גֶעטוּהְן אִין דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁל מַעְלָה הָאט אַרָאפּ גֶענִידֶערְט. אִין דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁל מַעְלָה אִיז זֵייעֶר אַרוּחָנִיוֹת. דוּרְךְ דֶעם הָט דָאס גִיקָאנְט מְקַבֵּל זַיין אַלֶע יוּדֶען. דוּרְךְ דֶעם אַצוּנְד אַז דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גִּיוָוארִין דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע עֲוֹנוֹת. בֶּעדַארְפֶען מִיר מַזְכִּיר צוּ זַיין דִּיא נְשָׁמוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אַיעֶדִין רֶגֶל. כְּדֵי זֵייעֶר זְכוּת זָאל אוֹיף אוּנְז מֵגִין זַיין. אִין צוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוֹיף אֵייבִּיג אָמֵן:

(רכג) **טעם.** וָואס מֶען לֶעבֶּערְט דִּיא חַלּוֹת מִיט אַשְׁרִיסֶעל אוּם שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח. וָוארִין אִין דֶער צַייט וֶוען דִּיא יוּדֶען הָאבִּין גִיגֶעסִין מָן. אַזוֹי פוּן דֶער צַייט אָהְן וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גִּיוֶועזֶען דֶעם

עומר

א) אַז עֶר אִיז מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת זָאל עֶר נִישְׁט זָאגֶען בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתָם נָאר עֶר זָאל זָאגִין בַּעֲבוּר שֶׁאֶתֵּן (אִיךְ וֶועל גֶעבִּין) וָוארִין אֶפְשַׁר וֶועט עֶר נִישְׁט תֵּיכֶּף אָפּ גֶעבִּין דֶעם גֶּדֶר אַזוֹי וֶועט נָאךְ ח"ו אוֹיף אִיהְם דִי נְשָׁמָה וָואס עֶר הָאט פַאר אִיהְר מְנַדֵּר גִּיוֶועזֶען מְקַטְרֵג זַיין. דְּרוּם זָאל עֶר נִישְׁט זָאגִין בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר. אִיךְ בִּין מְנַדֵּר צוּ גֶעבִּין. נָאר עֶר זָאל זָאגִין בַּעֲבוּר שֶׁאֶתֵּן. קב הישר:

דִּיא מֶענְשִׁין וָואס זֵיי זָאגִין נָאךְ דֶעם וָואס זֵיי זָאגִין יִזְכּוֹר דֶעם נוּסַח פוּן אל מלא רחמים זֶענִין זִיךְ טוֹעֶה. וָוארִין דֶעם נוּסַח פוּן אֵל מָלֵא רַחֲמִים זָאגְט מֶען נָאר אוֹיף דִּי וָואס זֶענִין נִפְטַר גִּיוָוארִין אִין דֶעם יָאהְר:

עומר דעם אנדערין טאג פסח. האבין זייא שוין נישט מעהר גיגעסין פון דעם מן אין זיי האבין שוין אהנגעהויבען צו עסין פון די תבואות פון דעם לאנד. אזוי האבין די יודען אהנגעהויבען צו בעדארפען פרנסה. ווארין ביז אין דער צייט האבין זיי געהאט דעם מן. אין יעדע זאך האט אשער. אזוי וויא מיר בעטין אז השי"ת זאל אונז עפינין די טויערין פון פרנסה. דריבער האט זיך פארשפרייט דער מנהג אז מען זאל מאכען אצורה פון אשליסעל אויף די חלות צו ארמז אז השי"ת זאל אונז עפענין די טויערין פון פרנסה.

אוהב ישראל:

(רכד) טעם. וואס מען איז נוהג צו פאסטען בה"ב. שני. וחמישי. ושני. נאך פסח. אין נאך סוכות. ווייל מען האט אחשש טאמער דורך עסין אין טרינקען און דורך שמחה איז מען געקומען צו איין עבירה. אבער שבועות ווייל עס איז נאר איין טאג איז נישט אחשש. מ"א סי' תצ"ב:

(רכה) טעם. וואס מען פאסט נישט בה"ב אין חודש ניסן אויך נישט אין חודש תשרי. אין ניסן פאסט מען נישט בה"ב ווייל דער רוב חודש איז אוועק געגאנגען מיט קדושה דורך דעם איז מען נוהג קדושה אין יום טוב דעם גאנצען חודש. אז מען פאסט נישט אין חודש ניסן נאר די בכורים פאסטען אין ע"פ אזכר צו דעם נס וואס דיא בכורים פון מצרים זענין אויס געשטארבען אין דיא בכורים פון ישראל זענין ניצול געווארין. אויך אין חודש תשרי פאסט מען נישט. ווייל דער חודש איז פיהל מיט מועדות. דורך דעם פאסט מען ערשט בה"ב נאך חודש ניסן אין נאך חודש תשרי. (לבוש) א):

(רכו) טעם. וואס דער מנהג איז אז מען טאר זיך נישט אפ שעהרין אויך מאכט מען נישט חתונה צווישען פסח אין שבועות. ב) כדי מען זאל נישט מעהרין שמחה. ווארין אין דער צייט זענין געשטארבען

א) און שבת וואס מען בענשט ראש חודש זאל מען נישט מזכיר זיין דעם תענית פון בה"ב מכל שכן אז ר"ח גיפאלט אין שבת זאל מען בודאי נישט מזכיר זיין בה"ב. מהרי"ל:

ב) אין ספר ארחות חיים ווערט גיברענגט בשם כתבי דע"ק אז די התחלת גישואין זענין אין ל"ג בעומר קען מען גומר זיין אין דער נאכט פון ל"ד בעומר אפילו די עיקר חופה איז ביי נאכט איז מותר. ווייל מען האט אן גיהויבען אין טאג פון ל"ג בעומר. נאר מען בעדארף זעהין זיך מקדים צו זיין אז מען זאל די סעודה אויך מאכען אין דעם טאג פון ל"ג בעומר און נישט צו מאכין ריקודים און כלי זמר אין דער נאכט פון ל"ד. נאר אז זייער כוונה איז לשם שמים איז מען מיקיל:

דיא תלמידים פון ר' עקיבא. אבער אשידוך קען מען טוהן אויך אין דער ספירה א) טור:

(רכז) טעם. וואס חודש אייר איז מסוגל צו רפואה. ווייל אלע קראנקהייטען קומען פון אזעלכע מאכלים וואס עס טוהט שאדען דעם מענש. אין בחודש אייר הט אהנגעהויבען דער מן צו גיין ווים איז איין עסין וואס עס ווערט איין געזאפט אין דיא איברים אזוי איז פון דעם עסין דעם מן נישט געווען קיין שום הוצאת אין קיין שום שמערץ. נמצא זענין אין דעם חודש געהיילט געווארין אלע קראנקע. דרום איז געבליבען די טבע אז חודש אייר איז מסוגל צו רפואה. (בני יששכר) ובעונותינו הרבים זאגט מען דאס חודש מייא איז מסוגל צו רפואה:

(רכח) עוד טעם. דריבער איז דיא התחלה פון שערי רפואה אין דעם חודש. ווייל אייר איז די ר"ת פון "אני "יהו "רופאך:

(רכט) טעם. פון ל"ג בעומר. ווייל אין דיא טעג וואס מען זאגט אין זייא נישט תחנון זענין דיא תלמידים פון רבי עקיבא נישט געשטארבען. היינו אכט טאג פון פסח. צוויי טעג פון ר"ח אייר. ר"ח סיון. אין זעקס שבתות. איז צוזאמען זיבעצעהן טאג. זענין איבער געבליבען צוויי אין דרייסיג טעג ביז צו דער צאהל פון ניין אין פערציג וואס אין זייא זענין דיא תלמידים פון ר"ע געשטארבען. דורך דעם פרייד מען זיך אין טאג פון ל"ג בעומר ב). מהרי"ל:

(רל) טעם. וואס דער מנהג איז אז דיא קינדער שיסען מיט פאלען בייגען אין ל"ג בעומר. ווייל אזוי לאנג ר' שמעון בן יוחאי האט גילעבט האט מען נישט געזעהן ארעגין בויגין (וואס דער רעגין בויגין איז אצייכען אז מען איז ח"ו ווערט עס זאל זיין אמבול) ע"כ איז דר פאלען בויגין ארעמז צו ר' שמעון. בני יששכר:

טעם

א) אויך זאל מען נישט מאכין שהחיינו אין די טעג פון ספירה. (בגדי אהרן). אז מען האט אבער התונה אין ל"ג בעומר מעג ער בשבת פאר דער התונה גיין די קליידער און מאכין שהחיינו:

ב) אין ספר נופת צופים ווערט גיברענגט אז די תלמידי רבי עקיבא זענין גישטארבין אין צוויי און דרייסיג טעג פון דער ספירה און רשב"י וואס איז גיוועזין דער לעצטער פון די תלמידים איז גישטארבין אין ל"ג בעומר זענין די דינים נמתק געווארין דורך דעם איז ל"ג בעומר יום שמחתו עד היום אזוי ווי עס ווערט גיברענגט אין ספרים הקדושים:

ענייני פסח

(רלא) **טעם.** וואס מען רופט דעם אנדערין טאג פון ראש חודש סיון **יחוס טאג.** ווייל השי״ת האט גיזאגט צו משה אין ראש חודש סיון אז ער זאל זאגין צו דיא יודען. **ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש.** (איהר יודען וועט צו מיר זיין אקעניגרייך אין אהייליג פאלק). **והייתם לי סגולה מכל העמים.** (אין איהר וועט צו מיר זיין געליבט מעהר וויא אלע פעלקער). אין דעם ערשטען טאג האט משה די יודען נישט גיזאגט ווייל זייא זענין גיוועזען שוואך פון דעם וועג. האט ער ערשט זייא גיזאגט דעם אנדערין טאג ר״ח. אזוי וויא דיא גמרא זאגט אין שבת. דרום רופט מען דעם טאג **יוחס טאג** ווייל משה רבינו האט אונז גיזאגט דעם סדר פון אונזער יוחס אין נאהמען פון השי״ת:

ענייני חג השבועות

(רלב) **טעם.** וואס דער יו״ט ווערט אהן גערופען **חג השבועות.** ווייל השי״ האט געשווארין אז ער זאל אונז נישט איבערבייטען פאר איין אנדער פאלק. אין מיר האבין צו איהם געשווארין. אז מיר זאלין איהם נישט ח״ו איבערבייטען. טור ברקת:

(רלג) **טעם.** וואס דער מנהג איז מען זאל שטעלין ביימער אין שיהל אויך ביי זיך אין דער היים. אזכר צו דער שמחה פון מתן תורה וואס עס האט געוואקסען גראז ארום דעם בארג סיני. לבוש:

(רלד) **טעם.** וואס מען איז נוהג נישט צו שלאפען די נאכט פון שבועות אין צו לערנין תורה. ווייל קודם קבלת התורה האבין זייא אגאנצע נאכט געשלאפען ביז השי״ת האט זייא געמוזט אויף וועקין. דורך דעם בעדארפען מיר דאס מתקן זיין א). מ״א סי׳ תצ״ד:

טעם

א) בספר בינת יעקב שטייט אזוי עס איז ידועה אז אלע נפשות זענין גישטאנין אויף דעם בארג סיני. און איך האב גיהערט פון הרב הצדיק הקדוש מראפשיטץ זצוק״ל בשם הצדיק הקדוש המפורסם מוהר״ר אלימלך זי״ע בזה הלשון נישט דאס אליין וואס איך גערענק דעם מעמד הר סיני נאר איך גידענק די אלע וואס זיי זענין ביי מיר דעמילט גישטאנען:

ובשם קדוש אחד וואס האט גיזאגט דעם טעם פאר וואס די עשרת הדברות זענין גיזאגט גיווארין בלשון יחיד. צו לערנין דאס דער מענש זאל נישט טראכטען און זאגין וואס איז דען אז איך בין נישט פון די עובדי השם. עס איז דאך דא פיעל מלאכים און פיעל צדיקים וואס דינען איהם. וואס דארף השי״ת מיין עבודה. דרום האט השי״ת גיזאגט

צו

ענייני חג השבועות

(רלה) **טעם.** ווס מען עסט מאכלים פון חלב דעם ערשטין טאג שבועות. וואריז ביז מען האט געגעבין די תורה הט מען געמעגט עסין פלייש אהן שחיטה. און נאך דעם וואס מען האט געגעבין דיא תורה זענין זייא געבאטין געווארין אויף דער שחיטה. און די תורה איז געגעבין געווארין צו דיא יודען אים שבת. אזוי זענין אלע כלים אסור געווארין. ווארין אין שבת האט מען נישט געקענט דיא כלים כשרין. האבין זייא נישט געהאט וואס צו עסין. ווארין דיא כלים מיט דעם פלייש וואס זייא האבין אהן געגרייט איז אסור געווארין. האבין זייא געמוזט עסין מאכלים פון חלב. דרום עסין מיר אויך מאכלים פון חלב אין שבועות אזכר צו מתן תורה.

גאולת ישראל:

(רלו) **עוד טעם.** ווייל דר מדרש זאגט אז דר בארג סיני האט אכט שמות אין איין נאמען איז פון זייא גבנונים. פון דעם לשון גבן כגבינה. (ריין וויא קעז). דרום עסט מען אין שבועות מאכלים פון קעז ווייל מיר האבין מקבל געוועזן דיא תורה אויף דעם בארג וואס דער בארג ווערד אויך אזוי אהן גערופען. בשם הרב הגאון המקובל מוהר"ר שמשון מאסטריפאליע זצוק"ל:

ענייני יום טוב

(רלז) **טעם.** וואס מען טאר נישט קאכין פון יו"ט אויף שבת. כדי מען זאל נישט קומען צו קאכען פון יו"ט אויף חול. ווארין מען

וועט

צו אפעדין איינעם אנכי יי אלהיך. היינו זאלסט בייא דיר טראכטין דאס איך בין נאר דיין גאט אליין. און איך האב נישט קיין שום עובד חוץ דיר. און די גאנצי עבודה איז מוטל נאר אויף דיר:

ובספר דברי שאול (ואתחנן) ווערט געברענגט דאס דורך דעם איז השי"ת געקומין צו די ישראל ווען ער האט זיי געגעבען די תורה מיט קולות און פלאמען. אקעגין דעם אזוי ווי דער גאון יעב"ץ שרייבט דאס אין ים הגדול קומין ארויס אזעלכע מענשין פון דעם ים און זינגען מיט אזוי אזיסקייט. דאס ווען מען זאל נישט שלאגין אין דער פויק אז מען זאל נישט הערין זייער קול וואלטען מענשין געשטארבין דורך דעם זיסקייט פון זייער קול. און בפרט ווען זיי האבען געהערט דאס זיסקייט וואס גאט האט צו זיי געטאן רעדין וואלטין זיי בודאי געוועזן געשטארבין. דורך דעם איז השי"ת צו זיי געקומען מיט קולות און פלאמען כדי זיי זאלען נישט הערען דאס זיסקייט פון זייגע רייד:

וֶועט זָאגִין מַאדֶעךְ מֶען טָאר נִישְׁט קָאכֶען פוּן יו״ט אוֹיף שַׁבָּת. טָאר מֶען פוּן יו״ט אוֹיף אַנְוואכֶען טָאג בְּוַדַּאי נִישְׁט קָאכֶען א):

ענייני תשעה באב

(רלח) טעם. אַז מֶען בֶּענְשְׁט ראש חודש אב זָאגְט מֶען מנחם אב. מֶען אִיז מְנַחֵם דֶעם א׳ ב׳. וַוייל אַלֶע קִינוֹת זֶענִין גִישְׁטֶעלְט מִיט א׳ ב׳. אִין אַז עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה וֶועט זַיין דִי נֶחָמָה אוֹיף דֶעם א״ב:

(רלט) טעם. וָואס מֶען עֶסְט אִין ראש חוֹדֶשׁ אוֹיךְ נִישְׁט פְלֵיישׁ. אֲפִילוּ סְעוּדַת ר״ח אִיז אַ מִצְוָה. וַוייל אִין ר״ח אָב אִיז אַהֲרֹן גֶעשְׁטָארְבֶּען ב):

(רמ) טעם. וָואס מֶען בַּאדַארְף צוּ זִיצֶען אוֹיף דֶער עֶרְד בַּייא דֶער סעודה המפסקת. כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיס וַוייזֶען אֵיין אָרִימֶע אִין אַנִידֶערִיגֶע סְעוּדָה. אָבֶּער דִיא שִׁיךְ דַארְף מֶען נִישְׁט אוֹיס טוּהְן בַּייא דֶער סְעוּדָה. ב״י:

(רמא) טעם. וָואס מֶען טָאר נִישְׁט עֶסִין צְווייא־עֶרְלֵיי גִיקֶעכְטְץ בַּייא דֶר סעודה המפסקת. וָוארִין דָס אִיז דֶר סֵדֶר פוּן הֶערְשַׁאפְט אִין כָּבוֹד ג):

טעם

א) נָאר אַז מֶען מַאכְט אֵיין עירוב תבשילין אִין עֶרֶב יו״ט קֶען מֶען שׁוֹין קָאכִין פוּן יו״ט אוֹיף שַׁבָּת. וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ קָאכִין אוּן צוּ בַּאקִין פוּן עֶרֶב יו״ט אוֹיף שַׁבָּת. הֵייסְט דָאס וָואס עֶר קָאכְט אִין יו״ט גְלַייךְ וִוי עֶר אִיז גוֹמֵר דָאס וָואס עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּ קָאכִין אִין עי״ט. אִיז שׁוֹין מִיט דֶעם אַצֵייכִין אַז פוּן יו״ט אוֹיף חול אִיז אִין גַאנְצִין אָסוּר:

וֶוען אֲפִילוּ עֶר הָאט גִימַאכְט אֵיין עֵירוּב תַּבְשִׁילִין קֶען עֶר נִישְׁט קָאכִין אִין עֶרְשְׁטִין טָאג יו״ט אוֹיף שַׁבָּת. הַיְינוּ אַז יו״ט גִיפַאלְט בְּיוֹם ה׳ וּבְיוֹם ו׳ קֶען עֶר נִישְׁט קָאכִין בְּיוֹם ה׳ אוֹיף שַׁבָּת. (או״ח סי׳ תקכ״ז) אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט קְנֶעטִין לָאקְשִׁין אִין יו״ט וַוייל דִי אַלְטֶע זֶענֶען פִיעֶל בֶּעסֶער. מ״א:

ב) בֵּין הַמְּצָרִים הַיְינוּ פוּן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז בִּיז נָאךְ ת״ב אִיז אָסוּר צוּ עֶסִין אַפֵּרִי חָדָשׁ אוֹיךְ אִיז אָסוּר אָן צוּ קְלֵיידִין נַייעֶ מַלְבּוּשִׁים כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט בַּדַארְפִין מַאכִין שֶׁהֶחֱיָינוּ. אָבֶּער נַייעֶ שִׁיךְ קֶען מֶען אָן טָאן. וָוארִין מֶען מַאכְט אוֹיף זֵיי נִישְׁט שֶׁהֶחֱיָינוּ. נָאר פוּן ר״ח אָב אָן זָאל מֶען נַייעֶ שִׁיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אָן טָאן. נֶעגִיל שְׁנַיידִין אִיז נִישְׁט אָסוּר נָאר דִי וָואךְ פוּן ת״ב. אָבֶּער לִכְבוֹד שַׁבָּת מֶעג מֶען זֵיי אָפּ שְׁנַיידִין. אוֹיךְ מֶעג מֶען אִין דִי טֶעג אַשִׁידוּךְ טָאן. אָבֶּער אַסְעוּדָה טָאר מֶען נִישְׁט מַאכִין. נָאר וָואס מֶען אִיז נוֹהֵג צוּ עֶסִין לֶעקַאךְ בִּשְׁעַת דִי תְּנָאִים דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַסְעוּדָה:

ג) וֶוען אֲפִילוּ דִי צְווֵיי מִינִים זֶענִין אִין אֵיין טָאפּ גִיקָאכְט טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט עֶסִין. נָאר וֶוען עֶס אִיז אַזַא מַאֲכָל וָואס דֶער סֵדֶר אִיז אַז מֶען זָאל עֶס אַגַאנְץ יָאהר אַזוֹי

קאכען

(רמב) טעם. וואס מען זאגט נאך דער תפלה פון מעריב קדיש שלם מיט תתקבל. ווייל מען האט נאך נישט געליינט איכה וואס עס שטייט דארט סתם תפלתי. (עס איז פארשטעלט מיין תפלה) לבוש א): אבער אין דער פריה זאגט מען נישט תתקבל נאר ערשט צו מנחה ווייל מען האט שוין גיזאגט נחם:

(רמג) טעם. וואס עס שטייט אין דער מגלה פון איכה ביא דעם א"ב דיא פ' פאר דער ע', ווייל דיא גמרא זאגט אז ס' ע' "סומך "עניים. מען באדארף אינטער שטיצען די ארימע. אבער דא האט מען דעם ארימאן נישט אינטער שטיצט ווייל פיהו מריתי מען האט זיין מויל ווידער גישפעניגט. דרום שטייט דיא פ' צווישען דיא ס' אין צווישען דיא ע'. גאולת ישראל:

(רמד) טעם. וואס מען זאגט נישט ויהי נועם אז תשעה באב גיפאלט אין מוצאי שבת. ווייל ויהי נועם האט מען מיסד גיווען ביא דעם אויף שטעלין דאס משכן. זאגט מען נישט אצונד אין דעם טאג וואס דאס מקדש איז חרוב גיווארין. מטה משה:

(רמה) טעם. ווס מען זאגט ואתה קדוש נאך דעם ליינן איכה. ווייל די מגלת איכה האט גיזאגט פאר השי"ת רבונו של עולם אז די ישראל וועלין ח"ו פארלענט ווערין ווער וועט מקדש זיין דיין נאמען

אויף

קאכען. דהיינו אמאכל וואס ווערט אויף דעם ארויף גיגעבין ציבאלים מעג מען עסין. אויך טאר מען נישט עסין ביי דער סעודה קרעפליך גיפילט מיט קעז. ווייל אז דער קעז ווערט גיקאכט. הייסט דאס מיט דעם טייג צוויי תבשילין. אבער לאקשין מיט קעז מעג מען עסין: אויך טאר מען נישט עסין פיש ביי דער סעודה. ווייל עס איז אמאכל פון מלכים. אויך איז מען נוהג צו עסין ביי דער סעודה המפסקת ארבים אדער אייער. ווייל דאס איז אסימן צו אבילות אזוי ווי דאס איז קיילעבדיג אזוי אויך אבילות איז אקיילעבדיגע זאך וואס עס גייט ארום די וועלט. אויך זאלין דריי מענשין נישט צוזאמען עסין ביי דער סעודה כדי זיי זאלין נישט חייב זיין צו בענטשין בזימון. לבוש ומ"א סי' תקנ"ב:

א) אז ט"ב גיפאלט ביום א' זאל מען תיכף נאך דער תפלה ווען מען זעהט דאס לעכט מאכין די ברכה ברוך אתה יי אמ"ה בורא מאורי האש. און במוצאי תשעה באב פאר דער סעודה זאל מען מאכען הבדלה איבער דעם כוס און די ברכה פון המבדיל בין קודש לחול. אבער בשמים זאל מען נישט שמעקין (מהרי"ל). נשים וואס זיי ווייסען נישט צו מאכין הבדלה אין דער תפלה. טארין זיי קיין פייער מאכין ביז זיי זאלין זאגין בא"י אמ"ה המבדיל בין קודש לחול. של"ה: און דער רמ"א שרייבט אין סי' רצ"ט אז נשים זאלין זאגין המבדיל אן שם ומלכות:

אויף דער וועלט. און ווער וועט מסדר זיין צו דיר קדושה אין די בתי כנסיות. איז השי"ת צו די יודען מרוצה געווארין במדת הרחמים. דריבער האבין די חכמים מתקן געוועזן דאס מען זאל זאגין ואתה קדוש נאך מגלת איכה. פרדס:

(רמו) טעם. וואס מען זאגט נישט ובא לציון גואל. תשעה באב ביי דר נאכט. ווייל ביי נאכט איז קיין גאולה. טור:

(רמז) טעם. וואס דער אבל ר"ל מעג ביי נאכט און אויך ביי טאג גיין אין שוהל אריין זאגין קינות. ווייל דאס גאנצע פאלק זענין ווי אבלים דרום מעג ער מיט זיי זיצען. (לבוש) אויך קען דער אבל אין ט"ב עולה תורה זיין און אויך מפטיר זיין. שערי תשובה סי' תקנ"ד:

(רמח) טעם. וואס מען לייגט נישט קיין תפילין אין ט"ב. ווייל תפילין ווערין אהן גערופען פאר (שיינקייט) . מ"א סי' תקנ"ה:

(רמט) טעם: וואס דער חזן זאגט נישט ברכת כהנים אין דר תפלה פון שחרית. ווייל ט"ב איז אסור בשאילת שלום. ווי אזוי קען ער זאגין וישם לך שלום:

(רנ) עוד טעם. ווייל אז דער כהן איז איין אבל טאר ער נישט דיכענין. אין ט"ב זענין די כהנים אבלים אויף דעם חורבן. שו"ת פנים מאירות:

(רנא) טעם. אז עס איז א ברית אין ט"ב איז מען דאס קינד מל נאך דעם וואס מען איז גומר די קינות. ווייל די מילה באדארף צו זיין מיט שמחה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שש אנכי על אמרתיך. אבער נאך דעם גומר זיין די קינות האט מען שוין געזאגט די פסוקים פון נחמה אין שמחה א). לבוש סי' תקנ"ט:

(רנב) טעם. וואס מען זאגט נישט אל ארך אפים. אז ט"ב גיפאלט ביום ה' אויך זאגט מען נישט למנצח יענך. אויך אז ט"ב איז ביום א' זאגט מען נישט שבת צדקתך צדק. ווייל ט"ב וועט אהן גערופען מועד. ט"ז:

(רנג) טעם. וואס מען זאגט נישט ואני זאת בריתי. נאר נאך ובא לציון גואל כו' נאום ה'. הייבט מען אהן ואתה קדוש. כדי עס זאל נישט

א) אז עס איז א מילה אין ט"ב איז מען נוהג צו רופען דס קינד מנחם. אזוי אויך אז עס איז א מילה אין פורים גיט מען דעם קינד א נאמען מרדכי:

נישט אוים זעהן וויא ער איז מקיים ברית אויף דיא קינות. מהרי"ל:

(רנד) טעם. וואס נאך חצות בארארף מען שוין נישט זיצען אויף דער ערד. ווייל דאס זיצען ט"ב אויף דער ערד. ווערט נישט גידענקט אין דער גמרא. שר"ה:

(רנה) טעם. וואס מען זאגט נישט נחם בייא דער תפלה פון מעריב אין פון שחרית ביז מנחה. ווייל ביז מנחה איז גלייך וויא דם מת ליגט פאר איהם איז נישט ראוי דעמילט מנחם צו זיין. אבער ביי מנחה דעמילט איז גלייך וויא מען האט שוין דאס מת בעהאלטען. דרום זאגט מען צו מנחה נחם. המנהיג:

(רנו) עוד טעם. ווארין ט"ב צו מנחה איז גיבורין גיווארין משיח וואס ער וועט אהן גערופען מנחם א). זכור לאברהם:

טעם

א) דער זוהר שרייבט ווען איין קהילה אודער איין שיהל זאלין זיך מעורר זיין תשובה צו טוהן אזוי וואלט תיכף משיח געקימען.

דער אור החיים שרייבט אז דאס אורט פון זיין גבורין ווערין איז אין ארץ ישראל הקדושה. אויף דארט איז דאס אורט פון זיין גליסטען:

א) ובספר נתיב מצותיך להרב הצדיק הקדוש מוהר"ר יצחק אייזיק מקאמרנא זצוק"ל וועט גיברענגט אז הבעש"ט ז"ע האט גיזאגט אז דיא נשמה פון רבינו הקדוש אור החיים איז פון רוח דוד פון אצילות. אונ ער הערט איעדע נאכט תורה פון הקב"ה עס איז נושט מעגליך צו בעשרייבען דאס גרויסקייט פון זיין קדושה. ער איז גיוועזן אבעל רוח הקודש. אונ הבעש"ט איז גיוועזן נפש דוד פון אצילות. אזוי האט הבעש"ט ז"ע גיוואלט אז עס זאל ווערין צו זאמען גיקנופט דאס נפש מיט דעם רוח פון דוד. היינו זייא זאלין זיך צו זאמען קימען וועט זיין דוא גאולה אמיתית. האט הבעש"ט גיפרעגט דעם אור החיים הקדוש דארך גיסו הקדוש ר' גרשון מקיטוב צו ער זאל קימען קיין ירושלים ער זאל זיך מיט אוהם זעהן האט ער אוהם גיענפערט אז ער זאל נושט פאהרען ווארין עס וועט זיין בחנם דוא טרחה. אונ הבעש"ט האט דעם בריף נושט מקבל גיוועזין האט ער זיך מוסר נפש גיוועזן אונ איז גיפאהרין. מען האט אוהם אפילו פון דעם הימעל נושט גיהייסען פאהרין האט ער זיך פארט מוסר נפש גיוועזן אונ איז גיפאהרין אין ווינטער צייט. יום טוב של פסח איז ער גיוועזן אין סטאמבול אונ האט דארט גיטאן וואנדערליכע זאכען. דער נאך איז ער ווייטער גיפארין מיט דער שיף. האט מען אוהם גיזאגט פון דעם הימעל אז ער זאל זיך צוריק קערין האט הבעש"ט נושט גיוואלט. האט מען בייא אוהם צו גינומען אלע מדריגות אויף זיין תורה אונ תפלה, ער האט נישט גיקאנט זאגין אפילו דאס ווארט ברוך אין סידור. ווייל ער האט נושט פערשטאנין דיא אותיות. האט ער אויף דעם אלים נושט גיקיקט אונ האט גיזאגט ווען אפילו איך בין איין עם הארץ וויל איך אויך פאהרין צו הצדיק אור החיים הקדוש קיין ארץ ישראל. ביז דיא שיף איז צו ברוכען גיווארין אונ זיין

טאכטער

(רנז) **טעם.** וואָס מען איז נישט נוהג דיא מגילה פון איכה צו שרייבען אויף פּאַרמיט אזוי וויא מען שרייבט מגילת אסתר. דיא מגילה פון איכה ליינט אויך דער חזן פאר דעם עולם. ווייל מיר האָפין איעדין טאָג אז דער טאָג זאָל איבער גיקערט ווערין צו ששון אין שמחה אין צו יום טוב. דורך דעם וועגין די סופרים נישט נוהג צו שרייבען מגילת איכה. ווייל עס וועט הייסען אז מען גלייבט נישט אין דר גאולה ח״ו. לבוש:

(רנח) **טעם.** וואָס אין ט״ב האלט מען ביא זיך קנאַביל אויך ליינט מען קנאַביל בבית הקברות. ווייל קנאַביל מאַכט אַנטלויפען די חיצונים. דאָס גאַנצע יאָהר קען מען ניצול ווערין דורך תורה אין תפלה האָבין זייא נישט שליטה. אָבער ט״ב איז אסור בתלמוד תורה. ווייל עס שטייט פקודי ה׳ ישרים משמחי לב:

טעם

טאַכטער אָדיל הצדיקות איז אריין אונ ים אונ האָט שטאַרק אָן גיהויבען צו שרייען מיין ערבאַהרימדיגער פאָטער וויא ביזט דיא וואָס דוא זעהסט נישט אין מיין צרה. אונ פאַר גרויס צער וואָס ער האָט גיזעהן אז דוא צרה איז זייער גרויס. אונ עס האָט זיך פון אוהם אָפּ גיטוהן אַלע מדריגות אונ דוא גאַנצע קדושה. האָט ער גיזאָגט שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד. רבון העולמים אויך פאָהר צוריק אַהיים. איז תיכף צו אוהם גיקומען זיין רבי אחיה׳ השלני הנביא אזוי אוז ער אין איין רגע צוריק גיקומען קיין סטאַמביל אונ פון דאָרט אוז ער לביתו גיפאָרין:

אויך אין ספר דברי דוד וועט גיברענגט אסיפור בשם הרב הצדיק הקדוש מטשארקוב זצוק״ל אז אמאָהל האָט המגיד הקדוש ממעזריטש זי״ע זיך נתעצב געוועזין אז עס זאָל זיין דוא גאולה. האָט מען אוהם גיפרעגט מן השמים. ווער אוז דער וואָס אוז אזוי דוחק את השעה. אוז דען נושט דא אַגרעסערער פון אוהם. האָט המגיד הקדוש זצוק״ל גיענטפערט ווייל ער אוז אצדיק הדור אוז אויף אוהם מוטל אז ער זאָל זוך מתאמץ זיין בענין הגאולה. האָט מען אוהם גיפרעגט ווער וועט אוים ווייזין אז דוא ביסט אצדיק הדור. האָט המגיד זי״ע גיענטפערט מיין חבריא קדושה וועלין אויף מיר עדות זאָגין אז אויך בין אצדיק הדור. האָט מען אוהם גיזאָגט מן השמים ווען אזוי לאָזין דיין חבריא קדישא עדות זאָגין אז דוא ביסט אצדיק הדור. וועסטו זיין גירעכט מיט דיינע רייד. איז המגיד זצוק״ל גיקומען צו זיין חבריא קדישא אונ האָט זייא גיפרעגט אונ דער צייט ווען אלע זענון פאר אוהם גיזעסין. איז אמת אז אויך בין אצדיק הדור. איז פון אלע נושט גוועון איינער וואָס ער זאָל זאָגין אז עס איז אמת. אזוי האָט ער גיפרעגט דרייא מאָהל. אונ עס איז נושט גוועון איינער ער זאָל אוהם אויף דעם עפּיס ענטפערין. זעהט מען אפלא מהמעשה בעל דבר וואָס איז דעמילט גוועזין. דען אלע האָבין גוויסט אונ גיגלייבט אז ער איז אצדיק הדור. אונ עס איז נושט פון זייא גוועון איינער וואָס ער זאָל זאָגין אז עס איז אמת:

(רנט) **טעם.** וואס מען איז נישט מקדש די לבנה אין מוצאי שבת חזון.
ווייל די לבנה מקדש זיין איז גלייך וויא קבלת פני השכינה.
אין דיא שכינה איז מען נישט מקבל נאר מתוך שמחה אין דעמילט איז אסור בשמחה. מהרי"ל:

(רס) **טעם.** וואס מיר פאסטען אויף דעם חורבן וואס עס איז שוין לאנג אוועק דאס איז נאר כדי מיר זאלין געבין צו אונזער הארץ.
אז אונזערע מעשים זענין אויך אצונד אזוי וויא עס איז דעמילט גיוועזען זייערי מעשים. על כן פאסטען מיר אצונד כדי עס זאל אויף אונז נישט קומען וואס עס איז אויף זייא געקומען. יסוד התשובה בשם הרמב"ם:

(רסא) **טעם.** וואס דיא חכמים האבין גיזאגט אז עס איז נישט גיוועזען צו דיא יודען ימים טובים אזוי וויא **חמשה עשר באב.**
ווייל עס האבין דעמילט אויף גיהערט צו שטארבען דיא מתי מדבר. אזוי ווי דער ירושלמי זאגט אז יעדין ערב תשעה באב איז אקול ארויס גיגאנגען צו דער מחנה פון ישראל. צאו לחפור. צאו לחפור. (אז זייא זאלין גיין אויס גראבין זייערי קברים). האבין זייא אויס גיגראבין זייערי קברים אין האבין זיך דארט געלייגט שלאפין ביז אין דער פריה. אין דער פריה ווען זייא זענין אויף גישטאנין האט פון זייא גיפעהלט פינפצעהן טויזענד. אין דאס לעצטע יאהר האבין זייא זיך געפינען גאנץ עס הט פון זייא גאר נישט גיפעהלט. האבין זייא זיך געטראכט אפשר האבין מיר זיך טועה גיוועזען אין חשבון פון דעם קביעת החודש. זענין זייא צוריק געגאנגען אין דיא קברים אריין צעהן טאג אין אב. אין עליף טאג אין אב. אין צוועליף. אין דרייצין. אין פערצין טאג אין אב. וויא עס איז געווארען פינפצעהן טאג אין חודש אין זייא האבין געזעהן וויא דיא לבנה איז פול אין זייא האבין זיך געפינען גאנץ. האבין זייא גיזאגט עס איז שוין בטל געווארען אונזער גזירה אין האבין זיך גימאכט יום טוב. כל בו:

ענייני תענית

(רסב) **טעם.** וואס מען פאסט דיא פיער תעניתים. **שבעה עשר בתמוז. תשעה באב. צום גדליה. עשרה בטבת.**
דער טעם איז פון **שבעה עשר בתמוז.** ווייל עס האט זיך אין איהם געטראפען פינעף זאכען. עס זענין אין דעם טאג צובראכען געווארען דיא

לוחות. עס איז בטל געווארען דער תמיד וואס מען האט יעדין טאג מקריב געוועזן. עס איז אין דעם טאג די שטאדט ירושלים צווייא מאהל געשפאלטען געווארען א). אפוסטמוס האט פארברענט די תורה. דאס פינפטע איז מען האט געשטעלט א צלם אין בית המקדש:

(רסג) **טעם. וואס מען פאסט תשעה באב.** ווייל עס האט זיך אין איהם געטראפען פינעף זאכען. עס איז נגזר געווארען אויף די יודען אין דער מדבר אז זייא זאלען נישט גיין קיין ארץ ישראל. עס איז אין דעם טאג חרוב געווארען דם ערשטי בית המקדש אין דאס אנדרי בית המקדש. עס איז באצוואונגען געווארען אגרויסע שטאדט פון די יודען וואס איהר נאמען איז געוועזן ביתר. אין איהר איז געוועזן טויזענדער אין צעהן טויזענדער פון דיא יודען. אין דיא שטאדט איז געפאלען אין די הענד פון דיא גוים אין זענין אלע געהרגית געווארען. עס איז דערמילט געוועזן אצרה אזוי וויא ווען דאס בית המקדש איז חרוב געווארען. אויך אין דעם טאג האט טורנוסרופוס דער מלך פון אדום צו אקערט דאס ארט פון דעם היכל. אין וואס עס איז געוועזן ארום דעם היכל. עס איז מקוים געווארען אזוי ווי עס שטייט ציון שדה תחרש. ציון וועט ווי אפעלד געאקערט ווערין:

(רסד) **טעם. וואס מען פאסט צום גדליה.** ווייל ער איז אין דעם טאג נעהרגית געווארען. אין עס האט זיך אהן געהויבען דאס גלות:

(רסה) **טעם. וואס מען פאסט עשרה בטבת.** ווייל אין דעם טאג האט דער קעניג פון בבל בעלאגערט די שטאדט ירושלים אין הט זי גיברענגט אין ענגשאפט. אין זכריה זאגט דר פסוק. **כה אמר ה' צבאות.** אזוי האט געזאגט השי"ת דאס דיא פיער תעניתים וועלין זיין ביי ישראל צו **ששון אין שמחה אין צו ימים טובים:**

(רסו) **טעם.** וואס איחיד זאגט נישט עננו אין דער תפלה פון שחרית נאר דר חזן. ווייל טאמער וועט זיך איהם ח"ו טרעפין איין אונס אין ער וועט נישט קענין פאסטען וועט ער האבען געזאגט שקר אין

זיין

א) אין ספר תולדות אהרן וועט גיברענגט אז אי"ה ווען אליהו הנביא וועט קימען אונ וועט מבשר זיין אז משיח וועט קימען וועלין זיין דיא כ"א יום פון שבעה עשר בתמוז ביז ט"ב ימים טובים אונ מען וועט אי"ה אונ דיא אלע טעג זאגין הלל. אונ ט"ב וועט זיין א יום טוב גדול:

זיין תפלה. אבער דער חזן קען זאגין עננו אין דער תפלה פון שחרית. װארין עס איז נישט מעגליך אז איינער פון דעם צבור זאל נישט פאסטען. תוס' מס' שבת:

(רסז) טעם. װאס דער חזן זאגט עננו צווישען דיא ברכה פון גואל ישראל אין צווישען רפאנו. װייל עס שטייט אין פסוק ה' צורי וגואלי אין נאך דעם שטייט יענך כו'. אין דם װאס איחיד זאגט נישט דארט עננו. װארין איחיד קען נישט קובע זיין אבעזונדרי ברכה. ב"י:

(רסח) טעם. װאס איחיד זאגט נישט אוים ביי דער תפלה פון עננו ברוך אתה ה' העונה בעת צרה. װייל איחיד טאר נישט משנה זיין דיא ברכה פון שומע תפלה. לבוש סי' תקס"ה:

(רסט) טעם. װאס דיא חכמים האבין מכוין געװעזין אז אתענית זאל דוקא זיין אגאנצע טאג. װייל דאס בלוט פון דעם מענש איז דאס געװעכט פון אבצעהן דינרין. אין אז עס גייט פון דעם מענש ארוים בלוט דאס געװעכט פון אמטבע װאס הייסט איסור. פיהלט ער טעם מיתה. כהיום אז ער פאסט אגאנצע טאג װעט פון איהם געמינערט בלוט דעם שיעור פון איין איסור איז ער טועם טעם מיתה. טוהט דיא מיתה מכפר זיין זיינע עונות. אבער אז ער פאסט אין טאג װייניגער איין שעה אדער צווייא שעה װעט נישט זיין בלוט געמינערט דער שיעור פון אגאנצען איסור. איז ער נישט טועם דעם טעם פון מיתה דאס עס זאל פארגעבין זיינע עונות. חסד לאברהם:

ענייני ראש השנה

(ער) טעם. װאס מען הייבט אהן צו בלאזען שופר אין ר"ח אלול. װייל משה רבינו איז געגאנגען אין הימעל אים ר"ח אלול ער זאל מקבל זיין די אנדערי לוחות. הט מען געבלאזען שופר אין דר מחנה אין השי"ת איז דער הויבען געװארען מיט דעם קול פון שופר. דריבער האט מען מתקן געװעזן אז מען זאל יעדעם יאהר אין חודש אלול בלאזען שופר כדי צו װארינען דיא יודען צו טוהן תשובה (טור סי' תקפ"א):

(ערא) טעם. װאס מען שטייט אויף סליחות גאנץ פריה. װייל אין אזעלכער נאכט טוהט השי"ת שװעבין אין אכצעהן עולמות אין דיא לעצטי דרייא שעה שװעבט ער אויף דעם עולם. לבוש שם:

(ערב) טעם. אז ראש השנה געפאלט ביום ב׳ אדער ביום ג׳ הייבט מען אהן צו זאגן סליחות ביום א׳ מיט אוואך פריהר. ווייל מען איז נוהג צו פאסטן צעהן טאג מיט יום כפור. אין פון ר״ה ביז יו״כ פעהלט תמיד פיער טאג וואס מען קען נישט פאסטען אין זייא. דהיינו צווייא טעג פון ר״ה אין שבת שובה אין ערב יו״כ. דורך דעם באדארף מען משלים צו זיין פיער טאג פאר ר״ה. אז ראש השנה געפאלט אבער ביום ב׳ אדער ביום ג׳ וועט מען נישט קענין דיא פיער טאג פאסטען. אין כדי דער טאג זאל זיין געצייכנט צו דער התחלה הייבט מען אהן תמיד צו זאגן סליחות ביום א׳ א). (לבוש):

(רעג) טעם. וואס דער חזן זאגט סליחות אין אנגעלייגטן טלית. ווייל מען זאגט סליחות בייא דער נאכט. אין אטייל פוסקים זאגען אז מען באדארף בייא דער נאכט אויך אויף דעם טלית מאכען אברכה. דרום זאגט מען סליחות אין אטלית וואס דער טלית איז געלייגען. כדי מען זאל איבער דעם טלית נישט דארפן אברכה מאכען ב). ט״ז:

(רעד) טעם. וואס מען בענשט נישט דעם חודש תשרי. כדי דער שטן זאל נישט וויסען ווען עס איז ראש חודש: אויך איז מען נישט מזכיר ראש חודש אין דער תפלה. כדי דער שטן זאל נישט וויסען ווען עס איז ראש השנה. לבוש:

(ערה) טעם. וואס מען בלאזט נישט שופר אין ערב ר״ה כדי מען זאל מפסיק זיין צווישען דיא תקיעות וואס זייא זענין מדרבנן. וואס דיא חכמים האבין מתקן געוועזן. און צווישען די תקיעות וואס זיי זענין מן התורה. ט״ז:

(רעו) טעם. וואס דער מנהג איז אז ווען דער חזן זאגט דיא תפלה זאגט דאס קהל מיט דעם חזן וכתוב לחיים טובים כו׳. אויך בספר חיים. אין זייא זאגען נישט אזוי אויך ווען דער חזן זאגט זכרנו. ווייל עס געשיקט זיך נישט אז נאך דעם וואס ער האט געבעטין אדבר גדול

א) פון ר״ח אלול אז איינער שרייבט אבריף צו זיין חבר זאל ער שרייבען אז ער בעהט אויף אוהם אגיט יאהר. דהיינו. בשנה טובה תכתב ותחתם. אדער תולה ארץ על בלימה יטיב לך כתיבה וחתימה:

ב) אז מען זאגט אבער סליחות ווען עס איז שון טאג איז גלייכער צו נעמין זיין טלית און צו מאכין אברכה און זאגין סליחות און דער נאך מתפלל זיין. (שם). אויך ווען עס איז טאג קען מען אברכה מאכין אפילו דער טלית איז געלייגין. מטה אפרים:

גדול. ער האט שוין אין דער תפלה געבעטין וכתוב לחיים טובים. אין בספר חיים ברכה ושלום. ער זאל דער נאך בעטין אזאך וואס איז פיהל קלענער. ווארין ביא זכרנו זאגט מען נאר לחיים אליין. נאר צום סוף זאגט מען מיט דעם חזן וכתוב לחיים טובים אזוי אויך בספר וואס עס איז אויך פיהל גרעסער. בשם הרב הצדיק הקדוש מהר"ש מבעלז זצוק"ל:

(רעז) טעם. וואס מען זאגט אין קדיש צווייא מאהל לעילא אין עשרת ימי תשובה. ווייל אין דיא טעג איז השי"ת פיהל מעהר דערהויבען מיט דער תפלה פון אלע זיינע בשעפעניש. ווייל ער זיצט אויף דער כסא פון דין אין אלע בעדארפען איהם לויבען און צו בעטין רחמים אויף זייער דין א). לבוש סי' תקפ"ב:

(רעח) טעם. ווס מען זאגט אין עשי"ת נאך דר תפלה עושה השלום. אין אזוי אויך ביא דעם קדיש. ווייל עושה באטרעפט גלייך וויא (ספריא"ל) אזוי הייסט דער מלאך וואס איז געזעצט אויף דעם שרייבען. געדענקין מיר איהם. אז ער זאל אונז איין שרייבען לחיים טובים ולשלום. אין השלום באטרעפט אויך אזוי. מהרי"ל:

(רעט) טעם. וואס מען עסט דיא נאכט פון ר"ח עפיל. דאס איז ארמז צו שדי תפוחים וואס איז ידיעה על פי הקבלה. מען עסט ראש כבש אזכר צו דעם איל פון יצחק וואס אברהם האט איהם מקריב געוועזן. מען עסט מיהל־גרוים אין מזאגט יהי רצון כו' שנרבה זכיות כרימון. ט"ז:

(רפ) טעם. וואס מען עסט האר"ביזי אין ראש השנה. ווייל דאס וואקסט פון דעם כח דער לבנה וואס עס טוט בעוועגען דעם כח המים. אין עס איז מעורר חסדים און ממתיק די דינים. בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר פינחס מקאריץ זצוק"ל:

(רפא) טעם. וואס מען עסט נישט ניס אין ר"ה. ווייל אגוז בעטרעפט גלייך ווי חטא. א"ח:

טעם

א) מען איז נוהג צו גיין אויף קברים פון צדיקים אין ערב ר"ה אונ ערב יו"כ אונ מען גייט ארים דאס בית הקברות אונ מען זאגט דארט תחינות ובקשות אונ מען גיט דארט צדקה צו ארימע: אויך איז מען זיך משתטח אויף קברים פון מתים. כדי דוא מתים זאלין אויף אונז בעטין רחמים. אזוי וויא מיר געפינען אז ווען כלב איז געגאנגען מיט דוא מרגלים האט ער זיך משתטח געוועזין אויף דוא קברים פון דוא אבות. של"ה:

(רפב) **טעם.** וואס מען זאגט נישט הלל אין ר"ה. ווייל השי"ת זיצט אויף דער כסא פון דין און די ספרי חיים און ספרי מתים זענין פאר איהם אויף געמאכט קען מען דעמילט נישט זאגין שירה. טור:

(רפג) **טעם.** וואס מען זאגט **אבינו מלכנו.** ווייל מען האט אמאל גוזר תענית געוועזען און מען איז נישט געענפערט געווארין. איז ר' עקיבא געגאנגין פאר דעם עמוד און האט געזאגט אבינו מלכנו חטאנו לפניך. **אבינו מלכנו אין לנו מלך אלא אתה** איז ער תיכף געענפערט געווארין און עס איז געגאנגין רעגין. און ווי מען האט געזעהן אז מיט דער תפלה איז מען געענפערט געווארין. האט מען אויף דעם נאך מוסיף געוועזין תפלות און בקשות און מען האט עס קובע געוועזין צו זאגין אין עשי"ת. כלבו:

(רפד) **טעם.** וואס מען זאגט נישט אבינו מלכנו אז ר"ה געפאלט אין שבת. ווייל מען טאר נישט מתפלל זיין אויף זייגע בעדערפניש אין שבת. ר"ן פ' בתרא דר"ה:

(רפה) **טעם.** אז עס איז א **ברית מילה** אין ר"ה איז דער ברית נאך קריאת התורה און מען ווארט נישט מיט דעם ברית ביז מען גייט פון דער שוהל אזוי ווי שבת און יו"ט. ווייל אין ר"ה איז מען פיעל מאריך אין שוהל קען אוים קומען אז דער ברית מילה זאל זיין נאך חצות היום. און דער ברית בעדארף זיין פאר חצות. ווייל מען בעדארף זיך מקדים זיין צו א מצוה. אויך האט מען מסדר געוועזין אז דער ברית זאל זיין פאר תקיעת שופר. כדי מסמיך צו זיין ברית אברהם צו שופר וואס דער שופר איז אזכר צו דער עקידה פון יצחק. לבוש סי' תקפ"ד:

(רפו) **טעם.** וואס מען גייט ר"ה **תשליך** צו א וואסער. ווארין עס שטייט אין מדרש אז ווען אברהם אבינו ע"ה איז געגאנגין ברענגין זיין זוהן יצחק אויף דער עקידה. האט איהם דער שטן געפיהרט אין א וואסער ביז צו דעם האלז. האט אברהם אבינו מתפלל געוועזין צו השי"ת און איז ניצל געווארין: א)

טעם

א) אויך בעדארף צו זיין אונ דעם וואסער פיש כדי דער מענש זאל גידענקין אז זייא זענין גלייך צו פיש וואס זייא ווערין געהאפט אונ דער נעץ. אזוי ווערין אויך מענטשין געהאפט אונ דער נעץ פון דעם טויט. וועט ער דורך דעם תשובה טוהן. מהר"ם יפה:

דער מחצית השקל (סי' תקפ"ג) שרייבט אז מען בעדרף מבטל צו זיין דעם גימיינם מנהג וואס

מען

(רפו) **טעם.** וואס מען איז נוהג אפ צו שאקלין דעם עק פון די קליידער ביי דעם ווארט ותשליך. כדי עס זאל זיך פון אונז אפ שאקלין די קליפות וואס האלטען זיך אין אונז דורך אונזערע זינד. אזוי ווי מען איז זיך נוהג אפ צו שאקלין די קליידער ביי קידוש לבנה א"ר. אזוי ווי עס גיפינט זיך אין סעי' ק"מ:

(רפח) **טעם.** וואס מען בעדארף ביי דעם קידוש פון דער אנדערע נאכט ר"ה אנידער צו ליינין איין נייע פרי. כדי צו מאכען איין שהחיינו און נישט ביי איין אנדערין יו"ט. ווייל די ביידע טעג ר"ה זענין אזוי ווי איין לאנגער טאג דריבער לייגט מען ביי דעם קידוש אנייע פרי. ווארין צוויי מאל שהחיינו מאכט מען נישט אויף יו"ט אין איין טאג. נאר ווען ער האט נישט א נייע פרי קען ער אויך מאכין שהחיינו ווייל ווען דאס בית דין איז געוועזען האט מען אין ארץ ישראל אויך אמאל גימאכט ר"ה צוויי טעג: א) ט"ז

(רפט) **טעם.** וואס מען האט קובע גיוועזין די מענשין דן צו זיין אין חודש תשרי. ווארין די מדה פון השי"ת איז נישט אזוי ווי די מדה פון אמענש. די מדה פון אמענש איז ער זאל זיין ליבהאבער דן זיין אין דער צייט ווען ער איז גוט. און זיינע שונאים איז ער דן אין דער צייט ווען ער איז אין כעס. אבער השי"ת איז דן די גאנצע וועלט אין דער צייט פון רצון אין **חדש תשרי.** וואס אין דעם חודש איז דא ימים טובים און פיעל מצות. **שופר.** און **יום כפור.** ב) און **סוכה.** און **לולב** מיט פיער מינים

מען ווארפט אריין אין דעם וואסער ברויט אדער ברעקאליך דיא פיש זאלין עסין. ווארין עס איז אסור זייא עסין צו געבין ווייל מען איז נושט מחויב זייא צו געבין עסין איז אחשש טאמער וועט מען פון זייא חאפין:

מען איז נוהג נושט צו שלאפין אינ ר"ה. ווייל עס וועט גיברענגט אונ ירושלמי אז דער וואס שלאפט אין ר"ה פאר שלאפט ח"ו זיין מזל:

א) אויך נשים זאלין אהן טוהן אנייע קלייד פאר לעכט צינדין כדי צו מאכין שהחיינו. ווען זיא לייגט אבער אנייע פרי זאל זיא בענטשין לעכט נאהנט צו קידוש כדי זיא זאל תיכף עסין דיא פרי. מטה אפרים:

ב) דער יסוד התשובה שרייבט אז דיא תעניתים וואס אונזערי חכמים האבין מתקן גוועזען כדי מען זאל זיך דורך דעם בודק זיין זייגע מעשים נושט אזוי וויא עס איז דא נערנים וואס זייא מיינין אז דורך דעם פאסטין פין עשרת ימי תשובה וועט מען אוהם אין יוה"כ מוחל זיין אלע עבירות דאס זאל דיר נאר נושט אויף גיין אויף דיין דיעה:

ובספר

מינים. דרום ווערט דער חודש אן גירופען שביעי ווייל דער חודש איז זאט מיט מצות. אבודרהם:

(רצ) טעם. וואס מען זאגט נישט פרקים אין שבת תשובה. ווייל דער מנהג איז דעם שבת צו דרשינין אין די בתי כנסיות דורך דעם בעדארף מען נישט צו זאגין פרק. ווארין דער עיקר איז וואס מען האט מתקן גיוועון צו זאגין פרקים איז נאר כדי דאס פאלק זאל לערנען אין דברי מוסר. און בשבת תשובה זאגט מען אזוי אויך דברי מוסר. לבוש:

טעם

ובספר בית אהרן מהרב הצדיק הקדוש מקארלין זצוק"ל שטייט אזוי. תשובה אונ אונזער ערך טייטשין מיר סור מרע ע"י ועשה טוב. זאלסט אפ קערין פון שלעכטין דורך דעם וואס וועסט טוהן גוטין. משכו. איז טייטש אוועק ציהען אונ צו ציהען. אז מען ציהט ארוף אויף זיך קדושה וועט מען ממילא אוועק גיצויגין פון שלעכין. מיר טייטשין והנדחים בארץ מצרים. מען קאן נדה ווערין פון דער קדושה ח"ו אז מען איז זיך מיצר מיט תענית וסגופים. ממ"נ. גייט מען אויף דעם גלייכען וועג איז דאך תענית וסגופים אויך נוט גלייך. אלא מען גייט אויף דעם אמתין וועג איז דאך עסין אונ שלאפין אויך גיט. תשובה איז דער עיקר חרטה. אזוי האבין מיר מקבל גיוועזען פון אונזערע עלטערין פון גרויסע צדיקים ע"כ:

ובספר אור צדיקים וועט ניברענגט אסיפור נפלא פון איינים וואס איז גיוועזין אגרויסער רשע דיא גאנצע צייט. ער האט בייא זיך אליין געוויסט אז עס איז שווער אז זיין תשובה זאל ווערין אן־גינומען. איין מאהל האט ער גיפרעגט אויף אגילעכטער להחכם ר' משה דילאון ז"ל אויב ער קען האבין ארפואה אויף זיינע עבירות. האט ער צו אוהם גיזאגט אז ער קען נושט האבין ארפואה אונ אכפרה אויף זיינע עבירות. נאר באופן אז ער וועט אויף זיך מקבל זיין דעם דין פון מיתה האט דער רשע גיפרעגט באם אז ער וועט אויף זיך מקבל זיין מיתה וועט ער האבין אחלק אין גן עדן. האט החכם ר' משה דילאו"ן אוהם גיענפערט אז ער וועט האבין אחלק אונ ג"ע. האט ער צו אוהם גיזאגט שווער מיר צו. אז מיין אורט אונ ג"ע וועט זיין געבין דיר. האט החכם ר' משה צו אוהם גישווארין אז ער וועט זעהן אז ער זאל אוהם צו זיך מקרב זיין אונ ג"ע: אזוי איז ער אוהם תיכף נאך גיגאנגין אונ בית המדרש אריין אונ החכם ר' משה דילאו"ן האט גיהייסין ברענגין בלייא אונ מען האט עס צו לאזט אויף דעם פייער. אונ ער האט גינימען דעם מענטש אונ האט אוהם אנידער גיזעצט אויף אקליין בענקיל אונ האט גינימען אקליין טיכל אונ האט אוהם צו געבינדין דיא אויגען. אונ האט צו אוהם גיזאגט זייא מתודה צו גאט אויף דיינע זינד. אונ נעהם אויף דיר דעם עול מלכות שמים מיט דעם גאנצין הארץ אונ זאג שמע ישראל. אונ זייא מקבל אויף דיר מיתה דורך דיינע זינד וואס האסט אזוי פיהל יאהר מרגיז גיוועזין בעשעפער. האט דער בעל תשובה אזוי גיטאן וויא הרב האט אוהם גיהייסען. אונ האט זייער שטארק אונ ביטער גיוויינט. אונ ארים אוהם איז גישטאנין אגרויס פערזאמלונג פון זקנים אונ תלמידי חכמים. דער נאך

האט

(רצא) טעם. וואס עס איז א מצוה צו עסין אין ערב יום כפור. כדי ער זאל פיהלען אין דעם צער פון תענית. ווייל ער האט זיך אין די טעג געוויינט ער זאל פאסטען. וועט ער אין יום כפור נישט פיהלען דעם תענית. דרום האבען די חכמים גיזאגט אז מען עסט אין עיו"כ איז גליך ווי ער האט גיפאסט דעם ניינטען טאג און דעם צעהנטען טאג. מהרי"ט:

(רצב) טעם. וואס דער מנהג איז אז דער גבאי טיילט אין ערב יו"כ זיסע זאכען מיט יי"ש. ווייל אפשר איז נגזר געווארען אז מען זאל ח"ו א הנאה האבין פון צדקה זאל מען עס מיט דעם מקיים זיין. ד"ח:

(רצג) טעם. וואס מען עסט אין עיו"כ קרעפליך געפיהלט מיט פלייש. ווארין פלייש איז מרמז אויף דין איז עס צו גידעקט. אין טייג איז מרמז אויף רחמים איז עס פון אויבען. באהעפט מען צוזאמען חסד מיט גבורה ווערין די גבורות אוועק גערוקט. ווייל די אכילה איז איין הכנה צו דעם תענית פון יו"כ. זרע קודש:

(רצד) טעם. וואס מען שלאגט זיך מיט דער האנד אויף דעם הארץ ווען מען זאגט דיא וידוי פון אשמנו. ווייל מיט דיא הענד פון דעם מענש ווערט געחתמית וואס ער האט געטוהן אזוי זענין די הענד עדות אויף אלע מעשים פון דעם מענש אין עס שטייט אז איינער איז חייב מיתה

האט הרב ר' משה דילאו"ן צו אוהם גיזאגט עפען אויף דיין מויל וועל איך אריין גיסען דעם צו לאזטען ציהן וועסטו שטארבין אויף קידוש הש"ית. האט דער בעל תשובה תיכף שטארק אויף גיעפענט זיין מויל אונ האט זיך אריינטער גיבויגען. אונ פוהל מענטשין זענין גישטאנין ארים אוהם. האט הרב ע"ה גינימען אלעפעל פול מיט האניג אונ האט אריין גילאזט אונ זיין מויל אריין אונ האט גיזאגט וסר עונך וחטאתך תכופר. (עס וועט ווערין אפ גיטאן דיין זינד אונ וועט ווערין פערגעבן) האט תיכף דער בעל תשובה אן גיהויבין צו שרייען מיט א ביטער קול. רבי למען השם. וואס האט איהר מיר גיטאן. הרגית מיך ליבער אונ איך זאל נישט זעהן אונ מיין שלעכטען אז מיין נשמה וועט ווערין פערלוירין. וואס טויג מיר שוין מעהר מיין לעבין אז איך האב אזוי פיהל עבירות גיטאן. האט צו אוהם הרב גיזאגט פארכט דיך נישט אונ שרעק דיך נושט. ווארין הש"ית האט אן גינומען דיינע מעשים:

פון דער צייט אהן איז דער בעל תשובה תמיד גיזעסין אונ בית המדרש אונ האט תמיד גיפאסט אונ הט גיטאן גרויס תשובה. אונ איז תמיד גיזעסין אונ גילערינט. אונ אצייט ארים איז הרב ר' משה דילאו"ן נפטר גיווארין. האט ער זייער ביטער גיוויינט פאר הש"ית אז ער זאל אוהם אויך צו נעמין ווייל ער האט נושט איין רבין ער זאל אוהם מדריך זיין. אונ האט אזוי פוהל גיבעטען ביז הש"ית האט אוהם צו גיהערט אונ איז קראנק

גיווארין

מיתה יד העדים תהיה בו בראשונה. (דיא הענד פון דיא עדות זאלען אין איהם צו ערשט זיין). דריבער שלאגט מען מיט דער האנד אויף דעם הארץ ווען מען זאגט די וידוי. אגרת הטיול:

(רצה) עוד טעם. וואס מען שלאגט זיך אויף דער ברוסט אדער אויף דעם הארץ. עס איז גלייך וויא מען זאגט דיא האסט גורם געוועזן אז איך זאל זינדיגען. מטה אפרים:

(רצו) טעם. וואס מען טוהט אהן אין יום כפור ווייסע ריינע קליידער. ווייל דיא ישראל זענין גלייך צו דיא מלאכים. אויך איז מען נוהג אהן צו טאן דעם קיטל. ווייל דאס איז אבגעד פון מתים וועט דורך דעם זיין הארץ זיין אונטערטעהניג אין צו ברויכען ער זאל טוהן תשובה שלימה. לבוש:

(רצז) טעם. וואס מען שפרייט אינטער אין יו"כ היי אויף דער בריק אין שיהל. ווייל אין דעם טאג פאלט מען כורעים אויף דער ערד שפרייט מען אינטער היי עס זאל זיין אהפסק צווישען איהם אין צווישען דיא ערד. ווען אפילו עס איז דארט נישט דא געהויטע שטיינער הט מען גוזר געוועזן דורך געהויטע שטיינער וואס עס איז אסור מן התורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואבן משכית לא תתנו בארצכם להשתחוות עליה

געווארין. וויא עס איז געקומען נאהנט צו זיין פטורה. האט ער אן געהויבען צו שרייען. פנו מקום. פנו מקום. צו מיין רבין ר' משה דילאו"ן ער איז אצינד נאך מיר געקומען מקיים צו זיין זיין שבועה ער זאל מיך פירען אונ גן עדן. אונ איז תיכף נפטר געווארין אונ נאך זיין פטורה האבין אוהם פוהל זקנים געזעהן אין חלום וויא ער זיצט אין ג"ע געהבין זיין רבין אונ לערנין צו זאמען תורה:

אויך אזוי אמעשה וועט געברענגט אונ ספר שלשלת הקבלה אז צום רמב"ן איז געוועזן אתלמיד מיט זיין נאמין ר' אבנר. איז איבער אוהם געגאנגין ארוח שטות אונ האט זיך כופר געוועזן. אונ זיין מזל האט גורם געוועזן אז ער איז געווארין אגרויסער שר. לימים האט ער אונ יום כיפור געשיקט צום רמב"ן וואס ער איז געוועזן זיין רבי אז ער זאל צו אוהם תיכף קומען. אונ האט פאר אוהם געהרגית אחזיר אונ האט אוהם צו שניטען אויף שטיקער אונ האט אוהם געקאכט אונ געגעסין. נאך זיין עסין האט ער געפרעגט צו זיין רבי אויף וויפיל כריתות ער האט עובר געוועזן. האט דער רמב"ן צו אוהם געזאגט דאס ער האט עובר געוועזן אויף פיהר כריתות. אונ דער שר האט געזאגט דאס ער האט עובר געוועזן אויף פינף כריתות. אונ האט געוואלט אוים ווייזען דעם רמב"ן אז עס איז אזוי וויא ער זאגט. האט דער רמב"ן אויף אוהם זיינע אויגין געגעבין מיט כעס. איז ער שטיל געבליבען. ווייל עס איז אוהם נאך איבער געבליבען אביסעל פארכט פאר זיין רבי.

אחר

עליה. (אין געהויטען שטיין זאלט איהר נישט געבין אין אייער לאנד איהר זאלט אייך צו דעם שטיין ביקען). רמ״א:

(רצח) טעם. וואס מען הט מתקן גיוועזען צו זאגען כל נדרי אין יו״כ נישט אין ראש השנה. ווייל אין יו״כ איז דאס פאלק בטל פון די מלאכה אפילו אהן צו גרייטן עסין־וואהרג איז דא אגרויס פערזאמלונג אין עס איז אויך נאהנט צו ראש השנה. ספר התניא:

(רצט) טעם. ווס מען הייבט אהן צו זאגען כל נדרי ווען עס איז נאך גרויס טאג. ווייל מען איז נישט מתיר נדרים בשבת וי״ט. מ״א סי׳ תרי״ט:

(ש) טעם. וואס מען זאגט כל נדרי אין לשון ארמי. (תרגום לשון). ווייל מען האט דאס מתקן גיוועזען אין בבל וואס זייער עיקר לשון איז גיוועזען לשון ארמי. האט מען עס דריבער מתקן גיוועזען בלשון ארמי כדי יעדער זאל עס פארשטיין. לבוש שם:

(שא) טעם. וואס מען זאגט כל נדרי דריי״א מאהל. ווייל דאס לשון פון חכמים איז אזוי אז מען איז מתיר נדר זאגט מען דריי מאהל מותר לך. מטה משה סי׳ תתס״ד:

(שב) טעם. וואס מען זאגט דיא נאכט פון יו״כ אויך אין דער פריה ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. מיט אהויך

קול
אחר כן האט אוהם דער רמב״ן גיפרעגט וועליכע זאך עס האט אוהם גיברענגט דאס ער זאל כופר זיין. האט ער גיענפערט דאס איין מאהל האט ער אוהם גיהערט דרשינין אונ פרשת האזינו אז אין דער פרשה גיפינען זיך אללע מצות אונ אלע זאכין וואס געפינין זיך אויף דער וועלט. אונ ווייל ער איז אונ דעם נושט מאמין האט אוהם דאס גיברענגט צו דער כפירה. האט דער רמב״ן צו אוהם גיזאגט דאס וואס איך האב גיזאגט איז אמת. אסימן אז דאס איז אמת פרעג וואס דוא ווילסט. האט זיך דער שר זייער פאר ווינדערט אונ האט צו אוהם גיזאגט ווען עס איז אזוי וויל איך זעהן צו מיין נאמין געפינט זיך דארט. **ויאמר** הרמב״ן. האט דער רמב״ן צו אוהם גיזאגט דיא האסט רעכט דוא קענסט עס פון מיר פערלאנגין. אונ האט תיכף מתפלל גיוועזען. איז אוהם איינגיפאלין דעם פסוק אמ״רתי אפ״איהם אש״ביתה מא״נוש זכ״רם. דאס דריטע אות פון יעדין ווארט געפינט זיך דער נאמין פון דעם מענש וואס זיין נאמין איז גיוועזען ר׳ אבנר. וויא דער שר האט דאס גיהערט איז ער זייער דער שראקין גיווארין. ווייל דאס פי׳ פון דעם פסוק איז. אז זיין זכר וועט פאר שטערט ווערין פון צווישען מענטשין. האט ער גיפרעגט צו זיין רבי אויב ער קען תשובה טוהן. האט דער רמב״ן צו אוהם גיזאגט דוא האסט דאך גיהערט דיא רייד פון דעם פסוק. איז דער רמב״ן פון אוהם אוועק גיגאנגין. אונ דער שר האט גענומען אקליין שיפעל אן אקאפיטאן אונ איז אוועק אונ מען האט נושט געוויסט וויא ער איז געלם גיווארין:

קול. ווייל אנאנך יאהר זאגט מען עס שטיל ווייל משה הט דם צו גענומען ביי דיא מלאכים. אבער אין יו״כ ווענין דיא יודען אויך גלייך צו דיא מלאכים. טור:

(שג) טעם. וואס מען זאגט אין יו״כ ביי דער קדושה פון אלע תפלות **ממקומו הוא יפן ברחמים.** ווייל השי״ת איז דן דעם גאנצען טאג. מ״א:

(דש) טעם. וואס מען זאגט נישט אין יום כיפור **ואני תפלתי.** ווייל מען פאסט. טור סי׳ תרכ״ב. ועה אין סעי׳ קכ״ג:

(שה) טעם. ווס די תפלה ווערט אהן גערופען מיט דעם נאמען **נעילה.** וואריין דעמילט פארשליסען זיך די צדיקי הדור מיט השי״ת אליין אין אבעזונדער היכל אין זייא קאנען נישט דארט אריין קיין שום מקטרג. בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר **צבי הכהן מרימנאב** זצוק״ל:

(שו) טעם. ווס מען זאגט זיבען מאהל. **ה׳ הוא האלהים.** כדי מלוה צו זיין דיא שכינה וואס ווערט דערהויבען אויף צו גיין איבער דיא זיבען הימלען. באר היטב:

(שז) טעם. וואס מען בלאזט א תקיעה נאך נעילה. צו א סימן אז דיא שכינה האט זיך אפ געטוהן ארויף צו גיין. אזוי ווי עס שטייט **עלה אלהים בתרועה.** ט״ז:

(שח) עוד טעם. כדי מודיע צו זיין אז עס איז שוין נאכט קען מען שוין דיא קינדער וואס האבען געפאסט געבין צו עסען. אויך אהן צו גרייטען דיא סעודה פון מוצאי יוה״כ. וואריין עס איז אזוי וויא יום טוב. (תוס׳ שבת) דורך דעם זאגט מען אין מוצאי יו״כ גיט יום טוב איינער צו דעם אנדערין א). מטה משה:

(שט) טעם. וואס מען איז מקדש דיא לבנה אין מוצאי יו״כ. ווייל מען איז דעמילט מיט שמחה. רמ״א:

(שי) טעם. וואס מען מאכט נישט אין מוצאי יו״כ בורא מאורי האש נאר אויף אזוי אלעכט וואס עס האט אגאנצע טאג געברענט נישט אויף אלעכט וואס עס ווערט ערשט אהן געצונדען. ווייל דער טעם

איז

א) אין ספר יוסף אומץ שטייט אויך דאס א״מ החסיד ז״ל האט במוצאי יו״כ גיזאגט צו דיא שכנים אונ ווער עס האט אוהם בגעגינט אויף דעם וועג אויך אונ דער היים גיט יום טוב:

איז וואס מען מאכט מוצאי יו"כ אברכה איבער דער לעכט. ווייל מען הט פון דעם לעכט נישט גיטארט דעם טאג הנאה האבין. אין אצונד איז איהם מותר געווארען. דרום מוז מען האבען מוצאי יו"כ אנר ששבת. ווס עס הט אגאנצע טאג גיברענט. אדער מען הט עס אהן געצונדען בהיתר דהיינו ווענין א יולדת אדער ווענין אחולה. אבער אזוי אלעכט וואס וועט אויס געצוגין פון האלץ אדער פון שטיינער גייט נישט אהן דער טעם א). אבער אין מוצאי שבת קען מען אויף יעדען לעכט אברכה מאכען ווייל דר טעם איז וואס מען מאכט אברכה אין מו"ש אויף דער לעכט. ווייל דיא לעכט איז ערשט אין מו"ש בעשאפען געווארען אזוי ווי מיר געפונען אין ירושלמי אז אין מו"ש ווען עס איז געווארען פינצטער האט השי"ת אהן גערייט צוויי שטיינער צו אדם הראשון אין ער האט זיי צוזאמען געשלאגען ביז עס איז פון זיי ארויס גיגאנגין פייער אין הט גימאכט אברכה בורא מאורי האש ב):

(שיא) טעם. וואס מען מאכט נישט אברכה אויף בשמים במוצאי יו"כ. ווייל אין יו"כ איז נישט דא אנשמה יתירה דורך דעם תענית. אז יו"כ געפאלט אבער אין שבת קען מען אברכה מאכען איבער בשמים. אין עס הייסט נישט אברכה לבטלה. ווייל ער הט הנאה פון דעם ריח. ט"ז:

(שיב) טעם. וואס מען רופט אהן דעם טאג וואס איז נאך יו"כ צו גאטס נאמען. ווייל אין אלע טעג פון עשרת ימי תשובה האט מען

גיזאגט

א) אויך אזוי אלעכט וואס עס האט גיברענט אונ שיהל זאל מען אויך קיין ברכה מאכען. ווייל דאס לעכט איז אן גיצינדען געווארין לכבוד היום נושט צו לייכטען. דורך דעם איז גלייך מען זאל אן צינדען אלעכט פון אזוי אלעכט וואס עס האט גיברענט אונ שיהל אונ מען זאל איבער ביידע לעכט מאכען הבדלה. ווען מען האט נישט אזוי אלעכט ווס עס הט גיברענט אונ שיהל אגאנצו טאג זאל מען אן צינדען אלעכט אונ פון דעם לעכט זאל מען נאך איין לעכט אן צינדען דאס הייסט אויך אור ששבת. אין מען זאל אויף זייא אברכה מאכין בורא מאורי האש. מטה אפרים:

אין הגהות מנהגים שטייט אז מען פערלעשט דאס לעכט פון דער שיהל אין מען צינד עס צוריק אן קען מען אויך איבר דעם אברכה מאכין:

ב) דרום מאכט מען אין מו"ש: אברכה אפילו אויף אזוי אלעכט וואס עס איז אויס געצוגין פון האלץ אדער פון שטיינער ווייל עס איז אזוי גלייך וויא עס איז אצינד בעשאפען גיווארין. אבער אין יו"כ וואס מען קען נישט זאגין דעם טעם. מאכט מען נישט הבדלה גאר אויף אזוי אלעכט וואס עס האט אגאנצע טאג גיברענט. כל בו:

גיזאגט אין דער שמונה עשרה המלך הקדוש המלך המשפט אין אצונד זאגט מען צוריק האל הקדוש. א) גאולת ישראל:

ענייני סוכה

(שיג) טעם. וואס מען מאכט אברכה אויף דער סוכה די גאנצע זיבען טאג. און איבער מצה מאכט מען נישט אברכה אלע זיבען טאג. וייל מצה איז קיין מצוה צו עסין נאר די ערשטי נאכט פון פסח אבער סוכה אלע זיבען טאג ווען ער זיצט אין סוכה איז אמצוה. מ״א:

(שיד) טעם. וואס מען מאכט אברכה לישב בסוכה נאך דעם קידוש. אדער אין חול המועד נאך דער ברכה פון דער מוציא. פאר וואס מאכט מען נישט די ברכה פאר דעם אריין גיין אין דר סוכה. אזוי וויא ביא איעדער מצוה מאכט מען פריער די ברכה פר דעם טוהן די מצוה. נאר וייל די מצוה פון דער סוכה איז דאס עסין אין ווען ער איז עוסק אין דער סוכה. דרום אפילו ער מאכט די ברכה לישב בסוכה נאך דעם וואס ער זיצט אין דער סוכה הייסט עס אויך עובר לעשייתן. פאר דעם טוהן די מצוה ב). וייל די מצוה ציהט זיך די גאנצע צייט פון דעם עסין אין אויך די גאנצע צייט וואס ער פארזוימט זיך אין דער סוכה. אבודרהם:

(שטו) טעם. וואס נשים זענין פטור פון אמצות עשה וואס דער זמן איז גורם. דהיינו. סוכה. לולב. וייל זייא זענין אין רשות פון זייער מאן קען זיין אז אין דער צייט וואס זייא וועלין טוהן די מצוה וועט איהר מאן בעדארפען אז זיא זאל פאר איהם אמלאכה טוהן. דרום האט

א) דעם טאג נאך יום כיפור זאל מען אויך פריה אויף שטיין כדי דער שטן זאל נישט מקטרג זיין אין זאגין אז תיכף וויא מען האט נאר זייא מוהל געוועזין די עבירות שטייען זייא נישט מער פריה אויף. מהצית השקל:

ב) ווען מען עסט אין סוכה לעקעך אודער קיכל. ווען ער וויל זיך דארט אביסל פערזוימען זאל ער מאכען אברכה לישב בסוכה. אבער ווען ער גייט תיכף ארויס פון דער סוכה זאל ער קיין ברכה מאכין. נאר ווען מען מאכט קידוש אין מען עסט דער ביא לעקעך אדער איין אנדערי זאך וואס מען מאכט מזונות אין מען גייט ארויס פון דער סוכה אין מען פערזוימט זיך לאנג ביז צו דער סעודה זאל מען מאכין אברכה לישב בסוכה נאר עס זאל זיין אין דעם אשיעור מעהר וויא איין איי גרויס. אין ווען מען עסט פירות אפילו מען פערזוימט זיך דער ביא אין סוכה זאל מען איבער דער סוכה קיין ברכה מאכין. שערי תשובה:

האט די תורה נשים גיפטרת פון אמצות עשה וואס דער זמן איז גורם. מיר געפונען נאך מעהר אז דר שם הגדול וואס איז געשריבען מיט קדושה איז ווארין אפ גימעקט אויף דעם וואסער ווען מען האט גיגעבין דר סוטה צו טרינקען. כדי שלום צו מאכען צווישען מאן אין ווייב. אבודרהם:

ענייני לולב

(שטז) טעם. וואס מען נעמט דוקא די פיער מינים. דהיינו. לולב. אתרוג. הדס. וערבה. איין אתרוג נעמט מען ווייל עס איז גלייך צו דעם הארץ. עס זאל מכפר זיין אויף אזעלכע זאכען וואס מען איז מהרהר מיט דעם לב. אהדס נעמט מען. ווייל עס איז גלייך צו די אויגען. עס זאל מכפר זיין אויף אזעלכע זאכען וואס מען האט פוגם גיוועזן מיט די אויגען. איין ערבה נעמט מען. וואס עס איז גלייך צו די ליפען. עס זאל מכפר זיין אויף אזעלכע זאכען וואס מען הט גירעדט מיט די ליפען: אלולב נעמט מען. ווייל אזוי וויא אלולב האט נאר איין הארץ. אזוי אויך האבען יודען נאר איין הארץ צו השי"ת. אגדה:

(שיז) טעם. וואס מען בינד דעם לולב נאר מיט זיין מין. (ער וועט ארום געבונדען מיט לולב). ווייל אז מען וועט איהם ארום בינדען מיט איין אנדער מין וועט הייסען פינעף מינים. אין מען באדארף נאר צו נעהמען פיער מינים. מס' סוכה:

(שיח) טעם. וואס מען נעמט דעם לולב. הדס. און ערבה אין דער רעכטע האנד. און דעם אתרוג אין דער לינקע האנד. ווייל דם איז דריי מצות אין אתרוג איז נאר איין מצוה. שם:

(שיט) טעם. וואס מען מאכט אברכה על נטילת לולב. נישט על נטילת אתרוג. ווייל דער לולב איז העכער פון אלע מינים. אויך אלע מינים וואס זענין אין לולב ווערין אלע אהן גערופען אין נאמען פון לולב. שם:

(שכ) טעם. וואס מען איז מנענע מיט דעם לולב. צו מאכען וויסען אז מיר האבען מנצח גיוועזען אלע מקטריגים. אזוי וויא דער סדר איז פון די מלכים אז זיי געווינען די מלחמה אין בעזיגען די שטעדט. נעהמען זייא די שפיז וואס הענגט אויף איהר דער צייכען פון מלכות אין גייען אויף דעם שפיץ פון דעם טארעם אין ברענגין די שפיז צו יעדער

זייט

צַייט. צוּ מַאכֶען ווִיסֶען אַז דֶער מֶלֶךְ הָאט דִיא מִלְחָמָה מְנַצֵחַ גִיוֶועזֶען.
אבודרהם:

(שכא) **טעם.** וָואס מֶען אִיז מְנַעֲנֵעַ מִיט דֶעם לוּלָב נָאר בַּיי **אנא ה׳ הושיעה נא.** אוּן נִישְׁט בַּייא אָנָּא ה׳ הַצְלִיחָה נָא. וַוייל דָאס מְנַעֲנֵעַ זַיין מִיט דֶעם לוּלָב אִיז. כְּדֵי מֶען זָאל אֵיין הַאלְטֶען שְׁלֶעכְטֶע ווִינְטֶען. אוּן שְׁלֶעכְטֶע רֶעגֶענְס. גֵייט דָאס נָאר אָן בַּייא אָנָּא ה׳ הוֹשִׁיעָה נָא. כְּלוֹמַר הֶעלְף אוּנְז פוּן דִי שָׁאדִינְס. אָבֶער בַּיי אָנָּא ה׳ הַצְלִיחָה נָא קֶען מֶען נִישְׁט זָאגִין דֶעם טַעַם. א) שם:

(שכב) **עוד טעם.** וַוייל **אנא ה׳ הושיעה נא.** אוּן אָנָּא ה׳ הַצְלִיחָה נָא זֶענִין אִין אֵיין פָּסוּק אוּן בַּייא אֵיין פָּסוּק אִיז מֶען נִישְׁט צְווייא מָאהְל מְנַעֲנֵעַ. שם:

(שכג) **טעם.** וָואס פִיעֶל מְקוֹמוֹת זֶענִין נוֹהֵג דָאס צִבּוּר אוּיךְ דֶער חַזָן צוּ בֶּענְשִׁין אֶתְרוֹג פַאר הַלֵל. וַוייל דִי צַייט פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אִיז פַאר דִי זוּן אוּיף גֵיין. אוּן דִי צַייט פוּן דֶעם לוּלָב אִיז נָאךְ דִי זוּן אוּיף גֵיין דְרִיבֶּער בֶּעדַארְף מֶען צוּ עֶרְשְׁט לֵיינֶען ק״ש אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אוּן דֶער נָאךְ צוּ נֶעהְמֶען דֶעם לוּלָב. וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן תְּפִלָה. אָבֶער אַז דָאס צִבּוּר זֶענִין מִתְפַּלֵל נָאךְ דֶער זוּן אוּיף גֵיין זָאל מֶען פְרִיעֶר בֶּענְטְשִׁין אֶתְרוֹג וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דֶער זְמַן פוּן אֶתְרוֹג בֶּענְטְשִׁין אִין צוּ זַיין פוּן דִיא מַקְדִימִין. אוּן דֶער נָאךְ מִתְפַּלֵל זַיין.
סדר היום:

(שכד) **טעם.** וָואס דֶער מִנְהָג אִיז יֶעדֶען טָאג סוּכּוֹת אַרוּם צוּ גֵיין דָאס בְּלֶעמִיר אִין מֶען נֶעמְט אוּיס אַסֵפֶר תּוֹרָה אוּיף דֶעם שֻׁלְחָן. דָאס אִיז וֶוענִין שִׂמְחָה. לבוש:

(שכה) **טעם.** וָואס הוֹשַׁעְנָא רַבָּה גֵייט מֶען אַרוּם זִיבֶּען מָאהְל. אַזֶבֶר צוּם מִקְדָשׁ וָואס מֶען הָאט אַרוּם גֶערִינְגֶעלְט דָאס מִזְבֵּחַ מִיט דֶעם לוּלָב וַעֲרָבָה זִיבֶּען מָאהְל דוּרְךְ שִׂמְחַת הַחַג. ב) שם:

טעם

א) וּבְעִנְיַן הַנַעֲנוּעִין אִיז מֶען נוֹהֵג צוּ עֶרְשְׁט. דָרוֹם. צָפוֹן. מִזְרָח. מַעְלָה. מַטָה. מַעֲרָב. הָאריז״ל. אִין אַטֵייל זֶענִין נוֹהֵג צוּ עֶרְשְׁט. מִזְרָח. דָרוֹם. מַעֲרָב. צָפוֹן. מַעְלָה. מַטָה:

ב) בספר קרבן עני וֶועט גִיבְּרֶענְגְט דָאס עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן אֵיין אִישׁ נֶאֱמָן אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט מִפִּי הָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ מקאזניץ זצוק״ל אַז בְּשַׁעַת עֶר הָאט

גיזאגט

(שכו) טעם. וואס מען האלט אספר תורה אויף דעם בלעמיר ווען מען גייט ארום מיט הקפות. ווייל די ספר תורה איז אויף אונז מכפר אזוי ווי דאס מזבח. פ"מ:

(שכז) טעם. וואס דער מנהג איז נאך דעם וואס מען איז גומר די מצוה פון דעם לולב און הלל מיט הושענות און הקפות לייגט מען דעם לולב פון דער האנד אין מען זאגט מיט אהויך קול **למען דעת כל עמי הארץ כי ה' הוא האלקים אין עוד.** דער טעם איז ווארין מען זאל וועלין פארשטיין פאר וואס זאל מען נישט מעגין אהן טוהן כבוד צו דער זון אדער צו דער לבנה און דיא שטערין און אויך זייא צו דינען. אמעהר דאס איז אויך אכבוד פאר דעם מלך אז מען טוהט אהן כבוד צו זיינע עלצטי אין צו זיינע קנעכט. נאר דער אמת איז אזוי. ווען מעג מען אהן טוהן כבוד צו דיא שרים פון דעם מלך. נאר אז זייא זענין בייא זיך אין דער היים. אבער אויף אזא ארט וויא דער מלך איז נישט דא. אבער אז איינער דינט דיא שרים פון דעם מלך אין פאלעץ פון דעם מלך פאר דעם קייזערס אויגען. איז ער חייב מיתה. אזוי וויא אוריה החתי ווייל ער הט געזאגט פאר דוד המלך. ואדוני יואב. (מיין הער יואב). האט ער שוין מיט דעם פערשולדיגט. אזוי אויך איז אסור צו דינען דיא הערשאפט פון דעם הימעל. ווייל השי"ת איז פול די גאנצע וועלט. עס איז נישט דא איין ארט עס זאל זיין ליידיג פון איהם. אין אזוי באלד מען וועט אהן טוהן כבוד אין דינען צו אזאך חוץ השי"ת. הייסט דאס גלייך מען איז ח"ו כופר אין השי"ת. און וואס מיר זענין מכבד די מצות אין מיר בעליבען זיי. אמעהר דם איז דאך אויך פאר השי"ת אין זיין היכל. נאר ווייל מיר זענין אויף דעם געבאטען געווארין פון השי"ת טוהן מיר דעם רצון פון השי"ת. דורך דעם איז דער מנהג אז נאך דעם וואס מיר פרייען זיך אין מיר טוהן אהן כבוד צו דיא פיער מינים פון דעם לולב וואס השי"ת האט צו אונז גיגעבין אין טאג פון אונזער שמחה. זאל דער מענש נישט מיינען אז מען מעג ח"ו דינען אזאך חוץ השי"ת. חלילה. דער מענש זאל אזוי נישט טראכטען, נאר
וואס

גיזאגט דעם פייט אום אני חומה אין איז געקימען צו דעםווארט סובבת סבלך. האט ער גיזאגט רבונו של עולם דיא ווייסט גאנץ גיט דאס איך וייס איין יחוד אז באם איך זאל וועלין וואלט געמיזט משיח קימען. נאר סובלת סבלך. אז דיא ביסט סובל מיז איך אויך סובל זיין:

וואס מיר טוהן אהן כבוד דיא מצות. ווייל דער רצון פון השי"ת איז אהן געקלייד אין דער מצוה. און השי"ת אליין האט אונז אויף דעם געבאטען. דורך דעם ביי דעם גמר פון דר מצוה רופען מיר אוים אין זאגען. המען דעת כל עמי הארץ כי ה' הוא האלקים אין עוד. אז אלע פעלקער זאלען וויסען אז עס איז נאר דא איין גאט אויף דער וועלט. בני יששכר:

(שכח) טעם. וואס די תורה האט מקפיד גיוועזען אויף דעם אתרוג עס זאל זיין אשיינע פרי מעהר וויא אויף אלע מינים. ווייל דר אתרוג איז גלייך צו דעם הארץ. אין אלע מדות פון דעם מענש הענגין אפ אין דעם הארץ. אזוי וויא דער סדר איז צו זאגען, דאס הארץ לאזט מיך נישט טוהן די זאך. ווייל דאס הארץ איז דער עיקר פון אלע איברים פון דעם מענש. דריבער האט די תורה מקפיד גיוועזען אויף דעם אתרוג ער זאל זיין שיין. ווארין די אויגען אין די ליפען וום די אנדערי מינים זענין אויף זיי מרמז. איז אויך דר עיקר פון זייער פיהרען דורך דעם הארץ. שם:

(שכט) טעם. ווס מען מאכט נישט דעם אנדערין טאג יום טוב שהחיינו אויף דעם לולב. ווייל עס איז גלייך ווי ער זאל גיוועזען מאכען א שהחיינו בשעת מאכען דעם לולב. וואלט ער אויך יוצא גיוועזען. אבער ביי קידוש זאגט מען די אנדערי נאכט יו"ט אויך שהחיינו. ווייל די ברכה פון שהחיינו איז דורך דעם טאג. נישט וועגין דער סוכה. טור:

(של) טעם. וואס די ערבות ווערין אהן גערופען הושענא. ווייל מען איז מיט זיי מנענע אין דער צייט ווען מען זאגט הושענות. עטרת זקנים:

(שלא) טעם. וואס דער מנהג איז אין הושענא רבה אויף צו בינדען דיא קניפען פון דעם לולב. ווייל עס איז אזוי ווי דר סדר איז צו זאגען דער יולדות השי"ת זאל אויף בינדען דיין קניפף. אזוי בעטין מיר אויך אז השי"ת זאל אויף בינדען אונזער קניפף אין זאל אונז אוים לייזען פון דעם גלות. זרע קודש:

(שלב) טעם. וואס מען קלאפט די ערבה אויף דער ערד. כדי מבער צו זיין דעם דין אין איהם מאכען אראפ נידערין ביז צו דער ערד ער זאל נישט מעהר זיין אויף דער וועלט. א) תולעת יעקב:

א) מוצאי יו"ט זאל מען נעמין דעם לולב מיט זיינע מינים אין עס ביי א זיך בעהאלטין וועט איהם דאס אפ היטען פון איעדער צרה. נישט וויא אטייל ווארפין עס אויף אמקום בזיון. סדה"י:

טעם

אין

(שלג) טעם. וואס דער מנהג איז אז דיא אשה בייסט אפ דעם פיטעם פון דעם אתרוג. ווייל אטייל פון די חכמים האבען געזאגט דאס דער בוים וואס אדם הראשון האט אין איהם געזינדיגט איז געוועזן א'אתרוג בוים. דריבער בייסט זי אפ דעם פיטעם. כדי צו ווייזען אזוי ווי איך האב אצונד קיין שום הנאה פון דעם. אזוי האב איך דעמאלט אויך קיין שום הנאה געהאט:

ענייני שמיני עצרת

(שלד) טעם. וואס מען מאכט דעם אכטען טאג פון סוכות בייא דעם קידוש שהחיינו. אין דעם זיבעטען טאג פסח מאכט מען נישט שהחיינו. ווייל שמיני עצרת איז אבעזונדערער יו"ט. מס' סוכה:

(שלה) טעם. וואס מען האט מתקן געוועזען צו זאגין **משיב הרוח ומוריד הגשם** אין שמיני עצרת. און דער טאג פון דער שאלה (ווען מען הייבט אהן זאגען טל ומטר) איז ערשט זיבען טאג אין חשון אין ארץ ישראל. אדער זעכציג טאג נאך דער תקופה אין די מדינות. א) ווייל פון דעם לעצטען טאג יום טוב אהן איז די צייט פון רעגין. ווען אפילו מיר בעדארפען איהם נישט. ווייל עס איז אבער די צייט פון רעגין. און עס איז אויך די צייט וואס עס פערענדערט זיך דער ווינטער פון דעם זומער. בעדארפען מיר צו לויבען השי"ת אין דער צייט פון דעם אפ ענדערין. אבער דיא שאלה פון טל ומטר ווערט נישט געבעטין נאר אין דער צייט ווען מען בעדארף רעגין. כלבו:

טעם

אין ספר יפה ללב ווערט אויך געברענגט אז דער מנהג איז אין הושענא רבה נאך דער תפלה צו נעמין דעם לולב אזוי וויא ער איז געבינדין מיט דעם הדס און ערבה און איהם לייגין איבער דער מיהר פון דער שטיב וויא ער שלאפט. עס זאל דארט ליגען ביז פסח. אין ערב פסח זאל מען האלב פון דעם ווארפין אין דעם פייער פון פאר ברענין דעם חמץ. אין האלב זאל מען ווארפין אין דעם פייער בשעת מען באקט דיא מצות של מצוה. אין דעם אתרוג זאל מען אפ פרעגלין און פון איהם עסין אין **חמשה עשר בשבט**. אין עס איז אסגולה אז איין אשה מעוברת זאל פון דעם עסין. אויך זאל מען דער פון געבין צו איין מקשה לילד ווערט זיא דאס קינד האבין בריוח ולא בצער:

א) **תמיד** הייבט מען אן זאגין **טל ומטר** צוויא אין צוואנציג טאג אין חודש נאוועמבער (צו דיא חדשים פון ריסען לאנד) אין אינזערי חדשים דעם פערדען דעצעמבער. היינו אין דער נאכט וואס נאך דעם פערדען דעצעמבער. דאס איז אבער נאר אז הדש פעברוא"ר ווערט זיין אכט אין צוואנציג טאג. דעמאלט איז דיא שאלה דעם צוויא און

צוואנציגסטען

עניני שמיני עצרת

(שלו) **טעם.** וָואס מֶען הָאט מְתַקֵן גִיוֶועןְ צוּ זָאגִין ותן טל ומטר זֶעכְצִיג טָאג נָאךְ דֶער תְּקוּפָה. וַוייל מִיר זֶענִין אַצִינְד פֶּערְטְרִיבֶּען גִיוָוארִין צְווישֶׁען דִי לֶענְדֶער פוּן דִי פֶּעלְקֶער. וָואס דִי לֶענְדֶער זֶענִין נִידֶערִיג. הָאבֶּען דִי חֲכָמִים מְשַׁעֵר גִיוֶועזֶען אַז מֶען בֶּעדַארְף נִישְׁט רֶעגִין בִּיז זֶעכְצִיג טָאג אִין דֶער תְּקוּפָה פוּן תִּשְׁרִי. ספר התניא:

עניני שמחת תורה

(שלז) **טעם.** וָואס אִין **שמחת תורה** נָאךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז מְסַיֵים דִי תּוֹרָה הֵייבְּט מֶען תֵּיכֶף אָהְן צוּ לֵיינִין פוּן **בראשית** בִּיז סוֹף ויכלו. כְּדֵי דֶער שָׂטָן זָאל נִישְׁט קֶענִין מְקַטְרֵג זַיין אוּן זָאגִין רבש״ע זֵייא הָאבִּין שׁוֹין מְסַיֵים גִיוֶועזִין דִי תּוֹרָה אוּן זֵיי ווִילֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶעהְר לֵיינִין. לבוש:

(שלח) **טעם.** אַז וֶוען מֶען לֵייֶענְט צוּם חָתָן בְּרֵאשִׁית זָאגְט דָאס קָהָל מִיט אַהוֹיךְ קוֹל **ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד.** אוּן אַזוֹי אוֹיךְ **יום שני.** אוּן **יום שלישי** בִּיז **יום הששי** זָאגִין זֵיי אַלֶע פְּסוּקִים אוּן **ויכלו** בִּיז **לעשות.** פַאר וָואס זָאגְט מֶען נִישְׁט אַזוֹי אִין שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית. וַוייל וָואס מֶען לֵייֶענְט אַצִינְד בְּרֵאשִׁית אִיז נִישְׁט מֶען זָאל דָאס קָהָל מוֹצִיא זַיין וָוארִין מֶען לֵייֶענְט דִי פַּרְשָׁה אוֹיךְ בְּשַׁבָּת בְּרֵאשִׁית. מֶען לֵייֶענְט נָאר פַאר דֶעם קָהָל אַצִינְד כְּדֵי זֵיי זָאלֶען גְלֵייבִּין אִין הַשֵׁי״ת. דְרוּם זָאגְט דָאס קָהָל מִיט אַהוֹיךְ קוֹל דִי פְּסוּקִים צוּ ווייזֶען אַז מִיר גְלֵייבֶּען אִין הַשֵׁי״ת אַז עֶר הָאט דִי וֶועלְט בֶּעשַׁאפֶען אוּן וָואס עֶס אִיז אִין אִיהְר. אוֹיךְ אִיז דֶער טַעַם דוּרְךְ שִׂמְחָה אַזוֹי ווִי בַּיי לוּלָב:

(שלט) **טעם.** וָואס מֶען קוֹיפְט מִצְוֹת אִין שִׂמְחַת תּוֹרָה. אוּן אַסֵפֶר תּוֹרָה אוּן תְּפִילִין טָאר מֶען נִישְׁט קוֹיפֶען אִין יו״ט. וַוייל ס״ת אוּן

תפילין

צְוָואנְצִיגְסְטֶען נָאוֶועמְבֶּער (דִיא נַאכְט וָואס נָאךְ דֶעם פֶערְדִין דֶעצֶעמְבֶּער) אַז דֶער חוֹדֶשׁ פֶעבְּרוּאַ״ר וָואס נָאךְ נָאוֶועמְבֶּער וֶועט אָבֶּער זַיין אִין צְוָואנְצִיג טָאג. אַזוֹי אִיז דִיא שַׁאֲלָה דֶעם דְרַייא אִין צְוָואנְצִיגְסְטֶען נָאוֶועמְבֶּער (דִיא נַאכְט וָואס אִיז נָאךְ דֶעם פִינְפְטֶען דֶעצֶעמְבֶּער). אִין דָאס הֶענְגְט אָפּ אִין זֵייעֶרִי חֳדָשִׁים וַוייל דִיא אוּמוֹת הָעוֹלָם צֵיילֶען נָאךְ דֶער זִין. אוּן דִיא תְּקוּפָה אִיז אוֹיךְ נָאךְ דֶעם הִילוּךְ פוּן דֶער זִין. אִין דֶער סִימָן אִיז צוּ ווִיסֶען דָאס יָאהְר וֶוען חוֹדֶשׁ פֶעבֶּער וֶועט זַיין אִין צְוָואנְצִיג טָאג. אִיז דָאס יָאהְר וָואס וֶועט גִיטֵיילְט אִין פִיר פוּן אָנְהֵייבּ יָאהְר הִינְדֶערְט נָאךְ זֵייעֶר חֶשְׁבּוֹן. דְהַיְינוּ. דָאס פֶערְדִי יָאהְר. דָאס אַכְטִי. דָאס צְוֶועלֶפְטִי. דָאס זֶעכְצִיטִי. בִּיז הִינְדֶערְט:

תפילין קען מען יעדע צייט קויפען. אבער די מצות איז אצינד די צייט זייא צו קויפען. מהרי"ל:

(שמ) טעם. דאס ווען מען נעמט ארויס אלע ספרי תורות פון דעם ארון קודש שטעלט מען אריין אלעכט אין דעם ארון קודש ווייל די תורה ווערט אן גירופען אור. ט"ז:

(שמא) טעם. וואס דער מנהג איז שמחת תורה ביי נאכט נאך דעם ליינין די תורה הייבט מען זיא אויף איבער גיקעהרט מיט דעם כתב צו דעם קהל. כדי צו ווייזען אז מען זאל די תורה נאך דעם וואס מען האט זי גומר גיוועזען ווייטער אנהייבען צו ליינען:

(שמב) טעם. אז מען בענשט ראש חודש חשון זאגט מען מר"חשון. ווייל פון דער צייט וואס עס איז גיוועזין דאס מבול איז נגזר געווארין עס זאל זיין פון דעם חודש אהן לערך פערציג טאג רעגין. דריבער ווערט דער חודש אן גירופען מר. ווארין מר איז דיא טייטש טראפפען. (מדרש תנחומא). נאר ווען שלמה המלך האט גיבויעט דאס בית המקדש האבין דיא פערציג טאג פון רעגין אויף גיהערט. ילקוט:

עניני חנוכה

(שמג) טעם. וואס מען מאכט אכט טאג חנוכה. אמעהר אויף איין טאג איז אין דער קריג גיוועזען בוימעל צו ברענין. אזוי איז נאר דאס נס גיוועזען זיבען טאג. ווארין נאך דעם וואס מען האט אריין גיגעבען דעם בוימעל אין דער מנורה. איז דיא קריג ווייטער געבליבען פול אזוי וויא פריהער. נמצא האט מען דערקענט דאס נס אויך אין דער ערשטע נאכט. ב"י:

(שדמ) טעם. וואס נשים זענין חייב אין נר חנוכה. אמעהר אזוי אמצוה וואס דער זמן איז גורם זענין נשים פטור. ווייל נשים זענין אויך גיוועזן אין דעם נס דיא טאכטער פון יוחנן כהן גדול האט דעם שר פון דיא יונים גיהרגית און האט גיברענגט זיין קאפ פאר די יודען. כל בו:

(שמה) טעם. וואס נשים זענין נוהג נישט צו טאן אמלאכה אין דער צייט ווען די לעכט ברענין. א) כדי מען זאל דער קענין אז

א) נאר נשים האבין אויף זיך מחמיר גיוועזען. ווייל דיא ישועה איז געקימען דורך איין אשה:

מען טאר נישט ניצען ביי די לעכט פון חנוכה. א) מטה משה:

(שמו) עוד טעם. ווייל טאמער וועט פערלאשען ווערין דאס לעכט וואס מען ניצט דער מיט. וועט מען קומען צו ניצען ביי די חנוכה לעכט. שם:

(שמז) טעם. וואס מען טאר נישט אמלאכה טאן ביי די לעכט פון חנוכה. כדי יעדער זאל וויסען אז דאס איז אנר של מצוה. מען זאל דאס נס מפרסם זיין. לבוש סי' תרע"ג:

(שמח) טעם. אז מען מאכט אברכה אחרונה על המחיה איז מען נישט מזכיר אין דער ברכה חנוכה און פורים. ווייל חנוכה און פורים ווערט נישט גידענקט אין דער תורה. מחצית השקל:

(שמט) טעם. וואס דאס נס האט זיך געצויגען אכט טאג. ווייל צו דעם ארט פון דיא זיתים וואס מען ברענגט פון דארט דעם בוימעל. האט גידויערט דער גאנג פיר טאג. און אויך צוריק פיר טאג איז צוזאמען אכט טאג. ב) רוקח:

(שנ) טעם. וואס מען איז נוהג צו פאסטין שובבי"ם ת"ת. פון פ' שמות זענין אטייל נוהג צו פאסטין אלע וואך ביום ה' ביז פרשת משפטים

אין ספר חיי אדם ווערט גיברענגט אז דיא טאכטער פון יוחנן האט דעם שונא גיגעבין צו עסין מאכלים פון קעז כדי עס זאל איהם דארשטין וועט ער ווערין שיכור פון דעם וויין וועט ער שטארק ענטשלאפין ווערין. אין עס איז אזוי גיוועזין. אין זיא האט איהם דעם קאפ אפ גישניטין אין האט דעם קאפ גיברענגט קיין ירושלים. אין וויא זייא האבין גיזעהן אז זייער שר איז טויט זענין זייא אלע אנטלאפין. אין ווייל דאס נס איז גיוועזין דורך מאכלים פון חלב. דורך דעם זענין אטייל נוהג צו עסין אין חנוכה אתבשיל פון חלב אזכר צו דעם נס וואס איז גישעהן דורך חלב:

א) ווען אפילו עס איז דא איין שמש ביא דיא חנוכה לעכט. בעדארף מען אויך האבין אבעזונדער לעכט אויף דעם טיש כדי מזאל נישט זאגין אז ער האט זייא פון זיינט וועגין אן געצינדען. מ"א:

ב) בערב שבת זאל מען צו ערשט אן צינדען די נר חנוכה אין דער נאך דאס נר פון שבת. אין דער חיוב איז בע"ש צו געבין אזוי פיהל שמן אז די נר חנוכה זאלין ברענין אהאלבי שעה נאך צאת הכוכבים. אין אז זייא ברענין נישט אזוי לאנג איז די ברכה איבער די נר חנוכה אברכה לבטלה. קיצור ש"ע סי' קל"ט:

עס איז אסור צו בענטשין די נרות של חנוכה אין דער שאהל פון ערד עפיל אויך נישט אין דער שאהל פון אייער. ווייל עס איז קיין הידור מצוה. נאך דעם אן צינדען די חנוכה לעכט זאל מען זאגין ז' פעמים ויהי נועם יושב בסתר כו'. האריז"ל:

מִשְׁפָּטִים. אויך אִין אֵיין עִיבּוּר יָאהְר פַאסְטֶען זֵיי בְּיוֹם ה׳ תְּרוּמָה. תְּצַוֶּה אויך. וַוייל דִיא טֶעג זֶענִין מְסוּגָּל מְתַקֵּן צוּ זַיין דֶעם עָוֹן קֶרִי מֶעהְר ווי פוּן אַגַאנְץ יָאהְר. דְרוּם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַאסְטֶען פוּן פ׳ שְׁמוֹת וָואס דֶעמִילְט הָאט אָן גֶעהוֹיבִּין דֶער שִׁיעְבּוּד פוּן דִיא יוּדֶען. כְּדֵי מְתַקֵּן צוּ זַיין דֶעם עָוֹן קֶרִי פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן. אוּן אַז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט אוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט גִיפַאלְט בְּיוֹם ה׳ קֶען מֶען דֶעמִילְט נִישְׁט פַאסְטֶען. זֶענִין אַטֵייל נוֹהֵג צוּ פַאסְטֶען אויף זֵייעֶר אָרְט וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי. א״ר:

ענייני ד׳ פרשיות

(שנא) מעם: וָואס מֶען לֵייעֶנְט פַאר פֶּסַח דִי פִיעֶר פַּרְשִׁיּוֹת. דְרַייא זֶענִין אַזֵכֶר צוּ דֶער צַייט וָואס דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גִישְׁטַאנִין.

פרשת שקלים. ופרשת פרה אדומה. און פרשת החודש. הַיְינוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר הָאט מֶען אוֹיס גִירוּפֶען אויף דִי שְׁקָלִים אַז יֶעדֶער זָאל בְּרֶענְגִין אַהַאלְבִּין שֶׁקֶל. מֶען הָאט אוֹיס גִירוּפֶען אַחוֹדֶשׁ פַאר נִיסָן כְּדֵי אַז עֶס וֶועט קוּמֶען נִיסָן זָאל דָאס גֶעלְד שׁוֹין זַיין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוּן פוּן דֶעם גֶעלְד הָאט מֶען גִיקוֹיפְט קָרְבָּנוֹת מַקְרִיב צוּ זַיין:

(שנב) טעם. פוּן פ׳ **פרה אדומה**. דֶעם פָאלְק צוּ מַאכִין ווִיסֶען אַז דִיא וָואס זֶענִין טָמֵא גִיוָוארִין פוּן אַמֵת זָאלֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין מִיט דֶעם אֵפֶר פוּן דֶער פָּרָה אֲדוּמָה. וָוארִין אִין ר״ח נִיסָן הָאבֶּען שׁוֹין אָן גִיהוֹיבִּין פוּן דִי ווַייטֶע מְקוֹמוֹת צוּ גֵיין קֵיין יְרוּשָׁלַיִם:

(שנג) טעם. פוּן **פרשת החודש**. דֶעם פָאלְק צוּ מַאכִין ווִיסֶען אַז דִי ווָאךְ וָואס עֶס קוּמְט וֶועט זַיין ר״ח נִיסָן. כְּדֵי זֵיי זָאלִין זִיךְ אָהְן גְרֵייטֶען עוֹלֶה רֶגֶל צוּ זַיין:

(שנד) טעם. פוּן **פרשת זכור**. דוּרְךְ פּוּרִים. וַוייל הָמָן אִיז אַרוֹיס גִיקוּמֶן פוּן זֶרַע עֲמָלֵק לֵיינְט מֶען זָכוֹר אֶת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק. אבודרהם:

ענייני מגילה

(שנה) טעם. וָואס אֶסְתֵּר הָאט גִיהֵייסִין פַאסְטִין דְרַייא טָאג. וַוייל הַשי״ת לָאזְט נִישְׁט דִי צַדִּיקִים אִין אַצָרָה מֶעהְר ווִי דְרַייא טָאג. אַזוֹי ווִיא מִיר גֶעפִינֶען בַּיי רָחָב זִי הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי מְרַגְּלִים וָואס יְהוֹשֻׁעַ הָאט גִישִׁיקְט. **ונחבאתם שמה שלשת ימים.** (אִיהְר וֶועט אַייךְ דָארְט

בעהאלטען

בְּעהַאלְטֶען דְרַייא טָאג). און בַּייא יוֹנָה הַנָּבִיא שְׁטֵייט אויךְ אַז יוֹנָה אִיז גִיוֶועזֶען אִין דיא גִידֶערִים פון דֶעם פִיש דְרַיי טָאג. כד הקמח:

(שנו) טעם. אַז פּוּרִים גֶעפַאלְט בְּיוֹם א׳ פַאסְט מֶען בְּיוֹם ה׳ פון דֶער וָואךְ וָואס אִיז פְרִיעֶר. נִישְׁט בְּיוֹם ו׳. דוּרְךְ דֶעם כָּבוֹד פון שַׁבָּת. אַזוֹי בַּאלְד מֶען וֶועט פַאסְטֶען בְּיוֹם ו׳ וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענִין אָהְן גְרֵייטֶען אויף שַׁבָּת דוּרְךְ דֶעם תַּעֲנִית. מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענִין טוּעֶם זַיין פון דיא מַאֲכָלִים וָואס מֶען קָאכְט אויף שַׁבָּת. לבוש:

(שנז) טעם. וָואס מֶען אִיז גִישְׁט נוֹהֵג צוּ פַאסְטֶען דְרַייא טָאג. אַזוֹי וִויא אֶסְתֵּר הָאט גֶעהֵייסֶען פַאסְטֶען. כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט שְׁוֶוער זַיין אויף דֶעם צִבּוּר. שם:

(שנח) טעם. וָוס מֶען הָאט זִיא גֶערוּפֶען אֶסְתֵּר. וַוייל עֶס אִיז פון דֶעם לָשׁוֹן הַסְתֵּר (פֶערְבָּארְגֶען) זִיא הָאט זִיךְ פֶערְבָּארְגֶען אַז זִיא זָאל נִישְׁט גֶענוּמֶען וֶוערִין צוּ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ:

(שנט) טעם. וָואס מֶען פַאסְט נִישְׁט אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן אַזוֹי וִויא דִי מַעֲשֶׂה אִיז גִיוֶועזֶען. וַוייל אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן טָאר מֶען נִישְׁט פַאסְטֶען. הרא״ש:

(שס) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז צוּ גֶעבִּין פַאר פּוּרִים דְרַייא הַאלְבֶּע מַטְבֵּעוֹת. אַזֵכֶר צוּ דֶעם הַאלְבֶּען שֶׁקֶל וָואס יֶעדֶער הָאט גִיגֶעבִּין אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר מֶען זָאל קוֹיפֶען קָרְבָּנוֹת. אִין וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פַּרְשַׁת תְּרוּמָה דְרַייא מָאהְל תְּרוּמָה גִיט מֶען דְרַייא הַאלְבֶּע מַטְבֵּעוֹת. סי׳ תרצ״ד:

(שסא) טעם. וָואס דָם צִבּוּר זֶענִין נוֹהֵג צוּ זָאגֶען דִי פִיעֶר פְּסוּקִים מִיט אַהוֹיךְ קוֹל. אִין דֶער נָאךְ זָאגְט זֵיי דֶער קוֹרֵא נָאךְ אַמָאל.

איש יהודי. ומרדכי יצא. ליהודים היתה. כי מרדכי. כְּדֵי מֶען זָאל מֶעהְרִין שִׂמְחָה צוּ דִיא קִינְדֶער אִין אויךְ צוּ אַלֶע מֶענְטְשִׁין. אבודרהם:

(שסב) עוד טעם. כְּדֵי מְעוֹרֵר צוּ זַיין דָאס הַאֶרְץ. וַוייל אֶפְשַׁר וֶועט אֵיינֶער דְרִימְלִין. זָאגְט מֶען דְרִיבֶּער דִי פְּסוּקִים מִיט אַהוֹיךְ קוֹל כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטַארְק אַנְטְשְׁלָאפֶען וֶוערִין. אִין וַוייל דִיא פְּסוּקִים שְׁטֵייעֶן בַּייא מָרְדְּכַי. אִין דוּרְךְ דֶעם כָּבוֹד פון מָרְדְּכַי. אויךְ דָאס נֵס אִיז גִיוֶועזֶען דוּרְךְ מָרְדְּכַי. זָאגְט מֶען דִיא פְּסוּקִים מִיט אַהוֹיךְ קוֹל. שם:

(שסג) טעם. וָואס מֶען אִיז נוֹהֵג צוּ זָאגֶען אִין אֵיין אָטֶעם פון אָהְנְהֵייב חֲמֵשׁ מֵאוֹת אִישׁ וְאֵת פַּרְשַׁנְדָּתָא כו׳ בִּיז עֲשֶׂרֶת. וַוייל דִיא

צעהן

עניני מגילה

צעהן קינדער פון המן זענין געוועזען הערדין פון פינפציג איבער די פינעף הונדערט מאן. ט״ז סי׳ תר״צ:

(שסד) טעם. וואס דער מנהג איז צו קלאפען ביא המן ווען מען לייגט די מגילה. כדי זיין נאמען זאל ווערין אפ גימעקט אזוי וויא עס שטייט מחה תמחה את זכר עמלק, זאלסט אפ מעקין דעם זכר פון עמלק. ושם רשעים ירקב. א) רמ״א:

(שסה) טעם. וואס מען זאגט ואתה קדוש. נאך דער מגילה. ווייל אסתר האט געזאגט דעם פסוק אלהי אקרא יומם. וואס פון דעם פסוק דארשינען מיר מקרא מגילה. און דער נאך שטייט ואתה קדוש יושב תהלות ישראל. דריבער זאגט מען אויך ואתה קדוש ב).

מנהגים:

(שסו) טעם. וואס מען זאגט נישט הלל אין פורים. וואריין דם וום מען לייגט די מגילה איז דער הלל. ג) מס׳ ערכין:

(שסז) טעם. וואס אין הושענא רבה בעטין מיר אז השי״ת זאל אונז העלפין בזכות הצדיקים און עס ווערט גערעכינט יעדער צדיק. און שאול ווערט נישט גערעכינט. אויך און פורים האט דער וואס האט געמאכט דעם פיוט נישט מיסד גיוועזען אויף די ברכה פון את צמח. ווייל דוד מיט שאול זענין גיוועזען שונאים איינער מיט דעם אנדערין. דורך דעם און הושענא רבה וום איז אקעגין די מדה פון דוד און עס איז אויך זיין אושפיזא. ווערט נישט גידענקט שאול. און פורים וואס דאס נס איז געקומען דורך די קינדער פון שאול ווערט נישט גידענקט דוד. און דוד האט דאס גיזעהן און האט אויף דעם מתפלל גיוועזען. אזוי וויא דער

מדרש

א) מען זאל נישט מבטל זיין קיין שום מנהג אויך נישט צו שפעטין אויף קיין איינציגען מנהג וואריין מען האט איהם נישט בחנם מתקן גיוועזען. שם:

ב) נאך דער תפלה פון מעריב זאגט מען קדיש שלם מיט תתקבל. און נאך דער מגילה זאגט מען ואתה קדוש. ובמוצאי שבת זאגט מען ויהי נועם ואתה קדוש און דער נאך קדיש שלם אן תתקבל. און בשחרית זאגט מען נאך דער תפלה חצי קדיש. און נאך דער מגילה זאגט מען אשרי און סדר קדושה און דער נאך קדיש שלם מיט תתקבל:

ג) און ספר מדרש אליהו ווערט גיברענגט אז און פורים איז הקב״ה מכפר די עונות פון די ישראל אזוי וויא יום כיפור. אויך געפינין מיר און ספר מאור ושמש אז מרדכי און אסתר האבין פועל גיוועזין אז און פורים איז נישט גיוועזין קיין שום קטרוג אויף די ישראל אזוי וויא און יום כיפור:

מֶדְרָשׁ זָאגְט דָם פֵּירוּשׁ פוּן דֶעם פָּסוּק זכרנו ה׳ ברצון עמך ופקדנו בישועתיך. דָוִד הַמֶּלֶךְ הָט גֶעזָאגְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גִידֶענְק מִיךְ וֶוען דַיין פָאלְק וֶועט גֶעהָאלְפֶען ווערין. אז דו וֶועסְט טוּהן אַנָם דוּרְךְ מָרְדְּכַי אִין אֶסְתֵּר זָאל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערין גִידֶענְקְט. דוּרְךְ דֶעם וֶועט דָא עַל כָּל פָּנִים גִידֶענְקְט זַיין שֵׁבֶט. עֶס שְׁטֵייט אִישׁ יְהוּדִי. דוּרְךְ שֵׁבֶט פוּן יְהוּדָא דָאס שֵׁבֶט פוּן דָוִד. זרע קודש:

(שסח) טעם. וָוס מֶען אִיז נִישְׁט מַפְטִיר. ראש חוֹדֶשׁ. חֲנוּכָּה אוּן פּוּרִים. כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט דָם פָאלְק מְבַטֵל זַיין פוּן דֶר מְלָאכָה. נָאר תִּשְׁעָה בְּאָב אִין דֶער פְרִיה אִיז מֶען מַפְטִיר אָסוּף אֲסִיפֵם. וַוייל ט״ב זֶוענִין אַלֶע אִין שׁוּהל בִּיז חֲצוֹת. אִיז מֶען זַייא נִישְׁט מְבַטֵל פוּן דֶר מְלָאכָה. נועם מגדים:

(שסט) טעם. אז עֶס אִיז אַיין מִילָה אִין פּוּרִים אִיז מֶען דָאס קִינְד מַל פָאר דֶעם לֵיינֶען דִיא מְגִילָה. כְּדֵי אַז וֶוען מֶען זָאגְט ליהודים היתה אורה זָאל דָאס קִינְד אוֹיךְ זַיין אִין כְּלָל. דרכי משה:

(שע) טעם. וָואס מֶען עֶסְט דְרַייא מָאהל אִין יָאהְר קְרֶעפְּלִיךְ. פּוּרִים הוֹשַׁעְנָא רַבָּה. אִין עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר. וַוייל דִי טֶעג זֶוענִין אַזוֹי וִויא יוֹ״ט מִיט עֶסִין אִין טְרִינְקֶען. אָבֶּער אַרֶעכְטֶער יוֹ״ט אִיז עֶס נִישְׁט וַוייל מֶען מֶעג אִין זַייא טוּהְן אַמְלָאכָה אִין מֶען מֶעג אִין זֵיי הַאנְדְלֶען. נִמְצָא אִיז דֶער יוֹ״ט פַארְדֶעקְט. אוּן אוּנְזֶערִי חֲכָמִים דַרְשֶׁענִין אוֹיף דֶעם פָּסוּק ושמחת בחגך אַז עֶס אִיז קֵיין שִׂמְחָה נָאר מִיט פְלֵייש. דוּרְךְ דֶעם אִיז אִין דִיא טֶעג דָאס פְלֵייש צוּ גִידֶעקְט. מֶען עֶסְט פְלֵייש עֶס אִיז אָבֶער פַארְדֶעקְט מִיט טֵייג. גאולת ישראל. וְעַיֵּן סעי׳ רצ״ג:

(שעא) טעם. וָואס דִי חֲכָמִים הָאבֶּען מְחַיֵּיב גִיוֶועזֶען אַז מֶען זָאל פִיהְל טְרִינְקֶען אִין פּוּרִים. אַמֶעהר אִין פִיהְל עֶרְטֶער וֶוערְט גִידֶענְקְט אִין דֶער תּוֹרָה אַז דָם שִׁכְרוּת הָאט גִיבְּרֶענְגְט צוּ אַגְרוֹים מִכְשׁוֹל. בַּייא נֹחַ. אִין בַּייא לוֹט. וַוייל דִיא אַלֶע נִסִּים וָואס עֶס אִיז צוּ דִיא יוּדֶען גֶעטוּהְן גֶעוָוארֶען אִין דֶער צַייט פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אִיז גִיוֶועזֶען דוּרְךְ טְרִינְקֶען. צוּ עֶרְשְׁט אִיז וַשְׁתִּי אַוֶועק גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם מַלְכוּת דוּרְךְ דֶעם טְרִינְקֶען פוּן וַויין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי כְּטוֹב לֵב הַמֶּלֶךְ בַּיַּיִן אָמַר לְהָבִיא אֶת וַשְׁתִּי. אִין אוֹיף אִיהר אָרְט אִיז גֶעקוּמֶען אֶסְתֵּר דוּרְךְ אַ סְעוּדָה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ מִשְׁתֶּה גָדוֹל לְכָל שָׂרָיו וַעֲבָדָיו

את

את משתה אסתר. אזוי אויך דיא מפלה פון המן איז געוועזען דורך דער סעודה פון וויין. דורך דעם האבען די חכמים מחייב געוועזען מען זאל זיך משתכר זיין אין פורים ווייל דאס נס איז געקומען דורך דער סעודה פון וויין וואס אסתר הט געמאכט. אבודרהם:

(שעב) טעם. וואס מען האט מתקן געוועזען אין פורים **משלוח מנות** איינער צו דעם אנדערן. צו וויזען דס די יודען האבען געהאט מנוחה פון זייערע פיינד. עס האט זיך נישט קיין איינציגער צו זיא אקעגין געשטעלט. ווארין זייער פחד איז געפאלען אויף אלע פעלקער. און דיא סעודה איז געוועזען רוהיג נישט מיט פחד. דרך פקודיך:

(שעג) טעם. וואס המן הט געמאכט איין עץ הויך פינפציג איילען. ווייל המן האט געזעהן אין חלום אז מרדכי טוהט פליהען איבער זיין הויז. און כדי מקיים צו זיין דעם חלום האט צו איהם זיין וויב זרש און די חכמים געזאגט אז ער זאל מאכען איין עץ הויך פינפציג איילען עס זאל זיין העכער פון זיין הויז וואס עס איז הויך געוועזען קרוב צו פינפציג איילן אזוי ווי די הייזער פון די שרים. כדי מרדכי זאל הענגין איבער זיין הויז. און לסוף האט דער חלום מרמז געוועזען אז מרדכי וועט האבען צו שאפען איבער דעם הויז פון המן. ספר החיים:

(שעד) טעם. וום די ו' פון ויזתא קומט לאנג געשריבען. ווייל די צעהן קינדער פון המן הרשע האבען גלייך געהאנגען איינער אינטער דעם אנדערן אין איין שורה. לבוש:

(שעה) טעם. וואס מען מאכט נישט פורים אין ערשטען אדר. וום עס איז דער צוועלפטער חודש אזוי ווי עס שטייט אין דער מגילה. לחודש שנים עשר. כדי מקרב צו זיין דיא גאולה פון אסתר צו דער גאולה פון מצרים. מהרי"ל:

ענייני ארבעה תקופות השנה

(שעו) טעם. וואס מען איז נזהר נישט צו טרינקען קיין וואסער אין דיא פיער תקופות פון דעם יאהר אין דר צייט פון דר תקופה. דורך סכנה עס קען ח"ו שאדען מען זאל ווערין געשוואלען. **תקופת ניסן** איז. ווייל די וואסערין פון מצרים זענין איבער געקערט געווארען צו בלוט אין איין רגע. **תקופת תמוז** איז. ווייל אין דער צייט וואס השי"ת האט

גיזאגט

גִיזָאגְט צוּ משֶׁה אוּן צוּ אַהֲרֹן אַז זֵיי זָאלֶען רֶעדִין צוּ דֶעם שְׁטֵיין פַאר דִיא יוּדֶעןִ'ם אוֹיגֶען וֶועט עֶר גֶעבֶּען וַואסֶער. אוּן זֵייא הָאבֶּען אַזוֹי נִישְׁט גֶעטָאן. אוּן זֵיי הָאבֶּען דֶעם שְׁטֵיין גִישְׁלָאגֶען אִיז פוּן דֶעם שְׁטֵיין גִינַאנְגֶען בְּלוּט. אִיז אִין דֶער שָׁעָה גִישְׁלָאגִין גִיוָוארִין אַלֶע וַואסֶערִין מִיט בְּלוּט:

תקופת תשרי אִיז. וַוייל אִין דֶער צַייט הָאט אַבְרָהָם גִיוָואלְט קוֹילִין זַיין זוּהְן יִצְחָק הָאט פוּן דֶעם מֶעסֶער גֶעטְרִיפְּט בְּלוּט אוּן דֶער טְרָאפֶּען אִיז צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארֶען אִין אַלֶע וַואסֶערִין. **תקופת טבת** אִיז. וַוייל אִין דֶער צַייט אִיז גֶעקוֹילֶעט גֶעוָוארִין דִיא טָאכְטֶער פוּן יִפְתָּח וֶוענִין אַלֶע וַואסֶערִין אִיבֶּער גִיקֶערְט גִיוָוארִין צוּ בְּלוּט. דְרוּם אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין עֶפִּים בְּלוּט אִין דִי צַייטֶען קֶען עֶס ח״ו מַזִיק זַיין. אבודרהם:

(שעז) **עוד טעם.** וַוייל פִיר מַלְאָכִים זֶענִין גִיזֶעצְט אוֹיף דֶעם וַואסֶער אִין דִי פִיר תְּקוּפוֹת. יֶעדֶער מַלְאָךְ אִין זַיין תְּקוּפָה. אוּן זֵיי וֶועקְסְלִין זִיךְ אִיבֶּער וֶוען אֵיינֶער גֵייט אַוֶועק קוּמְט דֶער אַנְדֶערֶער צוּ. אַזוֹי שְׁטֵייט אִין דֶער צַייט דָאס וַואסֶער אָהְן אַשׁוֹמֵר. א) שם:

(שעח) **טעם.** וָואס אִין דִי פִיר תְּקוּפוֹת מַאכְט מֶען בַּיי דֶעם וַואסֶער אַשְׁמִירָה מִיט בַּרְזֶל (אייזען). וָוארִין בַּרְזֶ״ל אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "**בלהה** "**רחל** "**זלפה** "**לאה.** אַזוֹי אִיז דָאס מַבְנִיעַ דִי פִיר קְלִיפּוֹת. דָאס זֵיי זָאלֶען קֵיין שְׁלִיטָה הָאבֶּען. דעת משה:

ענִיני מִילה

(שעט) **טעם.** וָואס דֶער מִנְהָג אִיז צוּ מַאכִין אַסְעוּדָה שַׁבָּת בַּיי נַאכְט פַאר דֶער מִילָה אוּן דִי סְעוּדָה וֶוערְט אָן גִירוּפֶען **שלום זכר.**

ווארין

א) דֶער ש״ךְ זָאגְט אִין יו״ד סי׳ קי״ו אַז דֶער מִנְהָג אִיז צוּ לֵייגִין אֵיין אַייזִין אוֹיף אַלֶע מַשְׁקִים אִין מַאֲכָלִים. אִין אוֹיךְ אַזֶעלִיכֶע מַאֲכָלִים אִין מַשְׁקִים וָואס זֶענִין גִיקָאכְט אָדֶער גִיוֵוייקְט אָדֶער גִיזַאלְצִין אִיז אוֹיךְ גִיט מַחְמִיר צוּ זַיין אִין צוּ לֵייגִין אַייזִין. אִין סֵפֶר אָרְחוֹת חַיִים שְׁטֵייט אַז דֶער מִנְהָג אִיז אַז מֶען בֶּעדַארְף נִישְׁט אַרַיין גֶעבִּין דָאס אַייזִין אִין וַואסֶער. נָאר מֶען לֵייגְט דָאס אַייזִין אוֹיף דֶער כְּלִי וָואס אִין דֶער כְּלִי אִיז דָא וַואסֶער אָדֶער מַשְׁקֶה:

דֶער מ״א שְׁרַייבְּט אִין סִימָן תנ״ה אַז מֶען בֶּעדַארְף נִישְׁט אוֹיס גִיסֶען מים שלנו וָואס מֶען נֶעמְט צוּ דִי מַצוֹת דוּרְךְ דֶער תְּקוּפָה אוֹדֶער דוּרְךְ אַמֵת. **דשומר מצוה לא ידע דבר רע.** דֶער וָואס טִיהְט הִיטֶען אַמִצְוָה וֶועט נִישְׁט וִויסֶען פוּן אַזַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גִיט:

וואָרין דאַרף דער סעודה קומט אויף דעם קינד אהייליגע שפע אז מען זאָל איהם מכנים זיין **בבריתו של אברהם אבינו.** א) עבודת ישראל:

(שפ). **טעם** וואס מען צינד אהן לעכט דעם טאג פון דער מילה. ווייל אזוי האט מען זיך נוהג געוועזין אין דער צייט פון דער גזירה. אז מען זאָל לעכט אן צינדען אין דעם הויז וואס עס איז דאַ אברית מילה צו אצייכען אז יודען זאָלען וויסען אז עס איז דאָרט דאַ אברית מילה אזוי וועלין זיי גיין הערין דיא ברכות. שבלי הלקט:

(שפא) **טעם.** וואס מען איז נוהג צו מאַכען **אכסא צו אליה' הנביא.** ווייל אין דער צייט וואס השי"ת האט גיזאָגט צו אליה' אז ער וועט בעדאַרפען זיין בייא איעדער ברית מילה. האט אליה' געזאָגט צו השי"ת דו ווייסט אז איך רעכין מיך פון דיין נאָמען וועגין. און אזוי באַלד דער בעל ברית וועט זיין אבעל עבירה אזוי וועל איך נישט קענען סובל זיין דאָרט צו זיין. האט איהם השי"ת מבטיח געוועזען אז ער וועט דעם בעל ברית מכפר זיין זיינע עבירות. האט אליה' ווידער געזאָגט אפשר וועט דער מוהל זיין אבעל עבירה. האט איהם השי"ת מבטיח געוועזען אז ער וועט דעם מוהל אויך מוחל זיין. האט אליה' ווידער געזאָגט צו השי"ת

אפשר

א) אז דאס קינד איז געבוירין געוואָרין די נאַכט פון שבת נאָך שטערין שטיין ווען דאס קהל האט שוין מתפלל געוועזען מעריב. אזוי בעדאַרף מען דיא נאַכט מאַכין דעם **שלום זכר.** נישט אין דער נאַכט וואס איז פאַר דער מילה. ווייל דאס קינד איז אצינד גיהאָלפין געוואָרין מבטן אמו. אין די סעודה איז אסעודת מצוה. אָבער דעם אנדערין שבת וואס פאַר דער מילה הייסט נישט סעודת מצוה. (פ"מ א"ח). דער כלל איז אסעודה וואס מען לערינט אויס איין מסכתא. און אסעודה פון אייניגם וואס ווערט אַלט זיבציג יאָהר. און אסעודה פון אייניגם וואס עס איז איהם גישעהן אנס. אָדער ווען איינער גיט אספר תורה. אָבער כלי הקודש. הייסט דאס **סעודת מצוה.** אשלום זכר. אין פדיון הבן. הייסט סעודת מצוה. סעודת פורים. איז אמצוה. סעודה פון אבר מצוה ווען ער וועט אַלט דרייצען יאָהר. הייסט **סעודת מצוה.** ווען ער מאַכט אָבער דער נאָך די סעודה. הייסט עס נאָר אסעודת מצוה אז ער זאָגט אדרשה. אסעודה פון דער נאַכט פאַר דער מילה אין אסעודה פון אשידוך טיהן. און סעודת אירוסין אַלע זיבען טאג הייסט סעודת מצוה. חנוכת הבית אז ער האט נישט גילאָזט פריהר בייא זיך טרינקען און נוהג זיין קלות ראש. נאָר ער מאַכט אסעודה ער זאָל עס מחנך זיין אין זאָגין דברי תורה הייסט סעודת מצוה. פ"מ. וא"ר:

אין ספר יוסף אומץ שטייט אז מען מאַכט אסעודה לכבוד איין אורח וואס ער איז אתלמיד חכם וואס איז גיקומען אין שטאָט איז די סעודה אסעודת מצוה:

דער

אֶפְשַׁר וֶועט אֵיינֶער פוּן דֶעם קָהָל זַיין אַבַּעל עֲבֵירָה אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען סוֹבֵל זַיין דָארְט צוּ זַיין. הָאט אִיהם הַשי"ת מַבְטִיחַ גִיוֶועזֶען אַז עֶר וֶועט דֶעם גַאנְצִין קָהָל מוֹחֵל זַיין. דְרִיבֶּער מַאכְט מֶען אַכִּסֵא צוּ אֵלִיָהוּ הַנָבִיא. מדרש:

(שפב) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז אַז דָאס מוֹהֵל מֶעסֶער זָאל הָאבֶּען צְוֵוייא שַׁארְפֶען. כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט טוֹעֶה זַיין אִין שְׁנַיידֶען מִיט דֶער זַייט וָואס אִיז נִישְׁט שַׁארְף וֶועט דָאס קִינְד ח"ו זַיין מְסוּכָּן. דרך פקודיך:

(שפג) טעם. וָואס מֶען אִיז מְכַסֶה דִיא עָרְלָה פוּן דֶעם קִינְד מִיט עֶרְד. וָוארִין דִי עָרְלָה אִיז מִכֹּחַ הַנָחָשׁ אוּן בַּיי דֶער שְׁלַאנְג שְׁטֵייט (וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ). דָאס עֶסִין פוּן דֶער שְׁלַאנְג אִיז עֶרְד. אוּן עֶס שְׁטֵייט (אִם רָעֵב שׂוֹנַאֲךָ הַאֲכִילֵהוּ לֶחֶם) אַז דַיין פַיינְד אִיז הוּנְגֶערִיג זָאלְסְטוּ אִיהם גֶעבִּין צוּ עֶסִין בְּרוֹיט. דְרִיבֶּער לֵייגְט מֶען דִי עָרְלָה אִין זַאמְד אָדֶער אִין עֶרְד. מֶען זָאל דֶער שְׁלַאנְג גֶעבֶּען אִיהר בְּרוֹיט כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין. לבוש. אַזוֹי וִוי עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין סעי' י"ב:

(שפד) טעם. אַז וֶוען מֶען זָאגְט ואומר לך בדמיך חיי גִיט מֶען מִיט דֶעם פִינְגֶער פוּן דֶעם וַויין אוֹיף דִי לֶעפְּצִין פוּן דֶעם קִינְד. ווייל דִי בְּרָכוֹת זֶענִין פוּן דֶעם קִינְדְ'ס וֶועגֶען. מ"א:

(שפה) טעם. וָואס מֶען זָאגְט בַּיי דֶעם קִינְד צְוֵוייא מָאל בדמיך חיי. מְרַמֵז צוּ זַיין דָאס דוּרְךְ דֶער מִילָה אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ בֵּיידֶע עוֹלָמוֹת עוה"ז אוּן עולם הבא. אבודרהם:

טעם

דֶער תּוֹרַת הָאָשָׁם שְׁרַייבְּט דָאס וִויא עֶס וֶועט גִיבְּרֶענְגְט כָּבוֹד אוֹרְחִים מֵיינְט מֶען אַזֶעלִיכֵי אוֹרְחִים וָואס זֶענִין רָאוּי צוּ כָּבוֹד. הַיְינוּ בַּעֲלֵי תּוֹרָה אוֹדֶער בַּעֲלֵי שֵׁם טוֹב. אוֹדֶער אֵיין עָנִי בֶּן טוֹבִים. אָדֶער עֲשִׁירִים וָואס זֵיי זֶענִין רָאוּי צוּ כָּבוֹד. זֵיי טָאן קֵיין אֵיינְצִיגֶען מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְץ. אָבֶּער נִיט דִי קַבְּצָנִים וָואס זֵיי גֵייעֶן נָאךְ נְדָבוֹת. דִי זֶענִין נִיט בִּכְלַל כָּבוֹד אוֹרְחִים נָאר בִּכְלַל צְדָקָה:

אִין סֵפֶר זִכָּרוֹן טוֹב וֶועט גִיבְּרֶענְגְט אַסִיפּוּר פוּן הָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ מהר"י מנושחיז זצ"ל אַז אִין בַּארְדִיטְשׁוּב אִיז גִיוֶועזֶען אֵיין אִישׁ הָגוּן זַיין נָאמִין אִיז גִיוֶועזֶען ר' לֵיבֶּר ז"ל אֵיין מָאל אִיז צוּ אִיהם אֵייגֶער גֶעקִימִין ווינְטֶער בַּיי נַאכְט נָאךְ דֶעם יְרִיד הָאט אִיהם ר' לֵיבֶּר מְקַבֵּל גִיוֶוען אַזוֹי וִויא דֶער דֶרֶךְ אִיז פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים. אִין ר' לֵיבֶּר הָאט אִיהם אַלֵיין גִיבֶּעט דָאס עֶר זָאל זִיךְ גֵיין לֵייגִין. הָאט צוּ אִיהם דֶער אוֹרֵחַ גִיזָאגְט פַאר וָואס זֶענְט אִיהר אַייךְ אַזוֹי פִיהל מַטְרִיחַ דָאס אִיהר זָאלְט מִיר בֶּעטִין. הָאט ר' לֵיבֶּר צוּ אִיהם גִיזָאגְט דִי מֵיינְסְט אִיךְ בֶּעט דִיר אִיךְ בֶּעט מִיר. זַיין כַּוָונָה אִיז גִיוֶוען לְעוה"ב:

(שפו) טעם. וואס מען זאגט ערשט עלינו נאך דעם ברית . כדי ווען מען זאגט **שלא עשני כגויי הארצות.** זאל דאס קינד אויך זיין אין כלל . יעב"ץ :

(שפז) טעם. וואס דער מנהג איז צו שיקען אמתנה אויף דעם ברית . ווארין אזוי גיפינין מיר אז השי"ת האט גיגעבען צו אברהם אבינו ע"ה ארץ ישראל ווען ער האט מקיים גיוועזען מצות מילה. שם :

(שפח) טעם. וואס דער מנהג איז צו מאכען אסעודה אין דעם טאג פון דער מילה. ווארין אזוי גיפינען מיר ביי אברהם אבינו .

ויעש אברהם משתה גדול ביום הג"מל את יצחק. דרשית מען הג"מל ווארין ה"ג בעטרעפט אכט . היינו אברהם האט גימאכט אגרויסע סעודה דעם אכטען טאג ווען ער האט מל גיוועזין זיין זוהן יצחק. א) יעבץ :

(שפט) טעם. וואס מען מאכט פיעל **סעודות ברית מילה** ערשט ביי דער נאכט. ווייל עס שטייט אין מדרש אז דער וואס מאכט גינעהגין זיין זוהן צו מילה איז גלייך וויא דער כהן גדול איז מקריב זיין מנחה מיט די נסכים אויף דעם מזבח און ביי קרבן איז דער דין אז דיא נאכט גיהער צו דעם טאג וואס פריהער. דורך דעם איז מותר צו מאכען די סעודה פון ברית מילה די נאכט וואס נאך דער מילה :

(שצ) טעם. וואס דער מנהג איז דאס דער סנדק און אויך אנדערי וואס האבען אכיבוד אויף דעם ברית טיילען אויף דעם ברית **צדקה.** כדי די מצוה זאל נישט זיין בחנם ב) :

(שצא) טעם. וואס דער מנהג איז אז בייא אברית מילה שיקט דער קוואטער אויף דער סעודה אקוואטער קוילטש און ארעשיטקע . ווייל אין דיא פרידיגע יאהרען זענען גיוועזין פיעל מענשין וואס האבען נאר גיגעסין חולין שנעשה על טהרת הקודש. היינו זיי האבין

גיגעסין

א) אין ספר דרך פקודיך שטייט גישריבען דאס דער וואס איז מבטל די סעודה איז איין אפיקורוס. דער מחצית השקל שרייבט אז מיט מאכלים פון חלב איז מען נישט יוצא די סעודה פון ברית מילה. ווארין שמחה איז נישט נאר מיט בשר :

ב) דער זוהר שרייבט אין פ' תרומה אז דער וואס טיהט אמצוה אין וויל אויף זיך ציהין דעם רוח פון קדושה איז אסור צו טיהן דיא מצוה בחנם . נאר תורה קען ווער עס וויל לערנין אימזיסט . האריז"ל אז ער האט גיקויפט אדבר מצוה אלולב אדער איין אתרוג אדער אנדערי זאכין פון מצוה האט ער גיגעבין וויפיהל מען האט פון איהם פערלאנגט דאס ערשטי מאהל אין פיהל מאהל האט ער אנידער גילייגט געלד פאר זיי אין האט צו זייא גיזאגט אז זייא זאלין זיך נעמין וויפיהל זייא ווילען :

גיגעסין נאר אמאכל וואס איז גיוועזין אפ גיהיט אז אדבר טמא זאל אין דעם עסין נישט אהן רירין. און ווייל דאס הויז פון דער יולדות איז אין דער צייט נישט ריין. דורך דעם שיקט דער קוואטער דיא זאכין כדי דאס דיא מענטשין וואס עסין נאר חולין בטהרה זאלין אויך קענין עסין אויף דער סעודה:

(שצב) טעם. דאס ווען עס האלט זיך נישט ביי איינעם ח"ו זיינע קינדער רופט מען צו דעם קינד וואס עס ווערט דער נאך גיבוירין **אלטער אדער אלטע**. כדי צו פערדעקין אויף זיין נאמען אז דער שטן זאל נישט האבין כח איהם שלעכטץ צו טאן. רופט מען איהם אלטער. אדער אלטע. א) כדי זיי זאלען זוכה זיין אלט צו ווערען:

(שצג) טעם. וואס דער מנהג איז צו מאכין פאר איולדת אמחיצה, כדי די רוחות זאלען נישט קיין שליטה האבין. ווייל די שדים קענען נישט גייען פון רשות הרבים צו רשות היחיד. ספר החיים:

(שצד) טעם. וואס דער מנהג איז אז איולדת גייט אין שיהל אריין נאך דעם וואס זי האט גיהאט אזכר אדער אנקבה. ווייל ווען זי גייט אין שיהל אריין איז דער מאן אחיוב עולה תורה צו זיין. איז דאס במקום קרבן וואס די אשה האט גיברענגט ווען דאס בית המקדש איז גישטאנין. מ"א:

עניני פדיון בכור

(שצה) **טעם.** וואס דער כהן פרעגט דעם פאטער פון דעם קינד **במאי בעית טפי.** (וואס ער וויל גיבער). צי ער וויל געבין דאס

קינד

א) אין זוהר חי מהרב הצדיק הקדוש מוהר"ר **יצחק אייזיק מקאמארנא** זצוק"ל (בראשית) שטייט גישריבען דאס מען זאל נזהר זיין אז ווען עס שטארבין ח"ו צו איינים זיינע קינדער. אזוי זאל ער קיין איינציגען נאמען געבין בשעת המילה נאר **אלטער**. אין נישט קיין אנדערין נאמען. נאר אז ער וועט גרויס ווערין זאל איהם ערשט זיין פאטער אנאמען געבין. אין עס איז גלייך דאס ער זאל צייכינען זיין נאמען פערשטעלט דאס קיין שום מענש זאל נים וויסען ביז ער וועט גרויס ווערין אין דער וואס טיהט נים אזוי אין רופט בשעת המילה דעם רעכטין נאמען. אין רופט איהם אלטער אויך. העלפט נישט אין איז גורם בחנם מיתה צו דעם קינד. ווייל דאס איז אוואונדערליכע סגולה אז מען זאל איהם נים רופען קיין שום נאמען ביז ער וועט גרויס ווערין:

דער מנהג איז אז ווען מען לייגט דאס קינד אין וויגעל אין מען רופט איהם אנאמען. לייגט מען אספר פון תורת כהנים אינטער דעם קאפ. ס"ח:

קינד. צי ער וויל דאס קינד אויס לייזען פאר פינף סלעים. אמעהר ווען אפילו דער פאטער וויל געבען דאס קינד צום כהן איז דער פאטער מיט דעם נישט יוצא. נאר ער זאגט איהם אזוי. כדי ער זאל ביי איהם בעליבען דעם פדיון. דריבער פרעגט איהם דער כהן וואס ער וויל מעהר. ווייל עס שטייט כי לי כל בכור. אז צו מיר גאט געהערין אלע בכורים און ווי באלד דער פאטער וועט איהם נישט אויס לייזין. אזוי בעדארף ער מורא האבין אז השי"ת זאל נישט ביי איהם דאס קינד צוריק נעמין. א)

(פתחי תשובה):

ענייני אישות

(שצו) טעם. וואס מען פיהרט דעם חתן אין שיהל אריין דעם שבת פאר דער חתונה. אויך אין דעם שבת וואס נאך דער חתונה.

ווייל אז שלמה המלך האט געזעהין אז די מדה פון גמילת חסדים איז זייער גרויס פאר השי"ת. האט ער בשעת ער האט געבויעט דאס בית המקדש. געמאכט צוויי טויהערין. איין טויהער פיר חתנים כו'. ווענין די יודען געגאנגין אין שבת און האבען זיך געזעצט צווישען די ביידע טוהערין. דער וואס איז אריין געגאנגען אין טויהער פון חתנים האט מען געוויסט אז ער איז אחתן. האבין זיי איהם געזאגט דער וואס רוהט אין דעם הויז דער זאל דיך משמח זיין מיט זיהן און טעכטער. און אז דאס בית המקדש איז חרב געווארען האט מען מתקן געוועזען אז חתנים זאלען גיין אין שיהל אדער אין בית המדרש אריין און מען איז זיך מיט איהם משמח. און מען איז מיט דעם יוצא דעם חוב פון גמילת חסדים. פרקי דרבי אליעזר:

(שצז) טעם. וואס מען ווארפט אויף דעם חתן ניס און מאנדלען און ראזינקעס ווען מען רופט איהם אויף צו דער תורה. ווייל אגוז (ניס) בעטרעפט וויא חטא. און אויך וויא טוב. צי ארמז אז מען איז איהם מוחל דיא עבירות. און מאנדלין איז אפירי וואס עס ווערט צייטליך פארטיג. אזוי זאל ער זוכה זיין ער זאל ברענגין תולדות אוף דער וועלט. און ראזינקעס ווענין אויס געטריקענטי וויינטרויבען. צו ארמז דאס זיין ווייב זאל איהם נישט קענין ברענגין צו אחטא אזוי ווי חוה האט געברענגט איהר מאן

אדם

א) דאס קינד בעדארף מען אויס לייזען דעם טאג פון איין און דרייסיג. דהיינו אז דאס קינד איז געבוירין געווארין ביום א' בעדארף זיין דער פדיון הבן ביום ג'. כדי עס זאל האבין איבער געגאנגין דרייסיג טאג. יו"ד:

אָדָם. זי הָאט אוים גִיקְוֶועטְשְׁט וויינְטְרוֹיבְּען און אִיהם גִיגֶעבִּין. אָבֶּער דיא
דָאזִינְקִים זֶענִין שׁוֹין אוים גִיטְרִיקֶענְט:

(שצח) טעם. וָואס דֶער חָתָן פַּאסְט דֶעם טָאג פוּן דֶער חוּפָּה. וַוייל אִין
דֶעם טָאג אִיז מֶען אִיהם מוֹחֵל זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אָדֶער כְּדֵי
ער זָאל נִישְׁט זַיין שִׁיכּוֹר אִין דֶער צַייט פוּן די קִדוּשִׁין. א) מ״א:

(שצט) טעם. וָואס דֶער חָתָן פַּאסְט אִין ראש חודש נִיסָן. וַוייל אִין ר״ח
נִיסָן זֶענֶען די קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן גֶעשְׁטָארְבֶּען. רמ״א:

(ת) טעם. וָואס מֶען זָאגְט אַז פַּאר דֶער חֲתוּנָה מוּז מֶען זִיךְ קְרִיגֶען. וַוייל
אָדָם מִיט חַוָה זֶענֶען צוּ זַאמֶען בֶּעשַׁאפֶען גִיוָוארִין און השי״ת
הָאט זֵיי דֶער נָאךְ צֵיטֵיילְט. דוּרְךְ דֶעם פַאר דֶעם יִחוּד בֶּעדַארְף זַיין דיא
בְּחִינָה פוּן צֵיטֵיילֶען. בית אהרן:

(תא) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז מֶען צוּ פְלֶעכְט דיא הָאר פוּן דֶער
כַּלָּה אִין מֶען פְלֶעכְט זֵייא צוּרִיק צוּ פַאר דֶער חוּפָּה.
ווָארִין השי״ת הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן צוּ חַוָה אִין דָהט זי גֶעצִירְט מִיט פִיער אִין
צְוַואנְצִיג עֶרְלֵיי צִירִינְג אִין דָהט זי גִיבְּרֶענְגְט צוּ אָדָם. מס׳ עירובין:

(תב) טעם. וָוס דֶער חָתָן דֶעקְט אִיבֶּער די כַּלָּה מִיט אַ דֶעק טוּךְ פַּאר דֶר
חוּפָּה. אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר בַּייא רִבְקָה **ותקח הצעיף ותתכס**.
זי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם שְׁלֵייעֶר אִין דָהט זִיךְ בַּאדֶעקְט. מהרי״ל:

(תג) טעם. וָוס אִין דֶער צַייט פוּן **קבלת פנים** צוּ דֶער כַּלָּה וַוארְפְט
מֶען וַוייץ. צוּ אַסִימָן אַז זֵיי זָאלֶען זִיךְ מֶעהְרִין ווִיא וַוייץ. נָאר
וַוייל מֶען בַּאדַארְף אַכְטִינְג גֶעבִּין אַז מֶען זָאל עֶס וַוארְפֶען אוֹיף אֵיין רֵיין
אָרְט מֶען זָאל נִישְׁט טְרֶעטֶען אוֹיף זֵייא. אִיז מֶען נוֹהֵג צוּ נֶעהְמֶען הָאפִּי״ן
צוּ בֶּעוַוארְפֶען. דָאס אִיז אוֹיךְ אַגוּטֶער סִימָן דֶער צוּ. רוקח:

(תד) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז צוּ בֶּענְטְשִׁין דֶעם חָתָן מִיט דֶער כַּלָּה
פַאר דֶער חוּפָּה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק **ויברך
אותם אלקים**. גָאט הָאט גִיבֶּענְשְׁט אָדָם מִיט חַוָה. התניא:

טעם

א) אחָתָן וָואס דיא חוּפָּה אִיז אִין ר״ח. וָוען אֲפִילוּ עֶר פַּאסְט נִישְׁט. אָבֶּער די וִוידוּי זָאל
עֶר זָאגִין בַּיי דֶער תְּפִלָּה פוּן מִנְחָה. אֵיין אַלְמָן אָדֶער אֵיין אַלְמָנָה זָאלִין אוֹיךְ
פַאסְטֶען אִין טָאג פוּן דֶער חוּפָּה. מֶען בַּדַארְף נִישְׁט פַאסְטִין נָאר בִּיז נָאךְ דֶער חוּפָּה. וָוען
אֲפִילוּ די חוּפָּה אִיז וָוען עֶס אִיז נָאךְ גְרוֹיס טָאג. אַז די חוּפָּה אִיז שְׁפֶּעהְט אִין דֶער נַאכְט
בֶּעדַארְפִין זֵייא נִישְׁט פַאסְטִין נָאר בִּיז נָאךְ שְׁטֶערִין שְׁטֵיין. נָאר זֵייא בֶּעדַארְפִין זַיין אָפּ
גֶעהִיט נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר. ח״א כלל קכ״ד סעי׳ ב׳:

(תה) טעם. וואס מען קלייד אהן דעם חתן דעם קיטעל פר דער חופה. כדי מען זאל איהם מאכען געדענקין דעם יום המיתה. אז ער זאל נישט נאך גיין נאך די תאוות פון דר וועלט. כל בו:

(תו) טעם. וואס דער מנהג איז אז די אינטערפיהרערס קליידען איהם אהן די מלבושים. כדי מען זאל איהם מאכען גידענקין דעם יום המיתה. וואס דעמילט טוהן איהם אויך אנדערי אהן דיא מלבושים. וועט ער דורך דעם תשובה טוהן צו השי"ת. יעב"ץ:

(תז) טעם. וואס מען דעקט צו דעם קאפ פון דער כלה אין דער צייט ווען מען פיהרט זי צו דר חופה. ווייל איינם פון די קללות וום מען הט די אשה געשאלטען ווייל זיא האט גיברענגט מיתה אויף דער וועלט. איז גיוועזען אז זיא זאל אריין גיין אזוי וויא איין אבל. ילקוט:

(תח) טעם. וואס צווייא אינטערפיהרערס פיהרען דעם חתן איינער פון דער רעכטי האנד אין איינער פון דער לינקער האנד. ווייל דיא מלאכים מיכאל אין גבריאל זענין גיוועזען דיא אינטערפיהרערס פון אדם הראשון. מטה משה:

(תט) טעם. וואס דיא אינטערפיהרערס האלט יעדער אלעכט אין דער האנד. ווארין צווייא מאהל נר באטרעפט "פרו "ורבו. צו אסימן אז זיי זאלען זיך פראכטבארען אין מעהרין. שם:

(תי) טעם. וואס מען גייט צו דער חופה מיט לעכט אין מיט פאקלען. ארמז צו מתן תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויהי קולות וברקים ולפידים, עס איז גיוועזען קולות אין בליטצען אין פלאמען בייא מתן תורה. תשב"ץ:

(תיא) טעם. וום די אינטערפיהרערס פיהרען דיא כלה ארום דעם חתן. ווייל דער חתן איז גלייך צו אמלך. אין אזוי וויא אמלך רינגילט איהם זיין חיל ארום אזוי אויך רינגלען דיא אינטערפיהרערס דעם חתן ארום. א) שם:

(תיב) טעם. וואס דיא ברכה פון נשואין באדארף האבען צעהן מענשין. אזוי געפונען מיר אויך ויקח בועז עשרה אנשים. בועז

האט

א) דאס איז אויך דער טעם. וואס מען גיט דעם חתן דרשה גישאנק. ווייל דער חתן איז דומה למלך. אין אזוי וויא צו אמלך שיקט מען מתנות. אזוי אויך שיקט מען צו אחתן מתנות. שם:

האט גענומען צעהן מענשין. דארשענין דיא חכמים אז ער האט זייא איינגעזאמעלט כדי ער זאל זאגען ברכת חתנים. ביא צעהן מענטשין. מס' כתובות:

(תיג) טעם. וואס מען מאכט איבער דעם חתן מיט דער כלה אחופה. ווייל עס איז דא ביי דער חתונה פיהל מענשין. אזוי ווייזט אוים גלייך ער איז מקדש איין אשה אויף דער גאס. און רב הט געשלאגן מלקות אזוי איינעם וואס ער הט מקדש גיוועזען איין אשה אויף דר גאס. ווייל עס איז איין פריצות. דרום מאכט מען אחופה ער זאל מקדש זיין בצניעות א). ספר המנהיג:

(תיד) טעם. ווס דר מנהג איז צו מאכען דיא חופה אינטער דעם הימל. צו אסימן אז זייערי קינדער זאלען זיין אזוי פיהל וויא דיא שטערין פון דעם הימל. כנסת הגדולה:

(תטו) טעם. וואס מען זאגט זיבען ברכות. אקעגין דיא זיבען חופות. ווס הקב"ה הט געמאכט צו אדם הראשון אין גן עדן. כלבו:

(תטז) טעם. ווס מען נעמט צוויי כוסות. איין כוס צו **ברכת אירוסין** און איין כוס צו **ברכת נישואין**. ווייל מען הט די ברכות אויף צווייא ערטער מתקן גיוועזען. אזוי ווי מיר געפונען אין מסכת ברכות אז דיא ברכה פון אירוסין זאגט מען בבית האירוסין. און דיא ברכה פון נשואין בבית נשואין. און ווייל מען האט זייא מתקן גיוועזען אויף צווייא מקומות. קען מען די ברכות נישט זאגען אויף איין כוס. תוס' פסחים דף ק"ב:

(תיז) טעם. וואס מען איז נישט מקדש מיט אטבעת וואס אין איהם איז דא אשטיין. ווייל עס קען זיין אז איהר דיעה איז אויף דעם שטיין. און זי וועט איהם נישט גיט אפ שאטצען הייסט דם קידושין בטעות. קען זיא נישט מקודש ווערין. אבודרהם:

(תיח) טעם. וואס מען צו ברעכט אנלעזערני כלי ביי דער חופה. ווייל עס שטייט אין פסוק **עבדו את ה' ביראה וגילו ברעדה**

א) דער מטה משה שרייבט אז אלע מנהגים פון חתן אין כלה לערנין מיר אפ פון מתן תורה דארט האט זיך השי"ת בעוויזען צו די יודען אזוי וויא אחתן אקעגין דער כלה. דאס זענין די יודען. דורך דעם ברענגט מען זיא אונטער דער חופה. אזוי וויא דיא יודען זענין גישטאנין אינטער דעם בארג:

אין ספר אשל אברהם מהגאון הקדוש מבוטשאטש זצוק"ל ס' של"ט שטייט גישריבען אז עס איז נישט גלייך צו מאכין אחופה ביום א'. כדי עס זאל נישט זיין כחוקות העכו"ם:

ברעדיה. איהר זָאלְט דינֶען גָאט מִיט פָארכְט אין איהר זָאלְט אייך פְרֵייעֶן מִיט צִיטֶערְנִישׁ. כְּלוֹמַר אוֹיף דֶעם אָרְט פוּן פְרֵייד בַּאדַארְף צוּ זַיין שְׁרֶעק. א) (רוקח). דֶער מִנְהָג אִיז אַז דֶער חָתָן צוּ בְּרֶעכְט דֶעם כּוֹס אִינְטֶער דֶער חוּפָּה. שם:

(תיט) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז אַז דֶער פָאטֶער פוּן דֶער כַּלָּה מַאכְט דִי סְעוּדָה פוּן דֶער חֲתוּנָּה. נִישְׁט דֶער פָאטֶער פוּן דֶעם חָתָן. ווייל דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין בְּרָכוֹת אַז דֶער וָואס הָאט הֲנָאָה פוּן דֶער סְעוּדָה פוּן דֶעם חָתָן אִין אִיז אִיהם נִישְׁט מְשַׂמֵּחַ אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף פִינְעף קוֹלוֹת. דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער מִנְהָג אַז דֶער פָאטֶער פוּן דֶער כַּלָּה מַאכְט דִי סְעוּדָה. הֵייסְט דָאס שׁוֹין נִישְׁט דִי סְעוּדָה פוּן דֶעם חָתָן. וֶועלִין שׁוֹין מֶענְשִׁין נִישְׁט נִכְשַׁל וֶוערִין אִין דֶעם אִיסוּר. דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם וָוס דֶער מִנְהָג אִיז צוּ גֶעבִּין דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק. ווייל נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְשׁ קֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין. דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זֵיי מְשַׂמֵּחַ מִיט מַתָּנוֹת. קרבן עני:

(תכ) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז אַז וֶוען מֶען מַאכְט אַסְעוּדַת מִצְוָה מַאכְט דֶער חַזָּן אֵיין מִי שֶׁבֵּירַךְ צוּ דִיא אַלֶע וָואס זֶענִין דָארְט אֵין זֵייא זֶענִין מְנַדֵּר נְדָרִים וּנְדָבוֹת צוּ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין צוּ שַׁמָּשִׁים אִין צוּ דֶעם חַזָּן. ווייל עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ בְּשַׁעַת אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט דִיא סְעוּדָה פוּן יִצְחָק. הָאט דֶער שָׂטָן מְקַטְרֵג גִיוֶועזֶען ווייל עֶר הָאט נִישְׁט גִיגֶעבִּין קֵיין קָרְבָּן צוּ השי"ת. אִין דוּרְךְ דֶעם אִיז גִיוֶועזֶען דֶער נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵידָה. דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען מְנַדֵּר נְדָבוֹת צוּ צְדָקָה כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קֶענִין מְקַטְרֵג זַיין:

(תכא) טעם. וָוס דֶר מִנְהָג אִיז דֶר נָאךְ צוּ גֶעבִּין דָם דרשה גישאנק דֶער כַּלָּה. ווייל דֶער מִנְהָג אִיז אַז דֶר חָתָן זָאגְט אַדְרָשָׁה. דְרוּם אִיז אָסוּר דֶער חָתָן זָאל נֶעהְמֶען דָאס דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק. ווייל עֶס וֶועט הֵייסֶען אַז עֶר בֶּענִיצְט מִיט דֶער קְרוֹין פוּן דֶער תּוֹרָה. דְרִיבֶּער גִיט מֶען דָאס דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק צוּ דֶער כַּלָּה:

(תכב) טעם. וָואס מֶען נֶעמְט צְוֵויי כּוֹסוֹת אֵיין כּוֹס צוּ דֶעם בֶּענְטְשִׁין אִין אֵיין

א) דֶער פְּרִי מְגָדִים או"ח שְׁרַייבְּט אַז מֶען צוּ בְּרֶעכְט דֶעם כּוֹס צוּ אַרֶמְז אַז בַּיי מַתַּן תּוֹרָה אִיז גִיוֶוען קִידּוּשִׁין. אִין דוּרְךְ דֶעם חֵטְא פוּן דֶעם עֵגֶל. אוּן דִי שְׁבִירַת הַלּוּחוֹת זֶענִין דִי קִידּוּשִׁין בָּטֵל גִוָוארִין. אִין אַזוֹי אוֹיךְ נָאךְ דֶעם חוּרְבַּן בַּיִת רִאשׁוֹן אִין בַּיִת שֵׁנִי. אִין אַז מָשִׁיחַ וֶועט קִימֶען וֶועלִין צִירִיק זַיין דִי קִידּוּשִׁין אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט וארשתיך לי בצדק כו':

אֵיין כּוֹס צוּ זָאגֶען דִיא בְּרָכוֹת. וַוייל מֶען זָאגְט נִישְׁט צְווייא קְדוּשׁוֹת אִיבֶּער אֵיין כּוֹס. תּוֹס׳ פּסחים דף ק״ב:

(תכג) טעם. וָוס מֶען מַאכְט שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה. מִיר לֶערְנֶען אָפּ פוּן יַעֲקֹב. אִין פוּן שִׁמְשׁוֹן. וֶוען עֶר הָאט גֶעוָנדֶערְט צוּ דֶעם לַאנְד פְּלִשְׁתִּים אִין הָט פוּן דָארְט גֶענוּמֶען אֵיין אִשָׁה הָאט עֶר צוּ זֵייא גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל אֵייךְ גֶעבִּין אֵיין רֶעטְנִישׁ אוֹיבּ אִיהר וֶועט מִיר עֶס זָאגֶען דִיא זִיבֶּען טָאג פוּן דֶער סְעוּדָה. ילקוט:

(תכד) טעם. וָואס מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה סוֹף חוֹדֶשׁ. וַוייל נָאךְ דֶעם הַאלְבֶּען חוֹדֶשׁ וֶוען דִי לְבָנָה הֵייבְּט אָהְן קְלֶענֶער צוּ וֶוערִין. שְׁטַארְקֶען זִיךְ דִיא דִינִים. אִין וֶוען דִיא לְבָנָה וֶוערְט בַּאנֵייעְט. וֶוערִין דִיא דִינִים אַוֶועק גֶערוּקְט. א) בני יששכר:

(תכה) טעם. וָוס דֶר חָתָן אָדֶער דִי כַּלָּה בַּאדַארְפֶען צוּ הָאבֶּען שְׁמִירָה. וַוייל דִי מַזִּיקִים זֶענִין זִיךְ אִין זֵייא מְקַנֵּא קֶענִין זֵייא ח״ו נִיזוּק וֶוערִין. אוֹיךְ אֵיוֹלְדוֹת בַּאדַארְף צוּ הָאבֶּען שְׁמִירָה אוֹיךְ אַחוּלֶה. וַוייל זֵייעֶר מַזָּל אִיז נִישְׁט גִיט. אִין סֵפֶר יוֹסֵף אוֹמֶץ שְׁטֵייט אַז מְזָאל נִישְׁט אִיבֶּער לָאזֶען אֵיוֹלְדוֹת אַלֵיין אֲפִילוּ אַרֶגַע. דֶער מִנְהָג אִיז אַז זֵייא גֶעהֶמֶען צוּ זִיךְ אַמֶעסֶער אַז זֵייא גֵייעֶן אִין דִיא שְׁטִיבֶּער פוּן דֶעם הויז אִין דֶער צַייט וֶוען זֵייא זֶענִין אֵיוֹלְדוֹת:

(תכו) טעם. וָואס מֶען גֵייט נִישְׁט אַטַלִּית בִּיז נָאךְ דֶער חֲתוּנָה. וַוייל דִיא פַּרְשָׁה פוּן צִיצִית שְׁטֵייט נֶעבִּין נְשׂוּאֵי אִשָּׁה. עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה גדילים תעשה לך. אִין דֶערְנֶעבִּין שְׁטֵייט כי יקח איש אשה. ספר המנהיג:

(תכז) טעם. וָואס מֶען וֶועט אָהְן גֶערוּפֶען בעל שמחה. וַוייל עֶר אִיז בְּכֹחַ צוּ שַׁאפֶען אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ פוּן שִׂמְחָה. עֶר זָאל צוּ יֶעדֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת. ב) בשם הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר יעקב יצחק מלובלין זצוק״ל:

טעם

א) דֶער מִנְהָג אִיז אַז בִּיז צְווייא אִין צְוָואנְצִיג טָאג אִין חֹדֶשׁ מַאכְט מֶען דִיא חֲתוּנָה:

ב) וּבְשֵׁם הָרַב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ מהר״ש מקארלין זצוק״ל אַז דֶער וָואס הַשי״ת הָאט אִיהְם מְזַכֶּה גֶעוֶועזֶען מִיט אַשִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה דְּהַיְינוּ אַבְּרִית מִילָה אָדֶער עֶר מַאכְט חֲתוּנָה צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי עֶפֶּענְט מֶען אִיהְם אַלֶע הֵיכָלוֹת אִין מֶען אִיז אִיהְם מְמַלֵּא זַיין רָצוֹן. אִין דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז אִיהְם מְצַעֵר אִין דֶעם טָאג. אִין עֶר וֶועט נָאר אֲפִילוּ אֵיין רֶגַע אַוֶועק גִיצוֹיגִין פוּן דִי הֵיכָלוֹת דָאט דֶער וָואס אִיז אִיהְם מְצַעֵר צַוּ־וִויסֶען חֵטְא:

והרב

(תכח) טעם. וואס דער שטר וועט אהן גערופען גט. ווייל עס איז דא אשטיין אין ים וואס דער שטיין פערטרייבט וואס איז ארום איהם. אין דר שטיין הייסט גיטא. דריבער רופט מען אהן דעם שטר גט. ווארין גט איז דאס פירוש ערוויטערין. שלטי גבורים:

(תכט) טעם. וואס מען שרייבט אין דעם גט צוועלף שורות. ווייל דער מספר פון גט באטרעפט אזוי א). לבוש:

(תל) טעם. וואס עס איז אסור צו נעהמען מעוברת או מינקת חבירו. (אז איינער איז געשטארבען אין האט איבער געלאזט אקינד וואס איז נאך נישט אלט צוויי יאהר איז אסור מיט איהר חתונה צו האבען). ווייל אפשר וועט זיא מעוברת ווערין אין דער צייט וואס זיא זייגט דאס קינד וועט איהר מילעך קאלע ווערין. וועט זיא נישט קענין דעם קינד געבין צו זייגען. וועט דאס קינד שטארבען פאר הונגער. אבער ווען עס טרעפט זיך אזוי בייא זיין קינד גיט מען איהם מילעך אדער אנדערי זאכען. אבער בייא איין קינד וואס איז נישט זיין וועט דער מאן נישט לאזען דעם קינד געבין אנדערי זאכען צו עסין וועט דאס קינד שטארבען פר הונגער. דורך דעם האבען דיא חכמים גוזר גיוועזען אז מען זאל נישט נעהמען איין אשה וואס דער מאן איז געשטארבען אין האט איבער געלאזט זיין ווייב מעוברת אדער זי איז אמינקת ביז דם קינד ווערט אלט פיער אין צוואנציג חדשים. מס' יבמות:

טעם

והרב הצדיק הקדוש מארעסק זצוק"ל האט גיזאגט בשם צדיקים אז מען מאכט חתונה צו אקינד. אזוי ווערט צו איהם אויף גיעפינט אשער חדש. אין ווער עס האט שכל מאכט צו זיך אויך אנייע מלבוש:

אין זוהר הקדוש שטייט גישריבען אוף דעם פסוק ישמח ישראל בעושיו. אז ווען איינער מאכט אשמחה אזוי ברענגט השי"ת זיין פאטר און מיטר זיי זאלען זיך מיט איהם משמח זיין:

א) דאס וואס דער מאמר העולם איז דאס עס איז בעסער אגט איידער תנאים אפ צו לאזין. ווייל דו גמרא זאגט אין קידושין אז דער חתן גיט דער כלה אמתנה פאר עדות איז דא אחשש אפשר הייסט דאס קידושין. אין וויא באלד זיא וועט מקודש צו איין אנדרין בעדארף זיא האבין פון דעם ערשטין אגט. דרום זאגט דער ב"י אין סי' מ"ה דאס די קדמונים האבין נוהג גוועזן דאס די כלה זאל אליין בייא דעם חתן ניט נעמין די מתנה. ניט אזוי וויא עס איז אויף גיקימען חדשות אז דער חתן גיט דער כלה בשעת התנאים הויך דער מתנה אטבעת (פערלאבינגס-רונג) דאס איז מעשה בעל דבר אין בפרט דאס פיהל מאהל טיהט דער חתן איהר אן דעם טבעת פאר מענטשין. על כן איז פיהל ליבער אז די מיטער פון דעם חתן זאל געבין דער כלה די מתנה:

(תלא) טעם. וואס עס שטייט דאס לשון ביקור חולים. און ניט דעם לשון. ראיה. הליכה. ווייל עס קומט צו לערנין דעם מענטש דאס ער זאל לערנין דעם חולה אז ער זאל מפשפש אין מבקר זיין זיינע מעשים א) שפת אמת:

טעם

א) איטליכער מענש בדארף זיך בערעכנין אפילו אין זיינע יונגע יאהרען אז ער זאל מאכען אצוואה אפילו ער איז נישט איין עושר זאל ער אויך איין צוואה מאכען וויא אזוי מען זאל זיך נוהג זיין נאך זיין טויט אז די קינדער זאלין גיין בדרך השי"ת אין זאלין תמיד גיין אין שיהל מתפלל זיין. נישט ווי אטייל זענין זיך נוהג אז נאר די עליף חדשים וואס זייא זאגין קדיש גייען זייא מתפלל זיין אין אטייל גייען נאר דעם קדיש אפ שאקלען אין זענין אפילו נישט מתפלל. ע"כ בעדארף יעדער מענש אצוואה מאכען יעדער נאך זיין שכל נאך. וועהן אויך עס איז דא פיהל ספרים פון מוסר וויא אזוי דער מענש בעדארף זיך צו פירען. ווען דער פאטער זאגט אויבער אפ צו זיינע קינדער אזעלכי זאכין. גייט עס ניט אין זייערי הערצער אריין. און בפרט אז איינר איז איין עושר בעדארף ער בוודאי אצוואה שרייבען אין זאל זיך אויך פערזארגין ער זאל נישט טראכטין עס איז נאך צייט אצוואה צו מאכען. ווייל דער מענש ווייסט נישט ווען ער וועט שטארבין אין מיט וואס זיין טויט וועט זיין. איינזערע חכמים אין דער צייט וואס זייא זענין גיגאנגען איבער זעהן זייערי פעלדער האבין זייא אצוואה גימאכט. זייא האבין גיזאגט אלע וועגין זענין אסכנה. אין דער מענש זאל דורך דעם נישט מורא האבין פאר דעם טויט. ווארין דורך אזעלכי זאכען שטארבט מען נישט:

דיא גמרא זאגט אז איינער ווערט קראנק און איז קרוב למיתה זאגט מען איהם ער זאל זאגין וידוי ווארין אזוי בעדארף זיין אז יעדער מענש בעדארף פאר דעם טויט זאגין וידוי. אויך זאגט די גמרא אז די אלע וואס זייא זאגין וידוי האבין אחלק לעולם הבא. נישט אזוי וויא עס איז דא מענשין וואס זיי זענין קרובים פון דעם קראנקען אין נשים וואס האבין רחמנות. אין אז זייא הערין אז מען קימט מבקר זיין דעם חולה אין מען עפענט איהם אויף דיא טויהרען פון תשובה. איהם מעורר זיין צו זאגין וידוי. שטייען זייא אויף וויא איין לייב אקעגין איהם מיט זייער צארין אין זאגין צו איהם. ווער האט דאס פערלאנגט פון אייך אז דער קראנקער וועט הערין אזעלכי רייד פון אייך וועט ער נאך פער חלישת ווערין. אין מען וועט איהם נישט קענין העלפין אין איהר וועט זיין שילדיג אין זיין טויט. אין זאגין צו דעם קראנקען האסט גיזעהן דעם משוגע ער איז גיקימען דיך אפ שרעקין גלייך עס איז גיקימען די צייט פון דיין שטארבין. אין די ביסט גאהר געזינד זאלסט נישט פחד האבין. די שטייסט באלד אויף. אין דער ווייל שטארקט זיך אויף איהם די קרענק אין שטארבט אן וידוי. יסוד התשובה:

סדר הווידוי

מודה אני לפניך ה' אלהי ואלהי אבותי שרפואתי ומיתתי בידך יהי רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי שתרפאני רפואה שלימה ואם אמות תהי מיתתי כפרה על כל החטאים ועונות ופשעים שחטאתי ושעויתי ושפשעתי ותן חלקי עם הצדיקים בגן עדן וזכני לעולם

(תלב) טעם. וואס דער מנהג איז מען צינד אהן לעכט פאר דעם גוסס. ווארין דיא סגולה פון דיא לעכט איז צו מאכען אנטלויפען די רוחות. אפילו ביא נאכט ווען מען גייט מיט אלעכט איז אזוי וויא צוויי מענטשין גייען. א) מעבר יבק:

(תלג) טעם. וואס דיא מקובלים שרייבען דאס מען באדארף נזהר צו זיין בשעת דער מענטש שטארבט עס זאל נישט ארויס גיין איין אבר פון זיינע איברים חוץ למטה. ווייל ארום דעם בעט געפינין זיך כל מיני משחית. רוחות. ולולין. ושדין. אזוי טוהט דאס אבר ליידען פיהל יסורים ביז ער נעמט דאס אבר צוריק אריין. ילקוט ראובני:

(תלד) טעם. וואס מיטאהר זיך נישט אפ שיידען פון דעם גוסס. כדי ער זאל נישט שטארבען מיט עגמת נפש. ווייל דם נפש איז זייער מיט צער אין דער שעה ווען זיא גייט ארויס פון דעם גוף אז ער איז אליין. כל בו:

ענ"ני שמחות

(תלה) טעם. ווס מען גיסט אויס דם וואסר ווען איינר איז געשטארבן. כדי אז יעדער זאל וויסען אז עס איז איינער געשטארבען וועט מען נישט באדארפען מיט דעם מויל צו רעדין. כל בו:

(תלו) עוד טעם. ווייל דער מלאך המות שווענקט אפ זיין מעסער אין דעם וואסער. (ש"ך). ב) עס איז דא ארמז אין דער

תורה

הבא הצפון לצדיקים. (כל בו): אין מעבר יבק שפתי צדק פ"ז וועט געברענגט נאך ענייני וידוי:

א) מען איז נוהג מסלק צו זיין די קרובים פון דעם חדר הגוסס כדי זייא זאלין איהם נישט מיט זייער קול מצער זיין. ווייל דעמילט איז די צייט צו שווייגין פון גיוויין מען זאל נישט מטרד זיין דיא כוונה פון דעם וואס איז זוכה ער זאל זיך דעמילט מקדש זיין אזוי וויא די מלאכים אין וויא די שרפים. אבער אז זיינע קרובים קענין זיין ביא דעם גוסס אין שטיב אין נישט וויינין איז קיין ספק אז עס איז אתענוג צו דעם מת אז זיינע לעבידיגע קרובים זענין דארט בשעת ווען עס טיהט זיך פון איהם אפ זיין נשמה. אזוי וויא ער האט הנאה פון זיינע קרובים די מתים וואס קימען צו איהם אזוי ווי מיר געפינין אין זוהר פ' ויחי:

ב) אין תשב"ץ שטייט אז אחכם האט גיזעהן אז איינער האט גיטרינקען פון דעם וואסער אין אשטיב וויא איינער איז גישטארבין. האט דער חכם צו איהם אן גישריגען ער זאל נישט טרינקען אין דער צייט פון פטירת המת. אין נאך אקליינע צייט וואס ער האט גיטרינקען איז דער מענש וואס האט גיטרינקען גישטארבין. האט מען דעם חכם גיפרעגט

וואס

תורה עם שטייט . ותמת שם מרים ותקבר שם ולא הי' מים לעדה . (אז מרים איז געשטארבען האבען דיא יודען נישט געהאט קיין וואסער) . ווייל אלע האבען אויס געגאסען זייער וואסער . אין דרייא הייזער בייא דעם מת באדארפען אויס גיסען דאס וואסער . אין שבת באדארף מען נישט אויס גיסען. נאר בייא דער נאכט ווען עס בלייבט פון דעם וואסער באדארף מען אין מוצאי שבת אויס גיסען :

(תלז) טעם. וואס מען טאר נישט אמת אליין איבער לאזען . נאר מען באדארף איהם היטען . כדי עס זאל אין איהם נישט אריין גיין ארוח רעה . וואריין די רוחות זענין באשאפען געווארען אהן אגוף און אזוי באלד זייא זעהן אגוף וואס איז אהן אנשמה זענין זיי זיך אין איהם מתדבק. מעבר יבק א) :

(תלח) טעם. פון דעם צו מאכען די אויגען פון דעם מת. כדי ער זאל נישט זעהן איין אנדערי זאך נאך דעם וואס ער הט געזעהן דיא שכינה. ווען ער האט אזוהן זאל איהם דער זוהן צו מאכען די אויגען. ווען עס איז דא ארץ ישראל ערד זאל עס איהם דער זוהן אליין געבין אויף דיא אויגען. שם :

טעם

וואס ער האט גיזעהן אין דער צייט וואס ער האט אן גישריגען . האט ער גיזאגט אז ער האט גיזעהן וויא דער מלאך המות האט זיין שווערד אין דעם וואסער אפ גישווענקט. ווען מען האט פון דעם וואסער גיקאכט אויף שבת איז דאס עסין נישט אסור :

אויך אזוי איין וואסר וואס עס איז אשאדען דער ביי בעדארף מען נישט אויס גיסען. דהיינו סאדער וואסער . מינעראל וואסער אדער ווען מען האט ווייין אויף גישטעלט אין די ראזינקים האבין גיווייקט איין מעת לעת בעדארף מען נישט אויס גיסען. אבער פאר איין מעת לעת איז נאך קיין שאדין דאס וואסער אויס צו גיסען :

א) אין ספר מצודת דוד וועט גיברענגט אמעשה פון איין אשה זקינה וואס האט גילעבט קרוב צו הינדערט יאהר . אין זיא איז גוועזין שלעכט אקעגין ארימע לייט אין זיא האט גיהאט זיהן אין טעכטער אין זיא איז מיט זייא נישט גוועזין צו זאמין נאר פאר זיך אליין . איהרע קינדער האבין זיא מפרנס גוועזין . אין דער צייט וואס דיא קינדער זענין גיפארין נאך סחורה איז זיא גשטארבין אין קיינער האט נישט געוויסט צו זיא איז גשטארבין זיא איז אזוי גילעגין מער וויא דרייא טאג וויא די קינדער זענין גיקימען האבין זייא זיא געפינין ליגין טויט אין מיטען שטיב. דאס מויל אפין די הענד אין פיס פערקרימט די צינג ארויס גיהאנגין פון איהר מויל די אוגין אויפען . אין אזוי וויא מען האט זיא בעגראבין פלעגט זיא קימען איעדי נאכט צו קראנקע אין איהר גישטאלט גלייך וויא זיא האט גילעבט אין פלעגט זייא ריפען אדער זיא האט זייא גישלאגין אין ביז זיבען טאג איז דער גישטארבין. און ביז פערציג טאג זענין גישטארבין מער וויא צוויי הינדערט מענשין . אין די אלע האבין

דער

(תלט) **טעם.** וואס מען לייגט דעם מת אויף דער ערד. וואָרין אז ער לייגט אויף דעם בעט אדער אויף איין אנדערי זאך טוהן זיך אין איהם האלטען דיא רוחות ווייל דאס איז מקבל טומאה. אבער דיא ערד איז נישט מקבל טומאה. שם:

(תמ) **טעם.** וואס מען דעקט צו דאס פנים פון דעם מת מיט איין לאלעך. כדי דיא מקטריגים זאלען נישט זעהען אין זיין פנים אויך נישט אין זיין שטערין וואס דארט זענין אויף געצייכענט זייגע עונות א) וועלין זיי איהם שלעכטען טוהן. שם:

(תמא) **עוד טעם.** כדי מען זאל נישט דיא ארימע לייט מבייש זיין וואס זייער פנים איז שווארץ פאר הונגער. אויך איז אסור צו זעהען אין פנים פון דעם מת ער זאל נישט בייא איהם מבוזה ווערין. שם:

(תמב) **טעם.** ווס מען טאר נישט לאזען ליגען דעם מת איבער נאכט ב). וואָרין כל זמן דער גוף ווערט נישט באגראבען. קומט נישט דיא נשמה פאר השי"ת אין קען נישט מגולגל ווערין אין איין אנדערין גוף. דריבער איז אסור צו לאזען ליגען דעם מת איבער נאכט. ווייל אפשר

וועט

דער ציילט פאר דעם טויט אז זייא האבין זיא געזעהן וויא זיא ריפט זייא אודער וויא זיא האט זייא געשלאגין. האט מען געפינט דאס קבר האט מען זיא געפינען אז די הויב פון דעם קאפ איז געווען איין געשטעקט אין איהר מויל עס האט נישט ארויס געשטעקט פון דעם מויל נאר דיא שפיצין פון דער הויב. אין בלוט האט איהר געריגען פון דעם מויל אין פון דיא אויגען. און דער טויט פון די קראנקע האט נישט אויף געהערט ביז מען האט זיא פערברענט. פון דעם זעהט מען אז מען טאר נישט אמת אליין איבער לאזין ווייל די שדים אין די מזיקים זיכען אזוי איין גוף וואס זייא זאלין זיך אין איהם בעהעפטין:

א) אין ספר עבודת ישראל שטייט געשריבען אז עס איז דא צדיקים וואס זייא דער קענין אין פנים פון דעם מענש וואס איין עבירה ער האט געטיהן. אזוי וויא עס איז געווען אמעשה אז האריז"ל האט געזאגט צו אמענש אלע עבירות וואס ער האט געטאן אין דער מענש האט איהם אויף אלע עבירות מודה געוועזען. נאר אויף איין עבירה האט ער נישט מודה געוועזען. האט האריז"ל מיט זיין האנד איבער געגאנגין אויף זיין פנים. אין האט פאר איהם אנידער געשטעלט די עבירה אליין וואס ער האט אויף איהר עובר געוועזין:

ב) איין אונן בשבת אודער ביו"ט אין מען האט דאס מת בגראבין ערשט ביום מחר. זאל ער קיין הבדלה מאכין נאר ערשט נאך דער קבורה זאל ער איבר דעם כוס מאכן הבדלה. היינו ער זאל מאכין אברכה איבער דער משקה פון דעם כוס אין המבדיל בין קודש לחול כו'. אובער בורא מאורי האש זאל ער נישט זאגין. א אונן אין חנוכה זאל איין אנדערער אן צינדען די חנוכה לעכט אין ער זאל נאך זאגין אמן:

אאונן

וועט השי״ת איהם הייסען תיכף קומען אין איין אנדערין גוף כדי מען זאל איהם אטובה טוהן. א) זוהר:

(תמג) טעם וואס מען וואשט דעם קאפ פון דעם מת מיט אייער אוים גימישט מיט דער שאהל. דאס איז איין אלטער מנהג ווייל דאס בית הקברות פלעגט זיין ווייט פון דער שטאט. האט מען דאס גיטאן צו אסימן אז די גרעבערס זאלען דערקענען אז דאס איז אישראל. דער טעם וואס מען האט גימאכט דעם סימן מיט אייער. ווייל דאס איז אגלגל וואס עס גייט ארום די וועלט. כלבו:

(תמד) טעם. וואס מען מאכט נישט קיין קניפען אין דיא תכריכים פון דעם מת. אזוי אויך מאכט מען נישט קיין קניפען אין זיין גארטעל ווייל דאס ווייזט אז מען גלייבט אין תחיית המתים. מעבר יבק:

(תמה) טעם. וואס מען בעדארף צו נייען די תכריכין מיט פאדים פון פלאקס ווייל פשתן הייסט עץ. אזוי ווייזט עס אויף דעם עץ החיים. שם:

(תמו) טעם. וואס אמת איז חייב אין ציצית. ווייל די מצוה פון ציצית איז זייער גרוים זיי וועגין אקעגין אלע מצות. און אז מען וועט איהם נישט מאכען ציצית איז אזוי וויא מען שפעט אוים איהם ב).

תום׳ נדה:

טעם

אאונן אין פסח איז ער חייב ביי דער נאכט צו מאכין קידוש און צו מאכין אברכה המוציא און איז חייב בברכת המזון אבער די הגדה זאל ער ניט זאגין נאר אוים הערין פון איין אנדערין. אויך זאל ער ביי דער נאכט מתפלל זיין:

א) בשער הגילגולים פון האריז״ל שטייט גישריבען אז עס איז ניט דא אגריב אדער פערזאמלינגען פון וואסער אין שטראמען פון וואסר אין קוואלען וואסער וואס דארט זאל ניט זיין פיהל מגולגלים. דרום בדארף דער מענטש נזהר זיין נישט צו טרינקען וואסער פון דעם ריינער נאר מיט די הענד אדער דורך אכלי ווייל מען קען גיזיק ווערין: אויך גיפינען מיר אין ספר אור צדיקים. דאס איין מאהל איז האריז״ל גיגאנגין מיט זיינע תלמידים לערנין אין פעלד אריין. האט ער דארט גיזעהן אז אויף די ביימער זענין גיזעסין פיהל טוזינדער אין צעהן טוזינדער נשמות. אויך איז דארט גיוועזן אשטראם האט ער גיזעהן דאס אוף דעם וואסער זענין גישווימען פיהל טוזינדער נשמות. האט ער זיי גיפרעגט וואס זיי פערלאנגין. האבין זיי איהם גיענטפערט דאס זייא האבין גיהערט פון זיין קדושה דאס ער קען זיי מתקן זיין. ווארין זיי זענין נדחה גוואורין ווייל זיי האבין נישט תשובה גיטאן ביי זייער לעבין אוף דער וועלט. האט זיי האריז״ל מבטיח גוועזן דאס ער וועט זיי מעלה זיין:

ב) יען איז נוהג אות צו מאכין די קניפין פון די ציצית. אין אזוי איינער וואס האט ניט

מקיים

(תמז) **טעם.** וָואס מֶען שְׁטֶעלְט דִּיא מִטָּה מִיט דֶּעם מֵת דְּרַייא מָאהְל אַנִידֶער פַאר דֶעם זָאגִין צִדּוּק הַדִּין. כְּדֵי צוּ מַאכֶען פוּן אִיהְם אַנְטְלוֹיפֶען דִי רוּחוֹת הַטוּמְאָה וָואס זֵייא ווִילֶען זִיךְ אִין אִיהְם הַאלְטֶען. זֵייא זָאלִין נִישְׁט מִיט אִיהְם מִיט גֵיין צוּ דֶער קְבוּרָה. וָוארִין אַז מֶען שְׁטֶעלְט אִיהְם אַנִידֶער גֵייעֶן זֵיי אַוֶועק. אִין דִי טֶעג וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט צִדּוּק הַדִּין בֶּעדַארְף מֶען אִיהְם נִישְׁט אַנִידֶער שְׁטֶעלִין. וַוייל אִין דֶעם טָאג וֶועגֶען נִישְׁט אַזוֹי דָא דִיא רוּחוֹת הַטוּמְאָה. א) ש"ך:

(תמח) **טעם.** וָואס דֶער מִנְהָג אִיז אַז אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין גִיט נִישְׁט דִי לָאפִּיטֶע. נָאר מֶען לֵייגְט זִי אוֹיף דֶער עֶרְד. אוֹיךְ וֶוען מֶען וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְד דֶער לַאנְגְט נִישְׁט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין דִיא כְּלִי. כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבִּין אַצָּרָה צוּ זַיין חָבֵר. מעבר יבק:

טעם

מְקַיֵּים גִיוֶועזֶען דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית בַּייא זַיין לֶעבִּין אִין דֶער נָאךְ וֶועט מֶען אִיהְם מַאכִין צִיצִית אִיז גְלַייךְ וִויא מֶען שְׁפֶּעט אוֹיס אִיהְם. דָאס בַּייא זַיין לֶעבִּין הָאט עֶר נִיט מְקַיֵּים גִיוֶועזֶען דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אִין נָאךְ זַיין טוֹיט אִיז עֶר מְקַיֵּים:

א) עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶע הֲנָאָה צוּ דֶעם פָּאטֶער אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענִין זִיךְ מִיט אִיהְם מִתְעַסֵּק בַּייא זַיין קְבוּרָה. אִין עֶס אִיז בְּוַדַאי צוּ דִי קִינְדֶער אַגְרוֹיסֶער זְכוּת. אַזוֹי גֶעפִינִין מִיר אוֹיךְ בַּייא אַבְרָהָם אִין יִצְחָק וְיַעֲקֹב אַז זֵייעֶרֵי קִינְדֶער הָאבִּין זִיךְ מִיט זֵייא מִתְעַסֵּק גִוֶועזִין. (מעבר יבק). אַז עֶס גֵייעֶן רֶעגִין אוֹיף דֶער מִטָּה וַוייזְט עֶס אוֹיף הִתְעוֹרְרוּת פוּן רַחֲמִים שפתי צדק:

וֶוען מֶען טְרָאגְט אִיהְם צוּ דֶעם קֶבֶר זָאל מֶען זָאגִין וִיהִי נוֹעַם וכו'. אִין נָאךְ דֶער קְבוּרָה זָאל אֵיידֶער זָאגִין דְרַייא מָאהְל דֶעם פָּסוּק וִיהִי רחום כו'. מִיט דֶעם זָאגִין אִיז מֶען פוּן אִיהְם מְסַלֵּק דִי דִינִים. דֶער נָאךְ זָאלֶען אַלֶע זָאגִין **וסר עונך וחטאתך תכופר**. (שם). דֶער מ"ז אִין סי' שע"ו בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם רש"ל אַז נָאךְ דֶער קְבוּרָה זָאל מֶען זָאגִין ז"פ **ויהי נועם** דָאס עֶרְשְׁטֵי מָאהְל בִּיז דֶעם וָוארְט כִּי אִין דָאס וָוארְט כִּי אוֹיךְ. דָאס אַנְדֶערֵי **ויהי נועם** בִּיז **כי מלאכיו**. דָאס דְרִיטֶע מָאהְל בִּיז **כי מלאכיו יצוה**. דָאס פֶערְדֵי מָאהְל בִּיז **יצוה לך**. דָאס פִינְפְטֶע מָאהְל בִּיז **לך לשמרך**. דָאס זֶעקְסְטֵי מָאהְל בִּיז **לשמרך בכל**. דָאס זִיבֶּעטֵי מָאהְל בִּיז **בכל דרכיך**:

דער מַעֲבַר יַבֹּק שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל אִינְטֶער דֶעם מֵת גֶעבִּין דִי עֶרְד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיף דֶעם בְּרִית. אוֹיךְ אַבִּיסִיל אוֹיף זַיינֶע אוֹיגִין אִין אוֹיף זַיינֶע הֶענְד. דִי עֶרְד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל טִיהְט פַאר לֶענְדִין דֶעם גוּף בִּיז אִין אַחוֹדֶש:

אין סֵפֶר דְּבָרִים נֶחֱמָדִים לְהָרַב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ מוהר"ר **צבי אלימלך מדינוב** זצוק"ל אִיז מְפוֹרָשׁ וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין (אָבוֹת) שֶׁתִּקְוַת אֱנוֹשׁ רִמָּה. הַיְינוּ דֶער נִפְטָר הָאט צוּ דֶעם אַז פוּן זַיין פְלֵייש זָאל וֶוערִין ווֶערִים. דָאס פְלֵייש זָאל פְרִיהֶער פֶערְצֶערְט וֶוערֵיי וָוארִין כָּל זְמַן דָאס פְלֵייש אִיז נִישְׁט פֶערְצֶערְט אִיז דֶער דִין פֶערְשְׁפַּרֵייט אוֹיף דֶעם

אבער

(תמט) טעם. וואס מען וואשט זיך די הענד ווען מען גייט צוריק פון דעם בית הקברות. ווייל די שדים בעלייטען די מענטשען וואס גייען צוריק. מען בעדארף זיך דאס פנים אויך אפ וואשען. א) (מ"א):

(תן) טעם. אז ווען מען גייט ארוים פון דעם בית הקברות ראהסט מען אוים גראז פון דער ערד. ארמז צו תחיית המתים. אזוי וויא עס שטייט ויציצו מעיר כעשב הארץ. זייא וועלין שפראטצען פון דער ערד אזוי וויא דאס גראז טוהט שפראטצען. אבודרהם:

(תנא) טעם. אז ווען מען גייט פון דעם בית הקברות זעצט מען זיך דריי מאהל אנידער. אין אטייל זאגען אז מען זאל זיך זיבען מאהל אנידער זעטצען. דורך די רוחות וואס זייא באלייטען דאס מת.

אין

אבער נישט נאך דעם פערצערט ווערין. אין דער צוואה פון הגאון הקדוש מו"ה נפתלי כ"ץ זצוק"ל וועט גיברענגט אז ער האט גיהייסען מאכין אין זיין ארון גרויסע לעכער כדי דאס פלייש זאל פריהער פערצערט ווערין:

אין ספר חסידים וועט גיברענגט אמעשה עס האט אמענש איין גישלינגען בלשמ"י אין איז גישטארבין אין עטליכע יאהר איז ער צו זיינע קינדער גיקימען צו חלום אז זייא זאלין איהם אוף גראבין אין זעהן וואס עס איז צו איהם שוועהר. האבין זייא גימיינט אפשר האט מען איהם אפ געצויגין די קליידער אין ער ליגט נאקיט. האבין זייא איהם אויף גיגראבין האבן זיי איהם געפינין ליגען גאנץ גלייך מען האט איהם ערשט בעגראבין. האבין זייא גוואלט עפינין זיינע קליידער אין זעהן וויא אזוי זיין גוף איז. וויא זייא האבין נאר אן גערירט אין איהם איז דאס קלייד אראפ גיפאלין אין עס איז פון איהם נאר נישט איבער גיבליבען. ווארין ער איז נאך פאר פיהל יאהרין גישטארבין. אין איז גווארין אזוי וויא שטויב. אין דריבער איז ער גיקימען צו חלום ווארין מען האט איהם דן גוועזין כל זמן דער גוף איז גוועזין גאנץ:

דארך דעם זענין פיהל מענשין גווארינט אין קאזין נישט פון זיך די צורה אראפ געמין. זיך צו פאטיגראפירען. ווייל עס איז פאר איהם שוועור נאך זיין שטארבין. אין ספר יערות דבש שטייט אז מען זאל נזהר זיין אז אין זיין שטיב זאל נישט זיין קיין שום צורה אוים גיהאקט פון האלין אודער פון שטיין. אין אפילו פון אצורה וואס איז גימאלין אויף דער וואנט בעדארף מען אויך זיין גווארינט. ווארין אוף איעדין בילד איז שורה ארוח רעה וואס איז מזיק. אין בעוה"ר איז מען נישט נזהר אין איינער לערינט זיך אפ פון דעם אנדערין אן צו פילען זייערי שטיבער מיט צורות פון מענטשין פון פייגיל אין חיות אין פיהל כלים פון קיפער אין זילבער קימען מיט צורות פון מענטשין. מחבלים אין משחיתים קימען צו איהם אין שטיב אריין. ווען דאס אויג זאל האבין רשות צו זעהן אזוי וואלטין זייא נישט גוויסט וואס צו טיהן פאר גרוים פחד: עכ"ל:

א) דער מנהג איז אז מען זאל נישט אריין גיין אין שטיב פאר דעם וואשען. און פאר דעם וואס מען זעצט זיך אנידער דרייא מאהל. אוך איז דער מנהג אוים צו גיסען דאס גאנצי וואסער פון דער כלי נאך דעם וואשין די הענד. שם:

אין יעדער צייט ווס מען וועצט זיך אנדערע מיהן זייא פון איהם אנטלויפען.
לבוש סי׳ שע״ו:

(תנב) טעם. וואס דער מנהג איז אוים צו רייסען גראז אין דער צייט ווען מען גייט פון דעם מת אין מען ווארפט דאס גראז אינטער זיך נישט פאר זיך. ווייל דיא נשמה איז מלוה דעם גוף פון דעם מת ביז צום קבר. אין די נשמה טאר נישט צוריק גיין ביז דאס קהל גיט איהר רשות אז זיא מעג צוריק גיין. אין מיט דעם וואס מען רייסט אוים דאס גראז אין מען ווארפט עס אינטער זיך. דאס איז דר סימן פון רשות. עס איז גלייך וויא מען זאגט צו דער נשמה גייא צו דיין רוהה. תשב״ץ:

(תנג) טעם. וואס דער מנהג איז אז בייא דער ערשטער סעודה גיט מען דען אבל צו דער סעודה אייער. ווייל דיא אייער זעגין קאלעכדיג. כלומר דס איז איין גלגל ווס עס גייט ארום די וועלט. כלבו:

(תנד) טעם. וואס דער אבל טאר נישט עסין דיא ערשטי סעודה פון זיינעם. ווייל השי״ת האט געזאגט צו יחזקאל הנביא.
ולחם אנשים לא תאכל. ברויט פון אנדערי מענטשין זאלסטו נישט עסין. לערנין מיר פון דעם אפ אז נאר צו יחזקאל הט השי״ת אזוי געהייסן. אבער איין אנדערער אבל טאר נישט עסין פון זיינעם. נאר דאס ברויט פון אנדערי מענטשין. שבלי הלקט:

(תנה) טעם. וואס דער אבל איז אסור צו גיין אין שיך אהן געטוהן. ווייל השי״ת האט געזאגט צו יחזקאל. **ונעלך תשים ברגליך.** דיא זאלסט גיין דיינע שיך אויף דיא פוס. לערנין מיר אפ אז איין אנדערער אבל טאר נישט גיין די שיך אויף די פוס. מ״ק:

(תנו) טעם. וואס איין אבל איז אסור צו לערנין תורה. ווייל עס שטייט. **פקודי ה׳ ישרים משמחי לב.** דיא תורה פון גאט איז רעכט פארטיג זיא דער פרייד דאס הארץ. אין איין אבל איז אסור אין שמחה די גאנצע זיבען טאג. ש״ך:

(תנז) טעם. וואס איין אבל איז אסור צו לייגען תפילין. ווייל השי״ת הט געזאגט צו יחזקאל **פארך חבוש עליך.** דיין שונקייט זאל זיין אויף דיר. דאס הייסט ער זאל גיין אין דיא תפילין. לערנין מיר אפ אז איין אנדערער אבל איז אסור צו גיין אין די תפילין א):

(תנח) טעם. וואס ער טאר זיך נישט אפ שעהרין. ווען איך זעה דאס השי״ת האט געזאגט צו דיא קינדער פון אהרן. **ראשיכם**

א) דאס איז אבער נאר אין ערשטין טאג טאר ער נישט גיין אין די תפילין. ווייל אין ערשטין

אל תפרעו. איהר זאלט אייך נישט לאזען דיא האר פון דעם קאפ ווילד וואקסען. איז געדרינגען אז איין אנדערער אבל איז חייב די האר צו לאזען וואקסען. (מ"ק). די האר טאר מען נישט פר דרייצעהן וואכען אפ שערין. מהרי"ל:

(תנט) **טעם.** וואס איין אבל איז אסור צו טוהן אמלאכה. ווייל עס שטייט אין פסוק (והפכתי חגיכם לאבל) איך וועל איבער קעהרין אייערי ימים טובים צו טרויער. אין אזוי וויא יו"ט איז אסור אין אמלאכה. אזוי איז איין אבל אויך אסור אין אמלאכה. מ"ק:

(תס) **טעם.** וואס איין אבל איז אסור אין שאילת שלום. ווייל השי"ת האט געזאגט צו יחזקאל. האנק דום. כלומר אין דער זאך זאלסטו נוהג זיין אבילות. אין זאלסט נישט פרעגין צו שלום. איז איין אנדערער אבל בודאי אסור אין שאילת שלום. שם:

(תסא) **טעם.** ווס דר מנהג איז אהן צו צינדען אלעכט אויף דעם ארט וויא ער איז געשטארבען. אלע זיבען טאג. ווייל די נשמה האט פון דעם הנאה. אזוי אויך דיא גאנצע צוועלף חדשים זאל מען לעכט אהן צינדען אין דער צייט פון דער תפלה. ווייל אין דיא צוועלף חדשים איז די צייט וואס דער גוף ווערט פערפוילט אין דער ערד אין מען איז דן די נשמה. אין דיא נשמה גייט אלע מאהל ארויף אין אראפ. (מעבר יבק). ווען איינער איז געשטארבען פאר יו"ט אזוי זאל מען דאס לעכט אן צינדען דיא גאנצע זיבען טאג אין אחדר וויא מען עסט נישט דארט. אין ווען ער הט נישט קיין אנדער חדר. זאל ער דם לעכט אהן צינדען אין שיהל. א"ר:

(תסב) **טעם,** וואס מען שטעלט אין דעם הויז פון איין אבל אלעכט אין אגלאז מיט וואסער אין אוויים שטיקעל טיכעל. ווייל אין דער צייט פון דער גזירה האט מען זיך נוהג גיוועזען ווען עס איז גיוועזען אחופה אדער אברית מילה. אז מען זאל דארט לעכט אהן צינדען צו אצייכען אז די וואס פאהרען דורך. זאלען וויסען אז אויף דעם ארט איז דא אחופה אדער אברית מילה אזוי וועלין זייא קומען צו הערין דיא ברכות. אין כדי דיא מענטשין זאלען נישט מיינען אז דאס לעכט וואס מען האט

אהן

ערשטין טאג איז דער עיקר פון זיין ביטערקייט. צו לערנין תורה איז אסור די גאנצי זיבען טאג. ווייל די תורה דער פרייט דאס הארץ. אין שמחה איז אסור די גאנצע זיבען טאג. אבער תפילין איז נישט אסור נאר דורך שיינקייט. איז געניג אז ער זאל נישט גיין דעם ערשטין טאג אין שיינקייט אבער נאך דעם ערשטין טאג מעג ער שוין לייגין תפילין. שבלי הלקט:

אהן געצונדען פיר דער נשמה פון דעם מת אז דס איז אלעכט פון שמחה. שטעלט מען דורך דעם ביי דעם לעכט אגלאז מיט וואסער אין אוייס שטיקעל טיכעל וואס איז איבער געבליבען פון די תכריכי המת צו אסימן אז דאס לעכט איז נישט אלעכט פון שמחה. נאר מען האט דא מטהר גיוועזען אמת:

(תסג) טעם. ווס מען איז מתפלל אויף דעם ארט ווי ער איז געשטארבען. די גאנצע זיבען טאג ווייל די נשמה איז אויף איהם מתאבל איז דאס אנייחא פאר דיא נשמה. (שבלי הלקט):

(תסד) טעם. וואס מען זאגט נישט ברכת כהנים בייא איין אבל. ווייל דער אבל איז אסור אין שלום. קען מען נישט זאגען וישם לך שלום. הר אבל:

(תסה) טעם. וואס מען פאלט נישט תחנון ביי איין אבל. כדי מען זאל נישט גובר זיין דעם מדת הדין. לבוש סי' קל"א:

(תסו) טעם. וואס מען האט מתקן גיוועזען צו זאגען דעם קדיש בלשון ארמית. ווייל מען איז רגיל גיוועזען צו זאגען קדיש נאך דער

דרשה

א) אז מען גייט מנחם אבל זיין זאל מען זאגין ווען מען גייט אוועק פון דעם אבל. המקום ינחם אתכם עם שאר אבילי ציון וירושלים. ווען מען איז מנחם אבל אין שבת זאל מען זאגין שבת היא מלנחם ונחמה קרובה לבוא. קיצור של"ה:

מען זאל נישט פיהל טרויערין אוף אמת. אין ספר הק' אור החיים וועט גיפינענט אוף דעם פסוק בנים אתם לה' אלקיכם. אז ווען איינער שטארבט וועט ער נישט פערלוירען. עס איז נאר גלייך צו אמענטש וואס ער האט זיין זיהן געשיקט נאך סחורה אין איין אנדרע שטאט אריין אין נאך איין צייט שיקט דער פאטער נאך זיין זיהן. דער זיהן פעהלט נאר פון דעם אורט וואס ער איז פון דעם אורט אוועק גינאנגען. אבער על כל פנים איז ער דא:

ובשם הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר צבי הכ"ן זצוק"ל מרימנאב אז ער האט געענטפערט צו זיין איידים הרב החסיד המופלג בתורה מו"ה ארי' לייביש אוף דעם וואס ער האט איהם גיפרעגט אין דער צייט ווען עס איז בייא איהם גישטארבין אקליין קינד. ווארין ער האט גיהאט צער גידול בנים ל"ע. פאר וואס אז איעדער וואס ער קימט פאר איהם אז ער זאל בעטין רחמים וועט זיין תפלה אן גענימען לרצון. פאר וואס בעט ער נישט אויף זיך אליין צו השי"ת אז זיינע קינדער זאלין איהם בלייבען לעבין. אויך האט מען בייא איהם נישט גיזעהן קיין שום עצבות וואריין ווען דאס קינד איז איהם גישטארבין האט ער אין שבת אין מיטען אבילות גיזינגען לכה דודי מיט גרויס שמחה. האט ער איהם גיענטפערט אז מיט דעם אליין דינט מען אויך השי"ת. פאר וואס זאל דיר נישט קשה זיין אוף דעם וואס אברהם אבינו האט נישט גיבעטין פון השי"ת דאס ער זאל פון איהם נישט

פערלאנגן

דרשה. אין דארט זענין געוועזען עמי הארצות וואס פארשטייען נישט לשון הקודש. האט מען דאדורך מתקן געוועזען צו זאגען דעם קדיש בלשון תרגום כדי זיי זאלען אויך פארשטייען. תוס׳ ברכות דף ג׳:

(תסז) טעם. וואס מען האט מתקן געוועזען צו זאגען קדיש אויף די מתים. ווייל מיט דעם וואס מען זאגט נאך אמן איז מען ממשיך אכח הטהרה און מען מאכט קאלט דאס גיהנם אשעה מיט אהאלבע. און דער כח הטומאה קען נישט שולט זיין אין זיין פאטער אדער אין זיין מוטער אין דער צייט. נאר מען ברענגט איהם אין גן עדן א). סדה״י:

(תסח) טעם. וואס דער מנהג איז צו זאגען קדיש נאר עליף חדשים. כדי ער זאל נישט מאכען אויס זיין פאטער און מוטער רשעים. וואריין דאס משפט פון דעם רשע איז צוועלף חדשים. (רמ״א): דער מנהג איז דאס מען הערט אויף איין טאג פריער קדיש צו זאגען. דהיינו. אז די יאהר צייט איז למשל אכט טאג אין אדר. און זיבען טאג אין שבת וועט זיין ביום ב׳. זאל ער נאך זאגען קדיש ביום ב׳ זיבען טאג אין שבת צו מנחה אין די נאכט וואס געהער צו יום ג׳ זאל ער שוין נישט קדיש

פערלאנגין די עקידה פון זיין זיהן יצחק. און השי״ת האט בודאי געוועזין זיין תפלה אן גענימען. און ווען אברהם אבינו האט אזוי נישט געטאן איז דער טעם ווייל אברהם אבינו האט געזעהן אז די עקידה פון יצחק וועט מען איהם תמיד גידענקין צו זיינע קינדער מיט רחמים. און דאס איז די עבודה פון צדיקים אז זייא דינען מיט דעם צו השי״ת. און די מעשה האט איינער פון זיינע חסידים דער צײלט להרב הגאון מו״ה **יעקב אורינשטיין** זללה״ה האט ער געזאגט עס איז שוין אלאנגע צייט וואס עס איז בייא איהם געשטארבין זיין איינציגער זיהן מוהר״ר מרדכי ז״ל און ער האט נישט געפינען איין טרייסט צו זיין הארץ אוף זיין טרויערין ביז ער האט געהערט דעם סיפור. בארות המים:

א) דער זוהר חדש ברענגט אמעשה פון אגרויסען תלמיד חכם וואס איז געגאנגין אין די בערג פון ארדט און האט געהערט אגרויס קול מיט אביטער געוויין וואס האט געשריגין ווי ווי ביז ער האט געזעהן איין מענטש. האט איהם דער תלמיד חכם געפרעגט ווער ביסטו. האט ער איהם געענפערט איך בין ארשע און מען איז מיך שוין דן פיהל יאהר אוף די גרויסע עבירות וואס איך האב געטאן אין דער צייט פון מיין לעבין. האט איהם דער תלמיד חכם געפרעגט וויא ער הייסט. האט ער איהם געענפערט אז ער געדענקט נישט זיין נאמען. ווארין די רשעים געדענקין נישט זייער נאמין. נאר ער האט איהם געזאגט דאס ארט וויא ער האט געוואנט. און דעם נאמען פון זיין ווייב. איז דער חכם געגאנגין אין זיין שטאט וויא ער האט געוואנט. און האט אויף איהם נאך געפרעגט האט מען איהם געענפערט אז ער איז געוועזען אגרויסער רשע ער האט נישט נאך געלאזט איין עבירה וואס ער האט אוף איהר נישט עובר געוועזען. אויך האט ער אקליינים זיהן איבער געלאזט וואס ער איז אויך אזוי איין רשע וויא זיין פאטער. האט דער חכם דעם זיהן צו זיך אהיים גענימען. און

האט

קדיש זאגען. אויך דיא שווארצע קליידער קען מען אויס טוהן נאך עליף חדשים. פ"מ:

(תסט) טעם. וואס עס וועט אהן גערופען רבנן קדיש. ווייל דאס איז איין בקשה אויף די רבנן. א"ר:

(תע) טעם. ווס מען זיצט זיבען טאג שבעה. ווייל עס שטייט. (והפכתי חגיכם לאבל). איך וועל איבער קעהרין אייערי ימים טובים צו טרויער. אין אזוי וויא יו"ט איז זיבען טאג אזוי איז אבילות אויך זיבען טאג. (מ"ק). אין דורך דעם טעם איז מען נוהג דאס מען פאלט נישט קיין תחנון ביא איין אבל. ט"ז:

(תעא) טעם. אז מען איז נישט חייב אין אבילות ביז ער וועט אלט י"ג שנים. ווייל דער טעם פון אבילות איז כדי ער זאל האבען פחד. אין נאך זעהן זיינע מעשים. אין טוהן תשובה. אין ביא אקטן גייט נישט אהן דער טעם פון תשובה ווייל ער איז נישט בר עונשים. נאר קריעה רייסט מען איהם דורך עגמת נפש. (באה"ט סי' ש"מ). איין נקיבה ווען זי ווערט אלט צוועלף יאהר איז חייב אין אבילות:

(תעב) טעם. וואס דער מנהג איז אז מען איז נישט מנחם דעם אבל ביז דעם דריטען טאג. ווייל ביז דריא טאג טוהט מען

נאך

האט מיט איהם גוואלט לערנין א. ב. האט ער נישט גיקענט מקבל זיין. האט דער חכם גיפאסט דרייא מאהל צו פערציג טאג אין האט פאר איהם גיבעטין ביז דער זיהן האט אן גיהויבין מקבל צו זיין אלע מאל מער ביז ער האט גיט גיקאנט לערנין. אין מען האט איהם מסמך גוועזען. דער נאך איז גיקימען דער פאטער פון דעם זיהן אין חלום צו דעם חכם. אין זיין פנים האט גישאנט וויא די זין אין תמוז פון דעם לוטערקייט פון דער שכינה וואס האט אוף איהם גישיינט. האט זיך דער חכם זייער דער שראקין און האט צו איהם געזאגט ווער ביזטו. האט דער פאטער פון דעם זיהן געזאגט צו דעם חכם וואהל איז צו דיר אין וויא גיט איז דיין חלק וואס די האסט מיך גימאכט זוכה זיין אין האסט מיך גיברענגט צו דעם כבוד דורך מיין זיהן. איך וויים גוט אז מיט דעם וואס די האסט גיפאסט היגדערט אין צוואנציג טאג. דאס האט מיר גיהאלפין. ווייל מיינע זינד זענין אזוי גרוס גוועזין אז עס זענין גיקימען שדים אין מלאכי חבלה אין האבין צו גידעקט דעם מוח פון מיין זיהן אז ער זאל נישט קענין מקבל זיין. כדי אז איך זאל נישט האבין אזכות. נאר אין דער צייט וואס איך בין גיהרגות גווארין דורך איין עכו"ם האט ער מיך נישט תיכף גיהארגות. נאר ער האט מיך דער שלאגין דורך איין פייל אין איך האב נאך גלעבט צווייא טאג. אין דורך די גרוסע יסורים וואס איך האב גיהאט האב איך מהרהר בתשובה גוועזען. ווארין איך האב געהאט אזכות אז אין דער צייט וואס איך בין גוועזען אמשומד האב איך פיהל יודען מציל גוועזען פון הריגה. אין אצינד ביא יעדען מאהל וואס מיין זיהן איז העכער גיגאנגען האט

מען

נאך דער קענין דיא צורה פון דעם פנים. איז גלייך וויא ער לעבט. אין אויף איינעם וואס ער לעבט קען מעז נישט אהן נעהמען תנחומין.
מ״ר ויקרא פי״ח:

(תעג) טעם. אז ווען מען באגראבט אמת אין ערב יו״ט אפילו פר נאכט אין מען האט נוהג גיוועזען אבילות נאר איין קליינע שעה פאר יו״ט. איז שוין יו״ט מפסיק דאס אבילות אין עס איז גלייך ער האט נוהג גיוועזען אבילות זיבען טאג. ווייל עס שטייט אין דר תורה ושמחת בחגך (זאלסט דיך פרייען אין דיינע ימים טובים) קומט איין עשה דרבים. וואס אלע יודען זענין געבאטען אין איז דוחה איין עשה פון איחיד.
לבוש סי׳ שצ״ט:

(תעד) טעם. וואס מען זאגט נישט הלל ביי איין אבל. ווייל עס שטייט דארט (לא המתים יהללו יה). דיא טויטע טאן נישט לויבען גאט. הייסט אזוי ווי מען שפעט אויס איהם. (ט״ז). ווען מען איז אבער מתפלל ביא איין אבל וואס ער איז נישט אין דעם הויז וויא דאס מת איז גיוועזען. ער איז אויף איין אנדער ארט גישטארבין זאל מען זאגין הלל. נאר דער אבל זאל נישט זאגין הלל. ווייל עס שטייט דארט זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו. דעם טאג האט גאט גימאכט אז מיר זאלען זיך אין איהם פרייען. א) (פתחי תשובה):

(תעה) טעם. וואס מען גייט אויף דעם בית הקברות אין אתענית. ווייל דאס בית הקברות איז דאס אורט וואס דארט רוהען דיא
צדיקים

מען גרינגער גימאכט מיין דין. אין אזוי וויא מיין זיהן איז געווארין בר מצוה אין האט עולה תורה גוועזן. אין האט גיהייליגט גאטס נאמען ברבים. אין האט געזאגט ברכו את ה׳. האט מען מיך ארויס גענימען פון דעם גיהנם. אין דעם זיהן האט מען גירופען הפקולי. ווארין דאס גיהנם וועט אן גערופען פלילה. אין פקו איז דיא טייטש אוס ציהן. דאס הייסט. פקו פלילה מען האט דורך איהם זיין פאטער אויס געצוגין פון דעם גיהנם. אין ר׳ שמעון הפקולי וואס ער האט מסדר גוועזען די ברכות פאר ר׳ גמליאל אין יבנה איז גוועזען פון זיין משפחה. פון דער מעשה קען מען אפ לערנין. מאדאך דער וואס איז גוועזען ארשע גמור. האט איהם זיין זיהן מציל גוועזען פון דעם גיהנם דורך זיין תורה. מכל שכן דער וואס איז מגדל זיינע קינדר צו תורה וועט דריבער האבין אזא זכות וואס האט קיין שיעור וערך: קיצור של״ה:

א) אויך זאל דער אבל אליין נישט זאגין למנצח יענך נאר דאס צבור. אויך זאל ער נישט זאגין אל ארך אפים. אין ואני זאת בריתי. (נועם מגדים). אויך זאל ער נישט זאגין ויהי נועם במוצאי שבת ווייל ער איז אסור צו טאן אמלאכה. (א״ר). אזוי אוך ביא הבדלה וואס ער מאכט אין מיטען דער שבעה. זאל ער נאר אן הייבין פון די ברכות. פתחי תשובה סי׳ שע״ו:

צַדִיקִים אִיז דָאס דוּרְךְ דֶעם אַמָקוֹם קָדוֹשׁ. דְרִיבֶּער וֶוערְט דָארְט דִיא תְּפִלָּה גֶעבֶּער אָהְן גִינוּמֶען. א) (מהרי״ל):

(תעו) טעם. וָואס מֶען רֵייסְט אוֹיס גְרָאז אָדֶער מֶען נֶעמְט אַשְׁטֵיין אוּן מֶען לֵייגְט אוֹיף דֶער מַצֵּבָה. דָאס אִיז דוּרְךְ כְּבוֹד הַמֵּת. צוּ ווייזען אַז עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אוֹיף זַיין קֶבֶר ב):

(תעז) טעם. וָואס דֶער מִנְהָג אִיז צוּ מַאכֶען יאהר צייט אוֹיף דִי פְּטִירָה פוּן זַיין פָּאטֶער אוּן מוּטֶער. ווייל אַיעֶדֶעם יָאהְר גֵייט דִיא נְשָׁמָה אוֹיף אַגְרֶעסֶערֶע מַדְרֵגָה. אַזוֹי בֶּעדַארְף מֶען זִיא נָאךְ אַמָאהל דַן זַיין. ווייל עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע עֲבֵירוֹת וָואס אוֹיף דֶעם עוֹלָם הֵייסְט עֶס נִישְׁט אַחֵטְא. אָבֶּער אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָעֶלְיוֹן וֶועט דָאס גִירֶעכֶנְט פַאר אַחֵטְא. דְרִיבֶּער בֶּעדַארְף מֶען אַיעֶדִים יָאהְר פַאר אִיהְם מִתְפַּלֵל זַיין. בְּשֵׁם הָרַב הַקָדוֹשׁ מו״ה יעקב מנאראל זצוק״ל:

(תעח) טעם. וָואס דִי מִיתָה פוּן אַצַדִיק וֶוערְט אָהְן גִירוּפֶען פְּטִירָה. ווייל עֶר וֶוערְט נִפְטָר פוּן דֶעם צַעַר פוּן דֶער וֶועלְט פוּן דֶעם עוֹלָם הַשֶּׁקֶר. אוּן אַז עֶר קוּמְט לְעוֹלָם הַבָּא אִיז צוּ אִיהְם אַשִׂמְחָה. ג) תוי״ תבא:

בלע המות לנצח ומחה ה׳ אלהים דמעה מעל כל פנים.

א) אִין סֵפֶר חֲסִידִים שְׁטֵייט אַז דִי מֵתִים הָאבִּין הֲנָאָה אַז זֵייעֶרֶע לִיבּ־הָאבֶּער אִין זֵייעֶרֶע קְרוֹבִים גֵייעֶן אוֹיף זֵייעֶרֶע קְבָרִים אִין בֶּעטִין גִישְׁט אוֹף זֵייעֶר נְשָׁמָה מֶען טוּהְט זֵייא מִיט דֶעם אַטוֹבָה. אִין אוֹךְ אַז מֶען בֶּעט פוּן זֵייא בֶּעטִין זֵייא אוֹף דִי לֶעבְּדִיגֶע מֶענְטְשִׁין:

ב) אוֹיךְ זָאל עֶר דִיא לִינְקֶע הַאנְד אַרוֹיף לֵייגֶען אוֹף דֶעם קֶבֶר. (בִּרְכֵּי יוֹסֵף). אִין דְרִישׁוּת מהר״ש שְׁטֵייט אַז עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹף אַקֶבֶר הָאט עֶר גִיזָאגְט. יהי רצון שֶׁתְּהֵא מְנוּחָתוֹ שֶׁל פְּלוֹנִי פֹּה בְּכָבוֹד וּזְכוּתוֹ יַעֲמוֹד לִי. אוֹיךְ טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אָן לֶעהְנִין אוֹיף דֶער מַצֵּבָה. ט״ז:

וּבְשֵׁם הָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ מצאנ״ז זצוק״ל אַז מֶען אִיז נִישְׁט גִוֶועזִין אוֹיף דֶעם קֶבֶר פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערִין צֶעהֶן יָאהְר זָאל מֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֵיין אוֹף דֶעם קֶבֶר:

ג) אִין דוּרְךְ דֶעם טַעַם מַאכֶען דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם צַדִיק אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַסְעוּדָה אַלֶע יָאר אִין דֶעם טָאג פוּן זַיין פְּטִירָה. ווייל אַיעֶדִים יָאר וֶועט עֶר דֶער הוֹיבִּין אִין דֶעם טָאג פוּן זַיין פְּטִירָה אוֹף אַהֶעכֶערִין עוֹלָם. בְּשֵׁם הָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ מטשארטקוב זצוק״ל. דֶער רמ״א שְׁרַייבְּט אִין סִימָן ת״ג אַז בְּשַׁעַת דֶער צַדִיק וֶועט נִפְטָר גֵייעֶן אִיהְם אַקֶעגִין דְרַייא כִּתּוֹת פוּן מַלְאָכִים אִין גֶעבִּין אִיהְם שָׁלוֹם אִין זָאגִין יבא שלום:

תם ונשלם שבח לאל בורא עולם: